STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05742

# ALE MESHOLIM FUN DUBNER MAGED

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# אלע משלים
# פון דובנער מגיד

געזאמעלט און איבערזעצט פון זיינע
ווערק „אהל יעקב“, „קול יעקב“, „כוכב
מיעקב“, „אמת ליעקב“ און „ספר המדות“

פון
ת ש ר " ק

אין צוויי טייל

ע ר ש ט ע ר   ט י י ל

ניו יאָרק
TASHRAK PUBLISHING CO.
187 East Broadway, New York

תרפ"ה

# THE PARABLES OF THE PREACHER OF DOUBNO

Copyright 1925
By ISRAEL J. ZEVIN

Press Work and Binding by Montauk Bookbinding Corp.
194 Greene Street New York, U.S.A.

צום אנדענקען פון אן אונפערגעסענעם פריינד

יעקב דינעזאָהן ז"ל

א שריפטשטעלער און א פאָלקס־לעהרער.

# אינהאַלט פערצייכנים

ערשטער טייל


| | |
|---|---|
| | זייט |
| איינלייטונג | 11 |


## מעשה׳לעך און אַנעקדאָטען פון דובנער מגיד׳ס לעבען


| | |
|---|---|
| 1. א משל אויף א משל | 25 |
| 2. א קשיא מיט א משל | 27 |
| 3. דער מלמד און די ציעג | 30 |
| 4. טרעפט אין ציעל | 31 |
| 5. קאָנסטאַנטינער מזיקים | 33 |
| 6. אומזיסט שטראָפט מען ניט | 33 |
| 7. עד כאן | 34 |
| 8. פרעמדע פעדערען | 38 |
| 9. א ריכטיגער בעווייז | 39 |
| 10. דעם שטנ׳ס א גוטער ברודער | 41 |
| 11. א מזומן לחיי עולם הבא | 43 |
| 12. קדחת און לויתן | 44 |
| 13. דריי עזות פנימ׳ער | 45 |
| 14. א זיכערע זאך | 46 |
| 15. א נאַר ווייס ניט וואָס איהם פעהלט | 47 |
| 16. זיי האלטען פון שולחן ערוך | 47 |
| 17. גרויסע סוחרים און קליינע סוחרים | 48 |


## דעם דובנער מגיד׳ס משלים


| | |
|---|---|
| 1. פון וועמעס כבוד וועגען? | 51 |
| 2. געבעטען אויף זיך דעם דלות | 55 |

| | | |
|---|---|---|
| 3. | אַן אנדענקען פאר אַן אנדענקען | 56 |
| 4. | אַ קלוגע עצה | 59 |
| 5. | אָבקומען מיט רייד | 60 |
| 6. | כאַטש איין מעלה | 61 |
| 7. | אלעמעם גלייכען | 63 |
| 8. | די נאַרען קומט אַ שטראָף | 64 |
| 9. | אַ שוטה בלייבט א שוטה | 66 |
| 10. | אַן אָרימאַנ׳ס שכל | 68 |
| 11. | משנה מקום משנה מזל | 70 |
| 12. | די גרויסשטאָדטיגע | 72 |
| 13. | צוויי עגונות | 74 |
| 14. | די פערבלאָנדזשעטע פוהרען | 76 |
| 15. | גאַנגבארע סחורה | 77 |
| 16. | די צוויי זייגערס | 78 |
| 17. | שלאָגען — א רפואה | 80 |
| 18. |ביידע האָבען זיך געפרעהט | 81 |
| 19. | א שעהנער מסחר | 83 |
| 20. | דעם טאַטענ׳ס מבינות | 84 |
| 21. | די שבועה האָט קאַליע געמאכט | 87 |
| 22. | אויסגעזוכט א שלעכטען צאָהלער | 88 |
| 23. | אמת׳ע טרערען און פאלשע | 89 |
| 24. | זיך אליין קאַליע געמאַכט | 92 |
| 25. | די ירושה | 94 |
| 26. | צוריקגעגעבען דעם משכון | 95 |
| 27. | מענש און חיה | 97 |
| 28. | מ׳קען די וועלט ניט איבערמאַכען | 99 |
| 29. | ער זינגט נעבעך | 100 |
| 30. | א כיטערער גנב | 102 |
| 31. | פון איילעניש קומט קיין גוטס | 104 |
| 32. | ווי וויינט און ווי נאָהנט | 107 |

זייט


| | | |
|---|---|---|
| .33 | דער אָרימאַן מיט׳ן זייגערל | 109 |
| .34 | דער שתדלן | 111 |
| .35 | ווען הינט בילען | 112 |
| .36 | אַ שלעכטער סימן | 114 |
| .37 | דער אָנצוהערענים | 115 |
| .38 | דער געראָטענער קרוב | 117 |
| .39 | איין פונקט פערגעסען | 119 |
| .40 | וואָס האָט ער פון אלטע גליקען? | 121 |
| .41 | צופיעל איז אומגעזונד | 123 |
| .42 | ביזט א זינגער, זיי אַ חזן | 124 |
| .43 | דער זייגערל | 125 |
| .44 | דער סוד | 126 |
| .45 | די געווירצטע מאכלים | 127 |
| .46 | דעם פאָטער׳ס תשובה | 129 |
| .47 | דורך פליים דערגרייכט מען אלעם | 130 |
| .48 | א גוטער אָנפאנג | 131 |
| .49 | דער בן מלך וואָס האָט פערגעסען | 133 |
| .50 | דעם אלמנ׳ס ליעבע | 135 |
| .51 | געהיילט געוואָרען | 137 |
| .52 | אן אונגעבעטענער גאַסט | 139 |
| .53 | צווישען פראָסטאַקעס א גאון | 140 |
| .54 | ער געהט מיט׳ן אמת | 141 |
| .55 | א פאָטער פערגעסט ניט | 143 |
| .56 | אַז א מלך קומט צוגאַסט | 144 |
| .57 | די גזלנים קומט א דאנק | 146 |
| .58 | צוויי שמחות | 147 |
| .59 | לא לנו | 149 |
| .60 | אַ וואָרנונג, ניט א שטראָף | 150 |
| .61 | דער קלוגער דיענער | 152 |
| .62 | אַ גרויסער בטוח | 153 |

| | | |
|---|---|---|
| 63. | אַ קלוגער סוחר | זייט 154 |
| 64. | בעל הבית און בעגלייטער | 155 |
| 65. | די צוויי זיהן | 156 |
| 66. | געוואָלט זיין זיכער | 157 |
| 67. | עס העלפט ניט דער כעס | 158 |
| 68. | ניט זיין פעקל | 159 |
| 69. | קיינער צאָהלט ניט פאָרויס | 161 |
| 70. | א קלוגע עצה | 162 |
| 71. | די ווערקצייג | 164 |
| 72. | אָנגעקליבענע גאַל | 165 |
| 73. | די שעהנע כלי | 166 |
| 74. | פאר'ן קאָנטראקט, נאָכ'ן קאָנטראקט | 168 |
| 75. | זיי האָבען זיך געביטען | 170 |
| 76. | דער ערגסטער רשע | 171 |
| 77. | פון א גילדען א פערמעגענס | 173 |
| 78. | א קינד'ס חכמה | 174 |
| 79. | ווען א קאָרגער פרעהט זיך | 175 |
| 80. | אן אָנשטעל פאר דער שטיפמאַמע | 176 |
| 81. | אַ סחורה פאַר אַ קאָרגען | 178 |
| 82. | ענטדעקט דעם רשע | 179 |
| 83. | וואָס האָט איהם וועה געטאָהן | 180 |
| 84. | אַלץ איז די ווייב שולדיג | 181 |
| 85. | פרעגען קשיות איז אונגעזונד | 183 |
| 86. | דער דאָקטאָר ווערט אַ מגיד | 185 |
| 87. | די מרשעת | 186 |
| 88. | צוקער איז קיין רפואה ניט | 188 |
| 89. | דער ניגון איז דער עיקר | 189 |
| 90. | געבליבען ביי דער מרשעת | 190 |
| 91. | א קלוגער איינפאַל | 191 |
| 92. | אריין דורכ'ן טיהר, ארויס דורכ'ן פענסטער | 192 |

| | | |
|---|---|---|
| .93 | אַ שלעכטער עסק | 194 |
| .94 | בעריהמט געוואָרען | 195 |
| .95 | דער גרעסטער נצרך | 196 |
| .96 | קיינער איז ניט זיכער מיט זיך | 198 |
| .97 | שוין אָבגעשפּיעלט די חתונה | 199 |
| .98 | גאָר אַן אַנדער טעם | 200 |
| .99 | ניט דערקענט דעם קרוב | 202 |
| .100 | דעם מלך׳ס כונה | 203 |
| .101 | די אייגענע נחלה | 205 |
| .102 | משוגע פאר וואוילטאָג, משוגע פאר נויטה | 206 |
| .103 | ניט קיין לצנות | 208 |
| .104 | דער לוין פון גוטסקייט | 209 |
| .105 | ווייס ניט ווי צו ריידען | 211 |
| .106 | אָנגעלערנט דעם רב | 212 |
| .107 | ווען א שלעפער איז אויך א יחסן | 214 |
| .108 | אַלט און ניי | 215 |
| .109 | אַ ביישפּיעל פון ליעבשאַפט | 216 |
| .110 | כבוד קאָסט טייער | 218 |
| .111 | וועמען האָט ער געמיינט ? | 219 |
| .112 | אַרויף און אַראָב | 220 |
| .113 | עס האָט זיך ניט געלוינט | 222 |
| .114 | אַ מענש פערגעסט שנעל | 223 |
| .115 | חרטה אויפ׳ן שידוך | 224 |
| .116 | ווער דאַרף צאָהלען ? | 226 |
| .117 | דער נאַר מיט׳ן זייגער | 229 |
| .118 | די שטראָף פון אַ פרעסער | 230 |
| .119 | דער מיטעל און דער צוועק | 232 |
| .120 | אַ נאַר טאָהר מען ניט ווייזען קיין האַלבע אַרבייט | 235 |
| .121 | געלד פערלוסט און בויכווייטאג | 237 |

| | זייט |
|---|---|
| 122. דער אָרימאַן און דער בעל עצה | 238 |
| 123. ער בעט פאַר'ן צווייטען | 240 |
| 124. דער זכות פון א זיידען | 241 |
| 125. מענשען פערגעסען שנעל | 243 |
| 126. די פּרינצליכע קליידער | 244 |
| 127. האנדעלשאַפט איז ניט פריינדשאַפט | 246 |
| 128. געוואָלט אויספיהרען ביסלעך ווייז | 247 |
| 129. אַ כבוד וואָס איז אן אומ'כבוד | 248 |
| 130. פערכאפט דעם וועג | 250 |
| 131. צוגעאיילט דעם מחותן | 251 |
| 132. אָהן חסרונות איז אויך א מעלה | 254 |
| 133. זינדיגט און רעדט צו אַנדערע צו זינדיגען | 256 |
| 134. דער פערטריבענער זוהן | 258 |
| 135. דער דאָרפסמאַן און זיין אוצר | 259 |
| 136. די בעלאַגערטע שטאָדט | 260 |
| 137. דער קלוגער משרת | 262 |
| 138. ניט איבעראל גילט גרויסקייט | 263 |
| 139. אַ קבצן ניט קיין בטוח | 265 |
| 140. בעסער וועניגער און גוט | 266 |
| 141. אוים יחסן | 267 |
| 142. דער עיקר האָט געפעהלט | 268 |
| 143. א שידוך אָבער ניט קיין גלייכער | 269 |
| 144. דעם מלך'ס מתנות | 271 |
| 145. צוויי מינים גוטע פריינד | 272 |
| 146. דער כתב און די קארעטע | 273 |
| 147. אז אַך און וועה צו דעם כבוד | 275 |
| 148. ווען מחותנים קריגען זיך | 276 |
| 149. טעות סוחר | 277 |
| 150. אַ קנאַפער בטוח | 278 |
| 151. געבליבען ביים קאַפּיטאַל | 279 |

| | זייט |
|---|---|
| 152. ווײסענשאַפט איז בעסער פון גאָלד | 280 |
| 153. דער דאָרפישער למדן | 282 |
| 154. דער בעל הבית איז איהם געפעלען | 284 |
| 155. ודע מה שתשוב לשכור | 285 |
| 156. דער צופיעסטעטער בן יחיד | 286 |
| 157. צופיעל איז אומגעזונד | 288 |
| 158. דער אָרימאַן האָט זיך אויסגעפוצט | 290 |
| 159. די צוויי יונגע ווייבלעך | 292 |
| 160. פון צוויי איז ער געבליבען איינער | 293 |
| 161. אַ לעכערדיגער זאַק | 294 |
| 162. לחם עוני | 297 |
| 163. הא לחמא און כהא לחמא | 298 |
| 164. אַ הונגעריגער פרעגט ניט | 300 |
| 165. שמיץ אַנשטאַט צוקערקעס | 302 |
| 166. דער בלינדער | 303 |
| 167. אַ גוטער תלמיד | 304 |
| 168. דער שלעכטער בײשפיעל | 306 |
| 169. צוויי געסט ביי איין טיש | 307 |
| 170. אן אַנזעצער אָהן מזל | 308 |
| 171. אַ בעוויז פון אַ בדחן | 311 |
| 172. די בעסטע עצה | 313 |
| 173. צונומען די הויז | 314 |
| 174. דער ערשטער און דער לעצטער | 315 |
| 175. דעם אָרימאַנ'ס אַפעטיט | 316 |

# איינליטונג.

דער דובנער מגיד איז ניט נאָר געווען גרויס אלס לעהרער און מאראל פריידיגער, נאָר אויך אלס שאפער פון דעם מגיד'ישען משל, וועלכער איז שפעטער ביי אידען געוואָרען שטאַרק פּאָפּולער. ניט נאָר אלס מוסר זאָגער האָט ער געדיענט דעם אידישען פאָלק, נאָר אויך אלס טרייסטער אין גלות, דען זיינע קלוגע, שאַרפזיניגע משלים, מיט זייער האַרציגען הומאָר, האָבען געבראַכט פרייד און פערגעניגען צו אלע אידישע הערצער, צו יונג און אלט, צו אָרים און רייך, צום גרויסען למדן אזוי ווי צום פשוט'ן בעל מלאכה. אלע האָבען הנאה געהאט פון דעם דובנער מגיד'ס משלים. אלע האָבען זיך געקוויקט מיט זיינע שעהנע מעשה'לעך וועלכע ער האָט געשאפען מיט זיין גרויסען טאלאַנט, מיט זיין טיעפען אריינבליק אין לעבען, מיט זיין שאַרפען חוש צו זעהן און פערשטעהן די מענשען מיט זייערע מעלות און חסרונות, מיט זייערע חכמות און נארישקייטען.

פון אלע גרויסע לייט פון זיין דור און פון פריהערדיגע דורות האָט דער דובנער מגיד געהאט דעם פאָרצוג וואָס ער איז געווען דער ב ע ל י ע ב ט ע ס ט ע ר. שוין איבער הונדערט מיט צוואנציג יאהר אז ער איז טויט און עד היום לעבט נאָך זיין פּאָפּולאַריטעט צווישען די גרויסע אידישע פאָלקסמאסען. זיינע משלים ווערען דערצעהלט און איבערדערצעהלט. זיי געהען נאָך ארום פון מויל צו מויל, אזוי ווי אין דער צייט וואָס ער האָט געלעבט. מגידים און דרשנים געברויכען נאָך זיינע משלים אין זייערע מוסר רעדען, און

ווי נאר דער עולם הערט דעם נאמען „דער דובנער מגיד", אזוי ווערען אנגעשטעלט מויל און אויערען, די פנים'ער שמייכלען, די אויגען לייכטען, און יעדער איינער זוכט ניט צו פערלירען א ווארט פון דעם משל.

דער משל איז א פאעטישע פארמע וואס איז זעהר אלט ביי אידען. די אלטע אידישע דיכטער האט מען גערופען „מושלים", משלים מאכער. משלים ווערען צוטיילט אין צוויי קאטעגאריען: פאבעלען און פאראבעלען. דער פאבעל איז א מעשה וועגען חיות, ווי פויגלען, פוקסען, וועלף, לייבען, וואס האבען כלומר'שט גערעדט און געטאהן זאכען, און אין דעם וואס ווערט דערצעהלט וועגען די חיות אדער די עופות, צייגט מען אן א מוסר השכל פאר'ן מענשען. דער פאראבעל איז א מעשה וועגען מענשען גופא און איז ערשטענס א שעהנע מעשה מיט א מאראל אין זיך אליין, און דערצו דיענט עס אלס מוסר השכל פון אנדערע מענשען, אדער פאר די בעציהונגען פון דעם מענשען צו גאט.

די משלים פון דעם דובנער מגיד זיינען אלע פאראבעלען. ער האט זיי גענומען פון ריכטיגען לעבען, פון דעם לעבען און די פיהרונגען פון לעבעדיגע מענשען. דארום האבען די משלים פון דובנער מגיד אן אונשאצבארען היסטארישען און עטנאגראפישען ווערטה. די מעשיות וואס ער דערצעהלט אונז, גיבען אונז א קלארען בעגריף ווי אונזערע עלטערען האבען געלעבט אין ליטא און אין פוילען, אין דער צייט ווען אין דייטשלאנד האט אנגעהויבען זיך צו בעווייזען דער ערשטער צייכען פון א נייעם לעבען פאר אידען אונטער די פיהרערשאפט פון מאזעס מענדעלזאהן, און אין ווילנא האט די גרויסע ליכט פון תורה, אין האנד פון ווילנער גאון, בעלויכטען דעם גאנצען אידישען גלות. מיר זעהען פאר זיך ווי לעבעדיג די ראשי הקהל, די פרנסים, די מלמדים און זייערע בעהעלפערס, די בעלי עגלה און די אכסניות, די זיידענע יונגע־לייטלעך און די סוחרים וואס האנדלען מיט

לייפציג, ישוב'ניקעס און ארענדארען, תקיפים און אנזעצער, משרתים, לעהרער־אינגלעך, בעלי בתים, שמשים, שדכנים, חתנים, כלות, מחותנים... זיי לויפען פארביי אונז אין גאנצע גרופען דיזע גלות־טיפען, וואס זיינען שוין כמעט אלע פערשוואונדען, אבגעווישט פון דער ערד און פערגעסען. ווער וויים, אויב אין פופציג יאהר ארום וועט נאך זיין ווער עס זאל וויסען וואס עס איז אן ארענדאר, א ראש הקהל, א פרנס חודש, אדער א בעהעלפער?

פאר דעם צוקינפטיגען היסטאריקער זיינען די משלים פון דובנער מגיד א רייכער מאטעריאל. דער דובנער מגיד האט דעם גרעסטען טייל פון זיינע משלים, אדער פאראבעלען, פערפאסט מיט דעם צוועק צו ערקלערען די מיינונג פון שווער־רע אדער ניט גאר דייטליכע פסוקים אין תנ"ך, אבער צו דער זעלבער צייט ענטהאלט יעדער משל אין זיך אליין א שעהנע מאראל, אדער א קריטיק אויף מענשען און אויף זייער ארט לעבען.

*

זעהר וועניג איז בעוואוסט פון דעם לעבען פון דיזען גרויסען מאן. מיט גרוים מיה איז מיר געלונגען צוזאמענ־שטעלען דיזע קורצע ביאגראפיע פון דעם ביסעל מאטעריאל וואס איך האב אויסגעזוכט אין פערשידענע ספרים, און אין דער הקדמה וואס דעם דובנער מגיד'ס תלמיד ר' אברהם בערוש פלאהם האט געשריבען צו זיין רבי'ס ווערק „ספר המדות".

דער דובנער מגיד, וועמעס פולער נאמען איז געווען ר' יעקב קראנץ, איז געבוירען געווארען אין זעטיל, ווילנער גור־בערניע, אין יאהר תק"א (1741). דער ריכטיגער טאג און חודש פון זיין געבורט איז אונבעקאנט. ער האט געשטאמט פון א לאנגע קייט רבנים און גאונים, הן פון זיין פאטער'ס און הן פון זיין מוטער'ס צד. זיין פאטער הרב ר' זאב איז געווען רב אין זעטיל און ביז זיין אכטצעהנטען יאהר האט

ר׳ יעקב געלערנט ביי זיין פאטער. דאן איז ער געפאהרען אין מעזריטש און דארט געלערנט אין בית מדרש. ער האט באלד בעקומען א גרויסען נאמען אין שטאדט, און יעדען טאג פלעגען זיך ארום זיין טיש קלייבען לומדים צו הערען פון איהם חדושי תורה, וועלכע ער פלעגט מישען מיט קלוגע ווערטלעך און משלים. און אז די בעלי בתים פון שטעדטעל האבען געזעהן די גרויסע אייגענשאפט פון די מענשען וואס שטופען זיך צו הערען דעם יונגען ר׳ יעקב, האבען זיי איהם גענומען בעטען, אז ער זאל ארויפגעהן זאגען זיינע חדושים אויף דער בימה, אום אלע זאלען איהם קענען הערען, און דאס איז געווען דער אנפאנג פון זיין גרויסע קאריערע.

נאך זיינע צוויי אדער דריי ערשטע דרשות פאר׳ן עולם האט מען איהם אויפגענומען אין מעזריטש אלס שטאדט־מגיד און ער האט דעם אמט אנגעהאלטען צוויי יאהר. נאכ־דעם האט מען איהם צוגענומען פאר א מגיד אין זאלקאווא, און פון דארט האט מען איהם צוגענומען אין דובנא, וואו ער איז אבגעווען גאנצע אכטצעהן יאהר, און וואו ער האט זיך געמאכט זיין גרויסען נאמען. דורך יענער צייט האט ער בעקומען דעם נאמען „דער דובנער מגיד״. ער איז נאכ־דעם געווען מגיד אין פערשידענע שטעדט, אבער ער איז אלץ געבליבען ביי זיין נאמען „דער דובנער מגיד״. און מיט דעם נאמען קענען איהם אלע אידען עד היום, הונדערט און צוואנציג יאהר נאך זיין טויט.

ער איז געווען דער איינציגער אין זיין פאך. א רעד־נער מיט א גרויסען אראטארישען טאלאנט און א דיכטער פון הויכען ראנג. זיינע משלים זיינען א רייכער בייטראג צו דער אידישער ליטעראטור. ווען דער דובנער מגיד איז געווען אין בערלין, איז איהם געקומען הערען מאזעס מענ־דעלזאהן, און דער גרויסער פילאזאף איז אזוי ענטציקט גע־ווען פון דעם גרויסען מגיד און פון זיינע משלים דאס ער האט איהם גערופען „דער אידישער עזאפ.״

הגאון רבי אליהו, בעקאנט אלס „דער ווילנער גאון“, איז געווען איינער פון ר׳ יעקב׳ס פערעהרער. ער פלעגט צו איהם שרייבען ידידות בריוועלעך און ביי א געלעגענהייט איהם איינלאדען צו זיך, אין ווילנא, מיט איהם צו פערבריינגען. איינמאל, נאכדעם ווי דער ווילנער גאון איז אויפגעשטאנען פון א שווערע קראנקהייט, האט ער געשריבען צום דובנער מגיד: „אספרה נא לידידי כעל גמולת שגמלני ד׳, ברב טבו חלץ נפשי מתחלואות קשות, הפליא לעשות עמדי. יבוא ידידי לביתי ואל יאחרו פעמיו, לשוב רוחי ולהשתעשע אתי . . .“ (איך וויל דערצעהלען מיין פריינד פון די גרויסע גוטעס וואס דער אייבערשטער האט מיט מיר געטאהן. ער האט מיך גערעטעט פון א שווערע קראנקהייט, גרויסע וואונדער האט ער מיר געטאהן. זאל מיין פריינד קומען צו מיר אהיים, און זאל ער זיך ניט פערשפעטיגען צו ערקוויקען מיין גייסט און זיך צו אמוזירען מיט מיר.)

וועגען די פריינדשאפט צווישען דעם גאון און דעם מגיד געהען ארום פערשידענע שעהנע אנעקדאטען, וועלכע דער לעזער וועט געפינען אין אנפאנג פון דער זאמלונג. זיי צייגען אז דער מגיד האט זיך געפיהלט גאנץ היימיש אין דער נעגענווארט פון גאון און האט זיך ערלויבט צו מאכען שפאסען אויף זיך אליין, ווארשיינליך אום צו מאכען דעם גאון פיהלען גוט. עס ווערט דערצעהלט אז איינמאל האט דער דובנער מגיד פירגעהאלטען דעם ווילנער גאון וואס ער זיצט אימער פערמאכט אין זיין צימער, אבגעזונדערט פון דער וועלט. ער האט אזוי געזאגט: „א קונץ איז דאס צו זיין אזוי בעריהמט, ווען איהר פערשפארט זיך בחדרי חדרים, אבגעזונדערט פון מענשען, און צייגט זיך זעלטענס פאר׳ן עולם. איהר האט בעדארפט ארומפאהרען און ארומוואנדערען אזוי ווי איך, זיך מישען מיט אלערליי מענשען, זיי זאלען אייך זעהן און ריידען מיט אייך, אט דאן אז איהר וואלט געקענט זיין בעריהמט וואלט עס טאקע געווען א קונץ!“

דאָרויף האָט דער גאון גלייכגילטיג געענטפערט:
„נו, בין איך ניט קיין קונצענמאכער . . ."

טראָץ זיין גרויסקייט און פּאָפּולאַריטעט האָט דער דובּ־נער מגיד געלעבט אין אָרימקייט און אין דחקות. זיינע ספרים זיינען פערקויפט געוואָרען אין די צעהנדליגע טויזענדער. פערלעגער האָבען פון זיי געמאכט פערמעגענס, אָבער די ווערק זיינען געדרוקט געוואָרען ערשט נאָך זיין טויט און ער האָט גאָרניט גענאָסען פון די פרוכט פון זיין גלענצענדע שאָפונג.

אויסער זיינע מגידות איז ער אויך געווען ראש ישיבה פון זיין שטאָדט און האָט ערצויגען א גרויסע צאָהל תלמידים. זיין לערנען גמרא איז געווען זעהר אינטערעסאנט. די שווערסטע זאכען פלעגט ער ערקלערען מיט א משל. פאר זיין טויט האָט ער דערצעהלט אז זייט ער איז געוואָרען אכט־צעהן יאָהר אלט, האָט ער קיינמאָל ניט געשלאָפען לענגער ווי ביז האלבע נאכט, און נאָכדעם פלעגט ער אויפשטעהן און לערנען. ער האָט געלעבט דעם לעבען פון א צדיק מיט טבילה יעדען טאָג, און די תפילין פלעגט ער ניט אויסטאָהן ביז נאָך מנחה. ביים דאווגען פלעגט ער שטעהן מיט'ן פנים צום וואנד, און אזוי ווי ער איז געווען א הויכער מאַן און א בעל בשר, פלעגט ער זיך איינבויגען אין דרייען און פלעגט אזוי אָבשטעהן דעם גאנצען דאווגען. זיין בענקעל איז אימער געווען נאס פון טרערען, און ער פלעגט פערגיסען טייכען טרערען אפילו שבת און יום טוב. גאנץ אָפט פלעגט ער אין מיטען לערנען זיין שיעור צוגעהן צו זיין שטענדער אויף וועלכען עס איז געלעגען א סדור מיט א תהלים און ער פלעגט אָבזאָגען עטליכע קאפּיטלעך תהלים מיט גרויס גע־וויין.

קיינער האָט ניט געוואוסט די אורזאכע פון דעם וויי־נען. עס איז פאר אלעמען געווען א געהיימניס וואָס קיינער האָט ניט געקענט ערקלערען. מען האָט געפיהלט אז אין זיין

לעבען איז דאָ עפּעס טראַגישעס. ערשט נאָך זיין טויט איז דער סוד ענטדעקט געוואָרען. דער שמש, וועלכער איז געווען דער איינציגער וואָס האָט געוואוסט דעם סוד, האָט דערצעהלט, אז דער מגיד האָט איהם מיט יאָהרען פריהער אָנגעזאָגט דאָס ער זאָל איהם געבען צו וויסען יעדען מאָל ווען אין שטאָדט איז דאָ איינער וואָס ליידעט פון אן אונגליק, אָדער וואָס איז קראַנק, אום ער זאָל קענען מתפּלל זיין פאַר איהם, און יענער זאָל גאַר ניט וויסען פון דעם.

*

איינמאָל, שבת, איז ר׳ יעקב געשטאַנען אויף דער בימה און געדרשנט. די שוהל איז געווען פול געפאַקט מיט אַן עולם וואָס האָט געשלונגען זיין יעדען וואָרט. פון זיין מויל האָבען זיך געשאָטען פּערל, ליכטיגע געדאַנקען, וואָס האָבען זיינע צוהערער פערטראָגען אין די העכערע וועלטען, דאָרט וואו די מלאכים זינגען שירה און נשמות פון צדיקים שפּיגלען זיך אין דעם גלאַנץ פון דער שכינה. ר׳ יעקב אליין האָט זיך געפיהלט פּנים אל פּנים מיט דער מרכבה, און פּלוצלונג האָט ער געהערט אויף זיך א קטרוג פון דעם שטן פאַר די פּמליא של מעלה . . . ער האָט נאָכגעזוכט זיינע מעשים און האָט אין זיך קיין זינד ניט געפונען, אָבער ער האָט געפיהלט אז ער איז אַרונטער פון זיין מדרגה און ער איז ניט מעהר וואָס ער איז געווען . . . ער האָט זיך געטראַכט אז ווארשיינליך איז דאָס א שטראָף פאַר א קליינע עבירה, פון יענע עבירות „שאדם דש בעקביו“ — וואָס דער מענש בעגעהט און בעמערקט גאָר אליין ניט וואָס ער טוהט. און אום צו פערריכטען זיין פעהלער האָט ער אויף זיך גענומען גלות . . . ער האָט פאַר א צייט אַרומגעוואַנדערט איבער דער וועלט ווי א פּשוט׳ער אָרימאַן, געהענדיג פון שטעטעל צו שטעטעל, בעהאַלטענדיג זיין נאָמען און זיין גרויסקייט, געליטען דחקות און ערנידערונג, ביז ער האָט געפיהלט אז זיין זינד איז שוין אָבגעוואַשען געוואָרען.

וועגען דיזער גלות־צייט זיינען דא פיעלע מעשה׳לעך. גאנץ אפט פלעגט איהם אויסקומען צו הערען אנדערע מגידים וואס זאגען איבער זיינע משלים און דערמאנען אפילו ניט פון וועמען זיי האבען דאס גענומען. דיזע מעשה׳לעך וועט דער לעזער געפינען ווייטער אין דיזער זאמלונג.

דער דובנער מגיד האט אין זיינע דרשות קיינמאל ניט געשראקען זיינע צוהערער מיט גיהנום. ער האט געהאט זיין אייגענע רעליגיעזע פילאזאפיע, וועלכע ער ערקלערט אויף א מייסטערהאפטען אופן אין זיין „ספר המדות“. א מענש דארף זיין גוט און פרום, ניט צוליעב דעם אז ער זאל אויסמיידען א שטראף אויף יענער וועלט און זאל קריגען א שכר, א בעלוינונג. נאר עס איז זיין פפליכט צו זיך אליין צו זיין גוט און פרום, היטען די ריינקייט פון זיין נשמה, אדער געוויסען, גראדע אזוי ווי ער היט די ריינקייט פון זיין קערפער און זיינע קליידער. יעדער מענש מוז שטרעבען צו „ה ש ל מ ו ת“, פאלקאמענהייט, און א מושלם, א פאלקאמענער מענש איז נאר דער וואס היט די גאנצקייט פון זיין נשמה, אזוי ווי די גאנצקייט פון זיין גוף.

ווען ער פלעגט אנקומען אין א שטאדט, פלעגט ער דרשנען מעהר ווי איין מאל. זיינע ערשטע דרשות זיינען געווען פול מיט זיין געוואוינליכען וויץ און הומאר, וואס פלעגט ברענגען דעם עולם אין א יום טוב׳דיגער שטימונג. ער איז געווען א טרייסט און אן ערקוויקונג פאר אלע הערצער. אבער זיין אבשיידס רעדע איז שוין געווען פון אן אנדער סארט. אין דעם פלעגט ער זאגען מוסר און וועקען די הערצער פון אידישע קינדער, אז זיי זאלען זיך אומקעהרען צו זייער פאטער אין הימעל. מיט דיזע רעדע פלעגט ער אזוי ריהרען די הערצער פון זיינע צוהערער דאס זיי פלעגען פערגיסען טייכען טרערען.

איינמאל איז דער דובנער מגיד געקומען קיין יאראסלאוו. דער דארטיגער רב ר׳ הירש וואהל, בעקאנט אלס ר׳ הירש מייצעס, האט דעם מגיד צוגענומען צו ז י ך אין הויז,

האט איהם אבגעגעבען א צימער וואו ער זאל קענען זיצען רוהיג און לערנען אונגעשטערט, די גאנצע צוויי אדער דריי וואכען וואס ער האט דארט גערעכנט צו פערבלייבען. ביי דעם רב איז געוועזען אן איידים אויף קעסט, ר׳ יעקב אורינ־שטיין, וועלכער איז שפעטער געוועזען רב אין לעמבערג. דער איידים האט געהאט א חבר, ר׳ הערשעלע, וועלכער איז שפע־טער געוועזען רב אין באנהארד. דער איידים מיט זיין חבר האבען פיעל פערבראכט צוזאמען מיט דעם דובנער מגיד און יעדען מאל וואס ער האט גערעדט אין שוהל, פלעגען זיי מיט איהם מיטגעהן, איהם הערען. ווען ער האט גערארפט זאגען זיין לעצטע דרשה, האט ער געזאגט צו די צוויי יונגע לייט: „היינט איז בעסער אז איהר זאלט ניט געהן מיך הערען. אז עבירה די צייט וואס איהר צורייבט פון לערנען.“ און ווען זיי האבען איהם געפרעגט, ווארום גראדע דיזען מאל וויל ער ניט אז זיי זאלען איהם געהן הערען, האט ער זיי דערצעהלט, אז מיט זיין לעצטער דרשה מאכט ער אימער דעם עולם צו וויינען, און אזוי ווי די צוויי יונגע לייט האבען שוואכע הער־צער, וויל ער זיי פערשפארען דעם וויינען. די צוויי יונגע לייט האבען זיך צולאכט און געזאגט: „האט קיין מורא ניט, רבי, מיר וועלען ניט וויינען.“ וואס ווייטער איז געוועזען וועט לען מיר איבערגעבען די רייד פון ר׳ יעקב אורינשטיין, וועל־כער האט עס דערצעהלט צו ר׳ אברהם בערוש פלאהם, א תלמיד פון דובנער מגיד.

„ווי נאר דער דובנער מגיד איז ארויף אויף דער בימה און איך האב א קוק געטאהן אויף זיין פנים, האט אין מיר אנגעהויבען צו ציטערען יעדעס גליעד און האב זיך באלד צוואויינט. מיין חבר האט זיך אבער איינגע׳עקשנ׳ט און האט זיך איינגעהאלטען פון וויינען א גאנצע פערטעל שטונ־דע, אבער נאכדעם האט ער אזוי שטארק זיך צוואויינט, דאס ער איז געווארען געפעהרליך קראנק, ווייל ער איז טאקע געוועזען א זעהר שוואכער מענש.“

זיינע לעצטע פופצעהן יאהר האט דער דובנער מגיד געלעבט אין זאמאשץ. דארט איז ער נפטר געווארען י"ז טבת, תקס"ה (18טען דעצעמבער 1804). אויף זיין מצבה געפינט זיך פאלגענדער אויפשריפט:

יבא יעקב שלם לפק
הדרשן הגדול המפורסם
אשר שמעו הלך בכל המדינות
לפניו לא היה ואחריו
לא יקום כמהו איש
אשר רוח אלהים דובר בו
מ"ו ר' יעקב מגיד מ'
דפה בן מ"ו ר' זאב ז"ל

## יעקב מגיד

ווי פריהער געזאגט, האט דער דובנער מגיד ניט דער־לעבט אליין צו זעהן זיינע ווערק אין דרוק. ער האט אפילו ניט געקענט האפען אז זיינע שריפטען וועלען אמאל זיין גע־דרוקט. זייענדיג אימער פערנומען מיט לערנען און מיט זא־גען און מיט נסיעות איבער דער וועלט, האט ער ניט גע־קענט געפינען די צייט צו ברייגגען זיינע שריפטען אין ארד־נונג. די ארבייט איז געפאלען אויף זיין תלמיד ר' אברהם בערוש פלאהם, וועלכער איז אליין אויך געוועזן א גרויסער מגיד און דערצו האט ער געהאט א פליסענדע פעדער מיט אן אנגענעהמען סטיל. ער האט זיין רבי'ן געשעצט זעהר הויך און מיט זעלטענע טרייהייט און איבערגעבענהייט האט ער זיך גענומען צו ברייגגען זיין רבי'ס שריפטען אין ארד־נונג און זיי ארויסגעבען אין בעזונדערע ווערק.

די ארבייט איז געווען אן אונגעהויער שווערע. דער „ספר המדות", וועלכער איז א נייער „חובות הלבבות", איז

געווען די איינציגע ווערק וועלכע דער דובנער מגיד האט צו־זאמענגעשטעלט אין ארדנונג. די איבעריגע שריפטען זיינע זיינען בעשטאנען פון צוואווארפענע בויגעלעך פאפיער, פון פערשידענע גרויס, אהן ארדנונג, די מייסטע פון זיי פער־שריבען בלויז מיט קורצע נאטיצען, דאס נאר דער וואס האט דעם מגיד פיעל געהערט ריידען און איז געווען בעקאנט מיט זיינע משלים און דרשות האט זיי געקענט פערשטעהן. און דאס איז געווען זיין תלמיד ר' אברהם בערוש פלאהם. ער האט מיט גרויס פליים, מיט איבערנאטירליכע ענערגיע און מיט פשוט'ע מסירת נפש די גרויסע ארבייט פערענדיגט אין א משך פון עטליכע יאהר. ווען ניט דיזער טרייער תלמיד וואלט דער גרויסער אוצר אין גאנצען פערלארען געגאנגען. און נאר איהם האבען מיר צו פערדאנקען וואס דיזער פאלקס אוצר איז געראטעט געווארען פון דער פערגעסענהייט.

די משלים וואס געפינען זיך אין דיזער זאמלונג זיינען ארויסגענומען פון די פאלגענדע ווערק פון דובנער מגיד:

1. „אהל יעקב", דרשות אויף חמשה חומשי תורה.
2. „כוכב מיעקב", דרשות אויף די הפטורות.
3. „קול יעקב", דרשות אויף די חמש מגלות.
4. „אמת ליעקב", דרשות אויף דער הגדה.
5. „ספר המדות", איבער מאראל און עטהיק.

אין דער זאמלונג זיינען אויך אריינגעגעבען געווארען א סך משלים פון דעם דובנער מגיד, וואס זיינען דערמאנט אין די ווערק פון אנדערע מגידים, וואס האבען געלעבט אין זיין צייט און אויך אזעלכע משלים וואס געהען ארום בעל פה צווישען פאלק. צו יעדען משל איז צוגעגעבען געווארען דער נמשל. עס זיינען דא אבער א סך משלים וואס ווערען ווידערהאלט אין זיינע ספרים עטליכע מאל, און יעדען מאל מיט אן אנדער נמשל. אין אזעלכע פאלען האב איך אויס־געקליבען דעם נמשל וועלכער איז מיר פארגעקומען צו זיין לייכטער פאר'ן לעזער. אין א צאהל משלים האב איך גע־געבען בלויז דעם עטהישען מוסר השכל, ווייל דער נמשל איז

צו לאנג וואס פערציהט זיך מיט דרשות אויף פסוקים, און דאס וואלט געווען א גרויסע אנשטרענגונג פאר'ן לעזער. דער צוועק פון דיזער ארבייט איז געווען צו געבען די אי־דישע מאסען א פאפולערע ווערק, א דבר השוה לכל נפש.

ביי דער געלעגענהייט וויל איך אויסדריקען מיין אינניגסטען דאנק צו מיין ליעבע פרוי צפורה בת הרב ר' מיכל דוד בערמאן, פאר איהר גרויסע לייסטונג צוזאמענ־שטעלען מיינע מאנוסקריפטען אין ארדנונג און אויסמאכען דעם אינהאלט פערצייכנים.

ישראל י. זעווין (תשר"ק).

ניו יארק, כ' סיון, תרפ"ה.

# מעשה׳לעך און אנעקדאָטען
# פון דובנער מגיד׳ס לעבען

1

# אַ משל אויף אַ משל

מען האָט אַמאָל דעם דובנער מגיד געפרעגט: פאַר וואָס האָט דער משל אַזאַ קראַפט, דאָס ער מאַכט אויף אַ מענשען אַ שטאַרקע ווירקונג. האָט דער דובנער געזאָגט: „איך וועל דאָס אייך ערקלערען מיט אַ משל“.

און דאָס איז דער משל, וואָס ער האָט דערצעהלט:

דער אמת איז אַמאָל אַרומגעגאַנגען אין גאַס הויל נאַקעט, ווי די מאַמע האָט איהם געהאַט, האָט איהם קיין מענש אין הויז ניט געוואָלט אַריינלאָזען. ווער עס פלעגט איהם בעגעגענען, פלעגט פון איהם ענטלויפען מיט שרעק... אַזוי ווי דער אמת געהט אַרום אין ביטערע צרות, טרעפט איהם אָן דער משל. און דער משל איז געווען פערפוצט אין שעהנע קליידער פון פרעכטיגע פאַרבען. פרעגט דער משל: „זאָגט מיר, ר׳ קרוב, וואָס דרעהט איהר זיך אַרום איבער די גאַסען, אַזוי דערשלאָגען?“ ענטפערט דער אמת: „שלעכט, ברודער, איך בין שוין אַלט, זעהר אַלט, און קיינער וויל מיך ניט קענען“. זאָגט דער משל: „ניט דערפאַר וואָס דו ביזט אַלט האָבען מענשען דיך ניט ליעב, אָט בין

איך אויך זעהר אַלט, און פון דעסטוועגען וואָס עלטער איך ווער אַלץ מעהר ליעב האָבען מיך די מענשען. נאָר איך וועל דיר פערטרויען אַ סוד וועגען די לייט. זיי האָבען ליעב אַז יעדע זאַך זאָל זיין אויסגעפוצט און אַ ביסעל פערשטעלט. איך וועל דיר לייהען אַזעלכע קליידער ווי מיינע און דו וועסט זעהן אַז מענשען וועלען דיך אויך ליעב האָבען.״

דער אמת האָט געפאָלגט די עצה און זיך פערפוצט אין דעם משל׳ס קליידער. זייט דאַן געהען אמת און משל האַנד אין האַנד און מענשען האָבען זיי ביידען ליעב.

## 2

# אַ קשיא מיט אַ משל און אַ תירוץ מיט אַ משל

ווען דער דובנער מגיד איז איינמאָל געקומען צו גאַסט צום ווילנער גאון, האָט איהם דער גאון געפרעגט, ווי לאַנג עס נעהמט איהם צו מאַכען אַ משל. האָט דער דובנער גע־ענטפערט: „זאָגט מיר אַ פּסוק און איך וועל אייך פרעגען אַ קשיא מיט אַ משל און וועל אייך די קשיא אויך פערענט־פערען מיט אַ משל“. איז ביי זיי געבליבען, אַז זיי זאָלען אויפמישען אַ סדור, וואָס איז געלעגען אויפ׳ן טיש, און אויף וואָס פאַר אַן ארט דער גאון וועט אָנצייגען וועט דער מגיד פרעגען מיט אַ משל און ענטפערען מיט אַ משל.

מען האָט אויפגעמישט דעם סדור און דער גאון האָט אָנגעצייגט אויף די ווערטער „עננו כמו שענית לאברהם אבינו בהר המוריה“ — עס הייסט, אידען בעטען דעם אייבערשטען אַז ער זאָל ענטפערען זייער געבעט, אַזוי ווי ער האָט גע־ענטפערט די תפלה פון אברהם אבינו אויפ׳ן בארג מוריה.

„אָט דאָ ווילט זיך גלייך פרעגען אַ קשיא“, האָט דער דובנער מגיד אָנגעהויבען. „אַמאָל איז אין אַ שטעדטעל גע־ווען אַ קרעמער. האָט ער געהאַט צוויי קונדען, וואָס פלעגען ביי איהם קויפען סחורה. איינער איז געווען דער גביר פון שטאָדט, דער אַנדערער איז געווען אַן ארימאַן, אַן אביון. איינמאָל מאַכט זיך, אַז דעם גביר׳ס טאָכטער האָט חתונה, און ווי דער שטייגער איז, שיקען דאָך אַלע מתנות. נעהמט דער קרעמער און קויפט אַ טייערע כלי פאַר פופציג רובעל און שיקט עס אַריין צום גביר אין הויז. אַ קורצע צייט שפּעטער מאַכט דער ארימאַן אויך חתונה אַ טאָכטער. וואָס

זאָל איהם דער קרעמער שיקען? מסתמא ניט אַזאַ געהויי־בענע מתנה — פאַר אַ צוויי, אדער דריי רובעל. געגוג פאַר אַן ארימאַן. דער ארימאַן נעהמט זיך דאָס צום הארצען. ער קען זיך ניט איינהאַלטען און געהט צום קרעמער מיט אַ טענה: „ס'טייטש! יענער איז אַ גביר אדיר, וואָס האָט אַל־דאָס גוטס, שיקסטו איהם אריין אַ מתנה פאַר פופציג רובעל, און מיר — אַזאַ קליינינקייט!” דער קרעמער איז געוואָרען אויסער זיך פון דעם ארימאַן'ס חוצפה און ער האָט איהם געענטפערט: „דו קבצן, דו שלעפּער! דו האָסט נאָך טענות צו מיר? דער גביר גיט מיט אַזוי פיעל צו לייזען. אַז איך האָב פון איהם כמעט אַ האַלבע פּרנסה, אבער פון דיר וואָס לייז איך? פאַר אַ האַלבען הערינג, פאַר אַ קווער־טעלע קעראָסין, פאַר אַ גראָשען שוועבעלעך, און דאָס אויך מוז איך דיר אָפט געבען אויף באָרג און עס קומט מיר אַן מיט יסורים אויפצומאַהנען. קענסטו זיך גלייכען צום נגיד?”

און דאָס איז אַ קשיא אויף אונז אידען. ווי האָבען מיר די חוצפה צו בעטען פון רבונו של עולם, ער זאָל אונז ענטפערען אַזוי ווי ער האָט געענטפערט אברהם אבינו? פון אברהם אבינו האָט דאָך דער אייבערשטער זעהר פיעל געלייזט: אַ סך מצוות און מעשים טובים. אבער מיר זיינען דאָך אַזוי אָרים אין מעשים טובים. אונזער לייזונג בעשטעהט פון אַ קאַפּיטעל תהלים, פון אַ קדושה, אַ ברכו, און אָפטמאָל פער־בלייבען מיר בעלי חוב און זעצען אַן אויך אויף דעם . . .

„איז דאָך טאַקע אַ קשיא. און יעצט וועל איך די קשיא פערענטפערען אויך מיט אַ משל.

„אמאָל איז געווען אַ ישוב'ניק, איז ער געווען אַ זעהר פּראָסטער מענשעל, אַן עם הארץ, אַ גראָבער יונג. ער האָט אבער געהאַט אַ סך געלד, האָט ער זיך געוואָלט איינקויפען אין יחוס. און אַזוי ווי ער האָט געהאַט אַ זוהן מיט אַ גוט קעפּעל, האָט ער איהם אַוועקגעשיקט אין שטאָדט צו לערנען אין דער ישיבה. דער איגנגעל איז געווען אַ מתמיד

און האט בעקומען א שם פאר דעם גרעסטען למדן אין דער ישיבה. עטליכע יאהר שפעטער איז דער ראש ישיבה גע־שטארבען. האט מען גענומען טראכטען וועגען אן אנדערען, וואס זאל פארנעהמען זיין פלאץ. האט מען גענומען ריידען פון יענעם תלמיד, דעם וואויל־לערנער, דעם זוהן פון דעם רייכען ישוב׳ניק. עס האבען זיך אבער געפונען געגנער, וואס האבען גע׳טענה׳ט, אז עס פאסט זיך ניט צו מאכען פאר א ראש ישיבה א זוהן פון אזא גראבען יונג. האט איינער פארגעלייגט, אז אויב זיין פאטער וועט געבען פינף און צוואנציג טויזענד רובעל אויף דער ישיבה, זאל מען דעם זוהן געבען דעם גרויסען כבוד. דער ישוב׳ניק האט זיך אז דעם אנגעכאפט. א קלייניגקייט אזא כבוד צו האבען א זוהן א ראש ישיבה! און ער האט געגעבען די מזומנים.

„נאך יאהרען זיינען אריבער, און דער נייער ראש ישיבה איז אויך געשטארבען. און אזוי ווי ער האט געהאט א זוהן וואס איז געווען א גאון מופלג, האט מען איהם געוואלט אב־געבען זיין פאטער׳ס פלאץ. האט זיך איינער דערמאנט, אז ווען דער פערשטארבענער איז געווארען ראש ישיבה האט זיין פאטער געגעבען אויף דער ישיבה פינף און צוואנציג טויזענד רובעל. בכן, זאל דער אייניקעל אויך געבען אזא סומע געלד.

„ניין“, האט איינער פון די בעלי־בתים געענטפערט, „יענער האט געמוזט צאהלען, ווייל ער האט געהאט א טאטען אן עם הארץ, א גראבער יונג. אבער דער האט דאך גראדע געהאט א שעהנעם טאטען. דעם דארפען מיר צונעהמען מיט דעם גרעסטען כבוד אהן שטייער.“ און דאס איז דער תירוץ אויף דער קשיא. אברהם אבינו האט געהאט א טאטען, א תרח, א געצענדיענער, האט ער געדארפט געבען א סך צו־שטייער, אבער מיר אידען האבען דאך געהאט אזא שעהנעם טאטען, אברהם אבינו, דארף אונז דער אייבערשטער ענט־פערן כאטש מיר גיבען ניט פיעל שטייער“.

## 3
# דער מלמד און די ציעג

אז ארימער מלמד האט איינמאל צונעזאגט זיין פרוי, דאס מיט דעם איבערשטענס הילף, אז איהם וועט ווערען א ביסעל געראמער אין געלד, וועט ער איהר קויפען א ציעג. עס איז אוועק א יאהר, צוויי. די ארימע פרוי האט אלץ געלעבט מיט דער האפנונג, אז זי וועט אמאל האבען אן אייגענע ציעג.

ענדליך איז געקומען די גליקליכע שעה. דער מלמד האט אויף א יריד איינגעהאנדעלט א ציעג און ער האט זי געבראכט אהיים צו דער ווייב. און ווייל עס איז שוין צייט געווען צו געהן דאווענען מנחה, האט ער זיך ניט געזאמט און איז גלייך אוועקגעלאפען אין שוהל.

די מלמד׳יכע האט זיך שטארק דערפרעהט מיט דער ציעג. אט יעצט וועט זי האבען פרישע מילך פאר די קינדער און אייגענע שמעטענע, פוטער און קעז. האט זי גלייך געכאפט א כלי און גענומען מעלקען, אבער עס האט זיך ניט געמאלקען. די ציעג האט ניט געגעבען אפילו א טראפען מילך. איז די מלמד׳יכע געווארען אין כעס, און ווען דער מלמד איז געקומען פון שוהל, האט זי גענומען שרייען אויף איהם: „דו שלימזל׳ניק איינער! וואס איז דאס פאר א ציעג וואס דו האסט געקויפט? זי גיט דאך גאר קיין מילך ניט!" האט דער מלמד געענטפערט: „דו אידענע איינע! שוין ווילסטו אז די ציעג זאל דיר געבען מילך? צוערשט דארפסטו איהר געבען אבצועסען, נאכדעם דארפסטו איהר לאזען א ביסעל אויסרוהען פון לאנגען וועג, און נאכדעם ווי די ציעג איז שוין א זאטע און אן אויסגערוהטע קענסטו זי מעלקען".

דיזען משל מיט דער ציעג האט דער דובנער מגיד דער־צעהלט, ווען דער ווילנער גאון האט איהם איינגעלאדען צו קומען צוגאסט. גלייך ווי דער מגיד איז ארונטער פון וואגען האט איהם דער גאון געפרעגט, אויב ער האט מיטגעבראכט עפעס נייע משלים. דארויף האט איהם דער מגיד דערצעהלט די מעשה פון דעם מלמד מיט דער ציעג און האט דערביי צוגעלייגט: „פריהער, רבי, הייסט מען זאל מיר געבען עפעס איבערצוביישען, נאכדעם לאזט מיך א ביסעל זיך אויסרוהען פון וועג, און נאכדעם וועל איך זיך לאזען מעלקען“.

## 4
## טרעפט אין ציעל

דער ווילנער גאון האט אמאל געפרעגט ביים דובנער מגיד: „זאגט מיר, רבי יעקב, ווי פאלט עס אייך איין קאפ צו יעדען עניין פונקט אזא משל וואס איז ריכטיג צוגעפאסט?“

ענטפערט דער דובנער מגיד:

„איך וועל דאס אייך ערקלעהרען, אבער אויך מיט א משל. א רייכער פריץ, וואס איז געווען א גרויסער יחסן, האט געהאט א זוהן וועמען ער האט אוועקגעשיקט אין א מיליטערישער אקאדעמיע זיך צו לערנען שיסען. פינף יאהר האט דער זוהן דארט געלערנט ביז ער האט זיך אויסגעלערנט שיסען אין ציעל און האט דערויף בעקומען אן אטעסטאט מיט א גאלדענעם מעדאל. נאכדעם איז ער געפאהרען זעהר גליק־ליך אהיים, דען ער האט געוואוסט ווי זיין פאטער וועט זיך פרעהען מיט איהם.

„אויפ'ן וועג אהיים איז איהם אויסגעקומען זיך אבצו־שטעלען אין א דארף, אויסצורוהען זיינע פערד. אין הויף האט ער געזעהן אויף דער וואנד פון א שטאל אויסגעמאלט

מיט קרייט צירקלען, און אין רעכטען מיטעלפונקט פון יעדען צירקעל איז גשוועז א קליין לעכעל, וואס האט געצייגט אז אימיצער האט דארט ארייגעשאסען א קויל. דער יונגער פריץ איז געבליבען שטעהן פערוואונדערט. ווער האט עס געקענט זיין דער וואונדערליכער שיסער, וואס טרעפט אזוי גוט אין ציעל? אין וועלכער אקאדעמיע האט ער געלערנט און וואס פאר א מעדאלען האט ער בעקומען פאר זיין אזא גוטער שיסער? בקיצור, ער האט זיך גענומען נאכפרעגען, האט מען איהם געבראכט דעם שיסער אליין. דאס איז געוועזן א קליינער דארפס-אינגעל, אין צוריסענע קליידער און בארפוס.

„— זאג מיר, וואו האסטו זיך אויסגעלערנט אזוי גוט צו טרעפען אין ציעל? — האט איהם דער יונגער פריץ געפרעגט.

„— איך טוה אזוי — האט דער דארפס־יונג געענט־פערט. — פריהער שיס איך אויף דער וואנד, גלאט אזוי, און טרעף וואו עס מאכט זיך, און נאכדעם ווי עס ווערט אין דער וואנד א לעכעל פון דער קויל, נעהם איך א שטיק קרייט און מאל אויס ארום און ארום א צירקעל.

„און אזוי איז אויך מיט מיר", האט דער דובנער גע־ענדיגט. „ניט צו יעדען עניין זוך איך צו פערפאסען א פאס־סענדען משל, נאר פארקעהרט, ווען איך הער פון אימיצען, אדער עס פאלט מיר אליין איין א שעהנע מעשה, אדער א שעהנער משל, זעה איך שוין אויסצוזוכען א פאסענדען עניין פאר א נמשל . . ."

## 5
## קאָנסטאַנטינער מזיקים

ווען דער דובנער מגיד איז איינמאָל געווען אין קאָנ־סטאַנטין, איז איהם אויסגעקומען צו געהן אין גאַס שפּעט ביינאַכט. האָט ער זיך בעגעגענט מיט אַ חברה יונגע־לייט, לצים, און זיי האָבען איהם געפרעגט:

„רבי! ווי קומט עס דאָס איהר געהט שפּעט ביינאַכט גאַנץ אַליין? עס שטעהט דאָך אין דער גמרא, אַז אַ תּלמיד חכם דאַרף ניט ארויסגעהן ביינאַכט איינער אַליין, צוליעב די מזיקים".

„איך האָב קיין מורא ניט!" האָט דער דובנער געענט־פערט. „די היגע מזיקים האַלטען מיך ניט פאַר אַ תּלמיד חכם".

## 6
## אומזיסט שטראָפט מען ניט

איינער, אַ קאַרגער גביר, האָט אַמאָל געפרעגט דעם דובנער מגיד:

„ווי שיקט עס זיך עפּעס? איהר מוסר'ט די אידען און שטראָפט זיי, און נאָכדעם נעהמט איהר ביי זיי געלד!..."

„דער אייבערשטער שטראָפט אויך ניט אומזיסט", האָט דער דובנער געענטפערט.

## 7
## עד כאן...

דער דובנער מגיד האט איינמאל אויף זיך גענומען אבריכטען גלות. האט ער פערלאזען זיין שטאדט און זיך אוועקגעלאזט איבער דער וועלט, אזוי ווי א פשוט'ער ארימאן. און אין קיין ארט האט ער אויסגעזאגט ווער ער איז, דען ער האט אויף זיך גענומען קיין הנאה צו האבען פון זיין גרויס־קייט און בעריהמטהייט. וואו ער פלעגט קומען פלעגט ער הערען ווי מענשען דערצעהלען וועגען די גרויסע חכמה פון דעם דובנער מגיד און ווי ער ריכט אב גלות אין דער פרעמד. דער דובנער פלעגט די מעשיות אויסהערען, אבער ער האט זיך ניט געלאזט דערקענען.

גאנץ אפט פלעגט איהם אויסקומען צו הערען א מגיד, וואס פלעגט קומען אין שטעדטעל זאגען א דרשה. און עס איז ביי איהם קיין נאווינע ניט געווען צו הערען ווי דער מגיד זאגט איבער זיינע משלים, און דערמאנט גאר ניט, אז דאס איז דעם דובנער'ס. אבער דאס פלעגט דער דובנער מגיד אויך פערשווייגען, נאר אמאל פלעגט דער דובנער שוין דאס ניט קענען אריבערטראגען ווי מען בע'גנב'עט איהם. פלעגט ער ארויס פון געדולד און צייגען יענעם מגיד, אז ער זאגט ניט אייגענע, נאר געלאטכענטע.

איינמאל שטעלט ער זיך אב אין א שטעדטעל אויף שבת. דעם שבת האט דארט גערעדט א מגיד און געוועהנליך איז דער דובנער אויך געגאנגען איהם הערען. הערט ער ווי דער מגיד דערצעהלט איין משל נאך דעם אנדערען און דער עולם קוועלט אז. דער דובנער הערט זיך צו און האט הנאה וואס דעם עולם זיינען די משלים אזוי שטארק געפעלען. די

משלים זיינען דאך געווען זיינע, האט עס איהם הנאה געטאהן. עס איז איהם אבער ניט געפעלען געווען וואס דער מגיד האט אפילו קיין איין מאל דערמאנט אז דער משל איז פון דעם דובנער.

זיצט דער דובנער, הערט זיך איין און שווייגט. שפעטער האט דער מגיד אויפגעהערט צו זאגען דעם דובנער'ס משלים און האט אנגעהויבען צו זאגען זיינע אייגענע. דא האט זיך שוין דער דובנער ניט געקענט איינהאלטען. ער איז ארויף אויף דער בימה, האט א כאפ געטאהן דעם מגיד און איהם ארונטערגעשטויסען. צווישען דעם עולם איז געווארען א רעש, א טומעל, אבער דער דובנער האט זיי גלייך בערוהיגט, אויסגעזאגט ווער ער איז און האט געבעטען אז מען זאל איהם ערלויבען צו דערצעהלען א משל.

און דאס איז דער משל, וואס ער האט דערצעהלט:

איינער, אן ארימאן, האט געהאט א רייכען פעטער, און דער רייכער פעטער האט געדארפט חתונה מאכען א טאכטער. ווי דער שטייגער איז, האט מען פאר א וואך פריהער געמאכט הכנות צו דער חתונה. דער ארימער פלימעניק האט זיך געטראכט, אז כאטש דער רייכער פעטער האלט זיך אימער פון ווייטען, דאך אויף דער חתונה וועט ער איהם לאדען. און דער ארימער האט זיך אלץ פארגעשטעלט אין זיינע געדאנקען די גוטע און געשמאקע זאכען, וואס ער וועט עסען: די געבראטענע קאטשקעס, די געפילטע העלזלעך, פערשידענע טארטען, פלאדען, קאמפאט. און אזוי ווי ער האט געוואלט זיך גוט אנעסען אויף דער חתונה, האט ער צוויי טעג פאר דעם געפאסט און כמעט גארנישט אין מויל גענומען, כדי ער זאל האבען א גוטען אפעטיט און קענען וואס מעהר געניסען פון די טייערע מאכלים, וואס מען וועט געבען נאך דער חופה.

עס פערשטעהט זיך, אז ווען עס איז געקומען דער טאג פון דער חתונה, איז דער ארימער קרוב שוין געווען גוט

הונגעריג, ניט ווי נאך א תענית, נאר טאקע ווי נאך צוויי תעניתים. איז ער געזעסען ביי זיך אין דער היים און גע־ווארט ביז דער שמש וועט איהם קומען רופען.

האט ער געווארט און געווארט און דער שמש איז ניט געקומען. עס איז שוין געווארען אווענד און דער שמש קומט נאך אלץ ניט. ענדליך, אז עס איז שוין געווארען גוט שפעט און דער שמש איז נאך אלץ ניטא, האט דער ארימער קרוב זיך געטראכט, אז דער רייכער פעטער וויל איהם משמעות ניט האבען, ווייל ער שעהמט זיך מיט איהם. האט ער געזאגט צו זיין פרוי: „גיב מיר עסען. איך קען שוין לענגער ניט אויסהאלטען“.

די פרוי האט איהם דערלאנגט פאסאליעס צימעס, וואס איז ביי איהר געשטאנען צוויי אדער דריי טעג, ווייל קיין אווענד־ברויט האט זי יענעם טאג ניט געקאכט. און אזוי ווי ער האט שוין צוויי טעג ניט געהאט געגעסען, האט ער זיך אנגעפאקט מיט די פאסאליעס, פיעל עס האט געקענט אין איהם אריין, און נאכדעם האט ער זיך אנגעזופט מיט קאלטע וואסער.

ווי נאר ער האט אויפגעגעסען דעם לעצטען לעפעל פאסאליעס איז אריינגעלאפען דער שמש מיט גרויס אימפעט, און כמעט אהן אן אטהעם, און האט געזאגט: „זייט מיר מוחל, ר' זרח! איך האב אייך געהאט אויפ'ן צעטעל, נאר איך האב פערזעהן אייער נאמען און פערגעסען אייך צו רופען. אט יעצט, ווען מען זיצט שוין ביים טיש, האט זיך אייער פעטער געכאפט, אז איהר זייט ניטא. קומט שנעל! מען עסט שוין די סעודה!“

דער ארימער קרוב איז געקומען גראדע צו די מארע־נירטע פיש. האט ער גענומען א שטיקעל פיש אין מויל, אבער עס האט גאר קיין טעם ניט געהאט. דען וואס פאר א טעם קען האבען מארענירטע פיש נאכדעם אז מען פאקט זיך אן מיט א צימעס פון פאסאליעס? מען האט דערלאנגט

א זופּ מיט מאַנדלעך, אָבער מעהר ווי עטליכע לעפעל האָט ער ניט געקענט נעהמען, ווייל זיין בויך איז געווען פול מיט קאַלטע וואַסער. אַז מען האָט דערלאַנגט געבראָטענע קאַטשקע, האָט ער פון אָנפאַנג גאָר ניט געקענט קוקען אויף דעם, אָבער ווי לאָזט מען עס איבער געבראָטענע קאַטשקע? האָט ער זיך אָנגעטאָהן אַ כח און גענומען פּאַקען אין זיך די קאַטשקע.

מיט אַמאָל האָט ער זיך אויפגעהויבען פון טיש און האָט פאַר דעם גאַנצען עולם אָנגעהויבען צו געבען צוריק . . . איין מאכל נאָך דעם אַנדערען. פריהער האָט ער אויסגעבראָכען די קאַטשקע, נאָכדעם די זופּ, נאָכדעם די מאַרענירטע פיש, און צולעצט האָט ער גענומען אָבגעבען דעם פּאַסאַליעסצימעס, וואָס ער האָט געגעסען אין דער היים . . . דאָ איז דער בעל שמחה, דער רייכער פעטער, צוגעלאָפען צו איהם און געזאָגט: „שוין אַרויס פון דאַנען! אַזוי לאַנג ווי דו האָסט געבראָכען מיט מיינע אכילות, האָב איך געמוזט ליידען, אָבער אַז דו גיבסט שוין אָב מיט דיינע פּאַסאַליעס, בין איך גאָר ניט מחויב צו ליידען — שויז, טראָג זיך אָב פון דאַנען!"

---

„אָט אַזוי איז אויך מיט דעם מגיד", האָט דער דובנער ערקלעהרט זיין משל. „אַזוי לאַנג ווי ער האָט צוקאַליטשעט מיינע משלים, האָב איך פון איהם געמוזט ליידען, אָבער אַז ער האָט שוין גענומען געבען פון זיינע נאַרישקייטען, בין איך גאָר ניט מחויב צו ליידען! . . ."

# 8
# פרעמדע פעדערען

דער דובנער מגיד איז איינמאל געקומען אין א שטעדטעל און האט דארט געטראפען א מגיד איבערזאגנען זיינע משלים און אויך משלים און קלוגע ווערטלעך פון אנ־דערע בעוואוסטע מגידים פון זיין צייט. דער דובנער האט געווארט ביז יענער האט געענדיגט און נאכדעם האט ער געבעטען, אז מען זאל איהם ערלויבען דערצעהלען א מעשה.

„אמאל,“ האט דער דובנער אנגעפאנגען צו דערצעהלען, „איז געווען א פויגעלע, וואס איז געוואקסען הייל נאקעט, אהן פעדערען. די ברידערלעך און שוועסטערלעך פון דער פויגעלע זיינען שוין געווען בעוואקסען מיט פעדערען, אזוי ווי אלע לייטישע פויגעלעך, אבער די איין פויגעלע איז געבליבען הייל, נאקעט, נעבעך. האבען זיך צוזאמענגע־קליבען אלע פויגעלעך פון דעם געגענד אויף אן אסיפה און געפרעגט: מה נעשה לאחותנו, וואס זאלען מיר טאהן מיט אונזער שוועסטער פויגעלע, וואס איז נעבער אזא געשטראפ־טע? אלע האבען אויף איהר שטארק רחמנות בעקומען און עס איז ביי זיי געבליבען, אז יעדע פויגעלע זאל איהר שענקען א פעדער. די פויגעלע האט בעקומען אזוי פיעל פעדערען, דאס זי איז אין גאנצען פערדעקט געווארען און האט אויס־געזעהן אזוי בעפעדערט ווי אלע פויגעלעך. בלויז א גרויסער מבין האט געקענט פערשטעהן, אז די פעדערען זיינען צוגע־שטוקעוועטע, נים איינענע.

די פויגעלע האט זיך באלד פערגעסען, אז איהרע פע־דערען זיינען פרעמדע, און זי האט זיך אנגעהויבען גרויס־צוהאלטען מיט זיי געגען די אנדערע פויגעלעך און זיך בע־

ריהמען, אז זי האט שעהנערע פעדערען פון זיי אלעמען. האבען זיך די אלע פויגעלעך ווידער צוזאמענגעקליבען, גע־בראכט יענע חוצפה׳דיגע פויגעלע פאר׳ן משפט, און זיי האבען אבגעמאכט, אז יעדע פויגעלע זאל צוריק צונעהמען איהר פעדער,– און אזוי איז די חוצפה׳דיגע פויגעלע ווידער געבליבען א נאקעטע.״

און נאכדעם ווי דער דובנער האט געענדיגט זיין מעשה, האט ער זיך געווענדעט צו דעם מגיד און האט געזאגט:

„אט דער משל, וואס איהר האט דערצעהלט גאר איז אנפאנג, איז מיינער. איך האב צוריקגענומען מיין פעדער, און אז עס וועלען אויף אייך אנקומען אנדערע מגידים, וועלען זיי צונעהמען זייערע פעדערען.״

## 9

# א ריכטיגער בעוויז

אין דער צייט וואס דער דובנער האט אבגעריכט גלות, איז ער איינמאל, אין אוועגד, אנגעקומען אין א דארף, איז אריין אין דער אידישער קרעטשמע און האט געבעטען עסען.

„מיר האבען נים וואס צו געבען,״ האט געענטפערט די קרעטשמערקע, אן אשה רעה, וועלכע האט פיינט געהאט ארימע־לייט. „גיט מיר כאטש א שטיקעל ברויט מיט זויער־מילך,״ האט דער מגיד געבעטען. „מיר האבען אפילו קיין ברויט אויך נים,״ האט די קרעטשמערקע געענטפערט.

„טא לאזט מיך כאטש איבערנעכטיגען,״ האט דער מגיד געבעטען.

האט מען איהם אנגעצייגט אויף א הארטער באנק, אין א פינסטערען צימער, און ער האט זיך אוועקגעלייגט.

שלאפען האט ער נים געקענט. דער הונגער האט איהם

ניט געלאָזט. אין אַ פּאָר שטונדען אַרום האָט ער דערשפּירט אַ ריח פון געשמאַקע בראָטענס, און פיש און צימעס. איז ער פאַוואַלינקע צוגעגאַנגען צום טהיר און האָט דורך אַ שפּאַלט געזעהן ווי דער קרעטשמער מיט זיין פאַמיליע זיצען אַרום טיש און זיין ווייב דערלאַנגט גרויסע שיסלען מיט טייערע מאכלים, אַ ריכטיגע סעודה. דער דובנער כאַפּט אויף גיך אַרויף די קליידער, געהט אריין אונגעבעטען און זאָגט: „ברוכים היושבים!" און ווי דער מנהג איז, האָט איהם דער קרעטשמער געענטפערט: „קומט עסען." האָט דער דובנער געוואַשען די הענד און האָט זיך געזעצט צום טיש.

עסענדיג האָט ער בעמערקט:

„די חכמי התלמוד האָבען געזאָגט, אַז אַ מענש דאַרף זיך אימער אויפפיהרען לויט דעם מנהג פון דעם אָרט, וואוהין ער קומט. און אַ בעווייז צייגען זיי פון משה רבינו, וואָס אַז ער איז געווען אין הימעל, האָט ער פערציג טעג ניט גענעסען, ווייל די מלאכים עסען אויך ניט. מיך האָט אימער געוואונדערט וואָרום די חכמי התלמוד האָבען גענומען דעם בעווייז פון דעם וואָס משה האָט ניט גענעסען, אָבער ניט פון דעם וואָס משה האָט ניט געשלאָפען. אָבער היינט איז מיר דאָס רעכט געוואָרען, אַז משה האָט די גאַנצע פערציג טעג ניט געשלאָפען, דאָס פערשטעהט זיך שוין אַליין, וואָרום אַז ער וואָלט יאָ געשלאָפען, וואָלט ער ניט געווען זיכער, אַז די מלאכים פאַסטען. אפשר האָבען זיי געגעסען בעת ער האָט געשלאָפען..."

# 10
# דעם שטן׳ס א גוטער ברודער

דער דובנער מגיד איז איינמאל, אויף ראש השנה, איינגעלאדען געווארען אין א גרויסער שטאדט צו דרש׳ענען. אין דער שטאדט איז געווען א גביר, א גרויסער תקיף, וואס האט געהאט א חזקה אויף די תקיעות. קיין אנדערען האט ער ניט צוגעלאזט בלאזען שופר. דעם כבוד האט ער געהאלטען נאר פאר זיך. אין שטאדט האט מען געוואוסט, אז דער גביר איז א גרויסער חטאת, וואס טוהט אין דער שטיל כל דבור אסור, און געוויס האט ער ניט געפאסט פאר אזא הייליגער ארבייט. אבער אזוי ווי ער איז געווען א גרויסער תקיף, האט מען מורא געהאט זיך מיט איהם איינצורייסען און מען האט איהם געלאזט בלאזען שופר יעדען ראש־השנה.

אבער אין דעם ראש השנה, ווען דער דובנער מגיד איז דארט געווען, האט דער גביר ניט געקענט בלאזען. ער האט זיך געמאטערט מיט אלע כחות, זיך געקוועטשט, אז די אויגען האבען איהם ארויסגעשטארצט, אבער דער שופר איז געווען שטום . . . ניט דער מינדעסטער קלאנג האט זיך געהערט. און דער סוף איז געווען, אז דער גביר האט אליין געבעטען, אז אן אנדערער זאל פערנעהמען זיין פלאץ ביים עמוד און בלאזען די תקיעות.

שפעטער, ווען דער דובנער האט גע׳דרשנ׳ט פאר׳ן עולם, האט ער אין זיין דרשה בעריהרט דעם צופאל. ער האט דערצעהלט א משל.

אמאל האבען צוויי שטארקע מלכים, וועלכע האבען געהאט גרויסע ארמייען, געהאלטען מלחמה איינער מיט׳ן

אנדערען. יעדער פון זיי האט פערלארען זעהר פיעל סאל־דאטען און די מלחמה האט זיך געצויגען און געצויגען. ניט דער האט געזיעגט, און ניט דער האט געזיעגט. האט איין מלך געשיקט א שליח צו דעם אנדערען און האט געזאגט: „צו וואס זאלען מיר פערגיסען אזוי פיעל בלוט און פערלירען אזוי פיעל סאלדאטען? לאמיר בעסער ענטשיידען אונזער קריעג דורך אן אנדער וועג. איך וועל אויסקלייבען איינעם פון מיינע גרעסטע גבורים און דו קלייב אויס דעם גרעסטען גבור פון דיינע סאלדאטען, און זאלען די צוויי גבורים האלטען מלחמה איינער מיט'ן אנדערען. וועט דיין גבור זיעגען, וועט עס הייסען, אז דו האסט געוואונען די מלחמה, און אויב מיין גבור וועט זיעגען, וועט עס הייסען, אז איך האב געוואונען די מלחמה."

דעם אנדער מלך איז דער פארשלאג געפעלען געווארען און ער האט געזאגט, אז ער געהט איין אויף דעם.

יעדער פון די צוויי מלכים האט אויסגעקליבען דעם גרעסטען גבור פון זיינע סאלדאטען און מען האט די צוויי גבורים אוועקגעשיקט אויף א פרייעם פעלד צו האלטען מלחמה צווישען זיך. ארום און ארום, א ביסעל ווייטער פון דעם מלחמה־פלאץ, זיינען געשטאנען די צוויי מלכים מיט זייערע גענעראלען און בעגלייטער. די צוויי גבורים זיינען ארויס איינער געגען דעם אנדערען מיט זייערע ביקסען און האבען שוין געוואלט אויסשיסען, אבער פלוצלונג האבען זיי זיך אבגעשטעלט. ווי נאר זיי האבען איינער דעם אנ־דערען אנגעקוקט, האבען זיי זיך דערקענט, אז זיי זיינען לייבליכע ברידער, וואס זיינען געווען אבגעשיידט איינער פון דעם אנדערען צוליעב אומשטענדען.

„וואס זאלען מיר טאהן?" האט דער אינגערער ברודער געפרעגט ביים עלטערען.

„לאמיר ארויסנעהמען די קוילען און שיסען בלויז מיט פולווער," האט דער עלטערער געזאגט.

אזוי האבען זיי געטאהן. אויסגעליידינגט די ביקסען און גענומען שיסען איינער אויפ'ן אנדערען. עס האט זיך גע־הערט פיף־פאף, פיף־פאף, די צוויי גבורים האבען זיך כלומר'שט געקאכט, זיך געקוועטשט, געמאטערט, אבער שיסען האבען זיי נים געקענט . . .

---

„דעם נמשל, רבותי, האט איהר היינט אליין געזעהן איז שוהל," האט דער דובנער מגיד צולעצט ערקלערט. „איהר האט געזעהן ווי איינער האט געהאלטען דעם שופר, זיך כלומר'שט געקאכט, געמאטערט, אבער קיין בלאז האט זיך נים געהערט. בלויז פיף־פאף, פיף־פאף. רבותי, דאס איז געווען דעם שמע'ס א ברודער, היינט ווי האט ער געקענט האבען א הארץ צו בלאזען געגען א לייבליכען ברודער? . . ."

## 11

## א מזומן לחיי עולם הבא

דער דובנער מגיד איז אמאל אריינגעקומען צו א קארגען גביר נאך א נדבה. דער גביר האט איהם קיין נדבה נישט געוואלט געבען, און דער דובנער מגיד איז אוועקגעגאנגען פון איהם ליידיג. שוין זייענדיג ביי דער טהיר האט איהם דער דובנער געזאגט: „ר' איד, איהר זענט א מזומן לחיי עולם הבא!"

„פארוואס?" האט איהם דער גביר געפרעגט.

„אויב איהר וועט מיר געבען א נדבה וועל איך אייך זאגען," האט איהם דער דובנער געענטפערט.

דער גביר, זייענדיג שוין נייגעריג צו וויסען, האט איהם געגעבען א נדבה, און דער דובנער מגיד האט איהם דער־צעהלט אזא מעשה:

ס'איז אמאל געקומען אויף יענער וועלט פאר'ן בית־דין של מעלה א קארגער גביר, וואס האט ביים לעבען קיין צדקה ניט געגעבען. ווען מען האט איהם געפרעגט פארוואס ער האט ניט געגעבען קיין צדקה, האט ער געענטפערט, דאס אויפ'ן עולם השקר, וואו עס געפינען זיך אזוי פיעל רמאים, האט ער ניט געוואוסט וועמען צו געבען. ער האט דער־ריבער געהייסען דאס גאנצע געלד איהם מיטגעבען צו־קאפּענס אין קבר אריין. און דא אויפ'ן עלם האמת, אז מען וועט איהר אנווייזען וועמען, איז ער גרייט דאס גאנצע געלד אויף צדקה צו פערטיילען.

דער בית־דין של מעלה האט נאך א ישוב הדעת ארויס־געגעבען א פסק, דאס אויב ס'וועלען זיך געפינען דריי פאר־שוין אזעלכע, וואס האבען מיטגעבראכט דאס געלד מיט זיך, זאלען זיי אלע דריי האבען עולם הבא.

ווען מען האט אנגעהויבען צו זוכען, האט מען געפונען נאר איין עושר אזעלכען: ק ר ח, וועלכער האט אויך זיין גאנץ פערמעגען מיטגענומען מיט זיך אין קבר אריין. דער איד האט אלזא קיין חלק לעולם הבא נישט געקאנט בעקומען. און יעצט צוזאמען מיט אייך — האט דער דובנער פערענדיגט — וועט איהר שוין זיין צוזאמען א מ ז ו מ ן לחיי עולם הבא . . .

## 12

## קרחת און לויתן

דער דובנער מגיד איז אמאל אריינגעקומען צו א אידישען דאקטאר, א קמצן, און פערלאנגט ביי איהם א נדבה.

„ווייסט איהר דען נישט, אז דער וואס האט ליעב צו

געהמען, האָט פיינט צו געבען?" האָט איהם דער דאָקטאָר שפּאָטיש געענטפערט.
„טאָ ענטפערט מיר כאָטש אויף אַ מעדיצינישער שאלה, וואָס איך וועל אייך פרעגען."
„דהיינו?"
„ווי בעוואוסט טאָר אַזעלכער וואָס איז קראַנק אויף קדחת נישט עסען קיין פיש. טאָ ווי איז, אַז איינער שטאַרבט פון קדחת, צי וועט ער נאָך תחית המתים מעגען עסען פון לויתן? . . ."
„כ'וויים נישט, ווי זאָגט איהר?"
„איך וועל אייך ענטפערען. דער וואָס טהוט אַ סך צדקה ביים לעבען, און לאָזט איבער דער וועלט אַ קדחת, דער וועט געוויס מעגען עסען פון לויתן. אָבער אַזעלכער, וואָס לאָזט איבער זיין גאַנץ פערמעגען דאָ, און נעהמט מיט זיך אַ קדחת, דער וועט שוין פון לויתן ניט טאָרען עסען . . .

## 13
# דריי עזות פּנים'ער

דער דובנער איז אַמאָל געפאָהרען אין אַ וואָגען צו־זאַמען מיט אַ חברה פרייע יונגען, וועלכע האָבען אָנגעהויבען איהם צו טשעפּען, און וועלענדיג זיי שנעל אָבפּאַרטיגען, האָט ער זיך צו זיי אָנגערופען:
„דריי עזות־פּנים'ער געפינען מיר צווישען די פער־שידענע ברואים אויף דער וועלט: אַ באָק, אַ האָהן און אַ הונד. דער באָק ברענגט זיין בעל־הבית קיין שום נוצען נישט. פונדעסטוועגען מאַכט ער איהם פיעל שאָדענס אין שטוב צוברעכענדיג כלים דורך זיין ווילד שפּרינגען. דער האָהן ברענגט אויך ניט דעם בעל־הבית קיין הכנסות, נאָר

וועקט איהם אויף מיט'ן קרעהעז פון בעסטעז שלאף איז מיטען דער נאכט. דאס זעלבע איז אויך מיט'ן הונד, וואס לאזט נישט זיין בעל־הבית זיך אברוהען. ער האלט נאר איין איין בילען בייטאג און ביינאכט.

די מעשה איז אבער אזוי. דעם ערשטען מיט'ן צווייטען קאן מען נאך ווי עס איז פערענטפערען — מילא, דער באק האט דאך א בארד; וויל ער מ'זאל פאר איהם דרך ארץ האבען. דעסגלייכען דער האהן וועקט אויף דעם בעל־הבית צום לערנען. אבער דו, הונד! קיין בארד האסטו נישט, צום לערנען וועקסטו נישט, וואס דען איז די חוצפה מיט דיר, וואס דו בילסט כסדר! . . ."

## 14
# א זיכערע זאך

מען האט אמאל געפרעגט דעם דובנער, פאר וואס א נגיד וועט גיכער געבען א נדבה צו א בלינדען, אדער א קרומען ארימאן, איידער צו אן ארימאן וואס איז א תלמיד חכם. האט דער דובנער געענטפערט:

„דאס איז דערפאר וואס דער נגיד איז ניט זיכער, טאמער ווערט ער אליין אמאל קרום אדער בלינד. אבער א תלמיד חכם צו ווערען, דאס איז ער זיכער, אז ער וועט קיינמאל ניט ווערען."

## 15
## אַ נאַר ווייס ניט וואָס איהם פעהלט

אַ נגיד האָט איינמאָל געפרעגט דעם דובנער: „פאַר־וואָס זעהט מען אייך אָפט געהן צו די גבירים, אָבער מען זעהט קיינמאָל ניט, אַז דער גביר זאָל קומען צו אייך?“

„דאָס איז דערפאַר,“ האָט דער דובנער געענטפערט, „ווייל איך האָב שכל צו וויסען, אַז מיר פעהלט געלד, געה איך צו די גבירים. אָבער אַ גביר ווייס ניט, אַז איהם פעהלט שכל, דערפאַר קומט ער ניט צו מיר.“

## 16
## זיי האַלטען פון שולחן ערוך

ביי אַ סעודה פון אַ בר־מצוה, בעת דער בר־מצוה־אינגעל האָט געזאָגט אַ פּלפּול פון דער גמרא, זיינען געזעסען איניגע געסט און געגעסען און גערעדט. רופט זיך אָב דער דובנער, וועלכער איז דערביי געווען: „איך זעה, רבותי, אַז איהר האַלט מעהר פון שולחן ערוך ווי פון דער גמרא.“ (שולחן ערוך מיינט אַ געגרייטער טיש.)

## 17
# גרויסע סוחרים און קליינע סוחרים

דער ווילנער גאון האָט געזעהן ווי דער דובנער מגיד זיצט שבועות ביינאַכט און לערנט גמרא.

האָט זיך דער גרויסער גאון געוואונדערט און האָט גע־פרעגט דעם מגיד:

„זאָגט מיר, רבי יעקב, וואָס לערנט איהר עפּעס היינט ביינאַכט גמרא? וואָרום זאָגט איהר ניט תקון שבועות?"

האָט דער מגיד געענטפערט:

„רבי, לאָמיך דאָס אייך ערקלערען מיט אַ משל. צוויי סוחרים זיינען געפאָהרען אויף אַ יריד. איינער האָט געבראַכט עטליכע וואַגענס אָנגעפּאַקט מיט אַ סך קאַסטענס סחורה פון פערשיעדענע מינים, דער אַנדערער האָט געבראַכט בלויז איין קאַסטען סחורה און אַלץ פון איין סאָרט. אַז דער יריד האָט זיך אָנגעפאַנגען, האָט דער גרויסער סוחר אויסגעלייגט ביי זיין געוועלב בלויז מוסטערען, אַ מוסטער פון יעדען סאָרט. און אַז אימיצען פלעגט געפעלען אַ מוסטער, פלעגט דער סוחר אַרויסנעהמען די סחורה פון זיינע קאַסטענס און דאָס יענעם געבען. אָבער דער קליינער סוחר האָט אַרויסגעשטעלט זיין סחורה אינגאַנצען, ווי עס איז, ווייל קיין סך האָט ער דאָך ניט געהאַט. און אַזוי איז אויך דער אונטערשיעד צווישען אייך, רבי, און מיר. איהר זייט אַ גרויסער גאון, וואָס פאַר־מאָגט אַ סך תורה און קבלה, חכמה און וויסענשאַפט, ציינט איהר אַרויס בלויז מוסטערען, אַ פּאָר פסוקים תורה, אַ שטיקעל משניות, אַ מאמר גמרא, אַזוי ווי איז תקון שבועות; אָבער איך, וואָס בין ניט אַזאַ גרויסער למדן, און האָב נאָר מיין ביסעלע גמרא, קום איך אין בית־המדרש בלויז מיט דעם איין סאָרט סחורה וואָס איך פערמאָג."

# דעם דובנער מגיד'ס משלים

ערשטער טייל

1

# פון וועמעס כבוד וועגען?

א גרויסער עושר האט געהאט צוויי זיהן, וואס האבען געוואוינט זעהר ווייט, אין מרחקים. איינער איז געוועזען זעהר רייך און דער אנדערער א גרויסער ארימאן. א סך יאהרען זיינען אוועק און זיי האבען זייער פאטער ניט געזעהן, נאר איינמאל קומט אן פון דעם פאטער א בריעף, אז זיי זאלען קומען צו איהם אויף דער חתונה פון זיין אינגסטען זוהן, דעם מיזשיניק.

דער בריעף איז געווען געשריבען צו דעם רייכען זוהן און דער פאטער האט איהם געבעטען: „קום, זוהן מיינער, און מיר וועלען זיך פרעהען אלע צוזאמען, און ברענג מיט דיין ארימען ברודער אויך. איך פערזיכער דיר, אז פאר אלע הוצאות וואס דו וועסט מאכען פון מיין כבוד וועגען וועל איך דיר אומקעהרען נאך מיט א שעהנע מתנה דערצו.“

ווען דער רייכער זוהן האט בעקומען דעם בריעף איז ער גלייך אוועק אין די שניט־קראמען און האט געקויפט די טייערסטע קליידער־שטאפען פאר זיך, פאר זיין פרוי און קינדער און האט געלאזט מאכען פאר אלעמען די שעהנסטע קליידער. מען האט זיך געגרייט און געפוצט צו דער חתונה. און ווען ער האט שוין געדארפט פאהרען, און דער וואגען איז געשטאנען גרייט, איינגעשפאנט, האט ער זיך דערמאנט אן זיין ארימען ברודער און ער האט געשריען צו זיינע משרתים: „געהט שנעל, רופט מיר מיין ברודער. ברענגט איהם וואס ניכער אהער. זאגט איהם, אז איך בעדארף איהם האבען זעהר נויטהיג!“

די משרתים האבען דעם ארימען ברודער געבראכט צו־שלעפען פאר׳ן קאלנער. און יענער האט זיך געוואונדערט און געפרעגט ביי זיין ברודער: „וואס דארפסטו מיך און וואס ווילסטו פון מיר? דו ווילסט דאך מיך קיינמאל גאר נים קענען!“

„פרעג נים קיין שאלות!“ האט דער רייכער ברודער א געשריי געטהאן. „קריך ארויף אויפ׳ן וואגען און פאהר, אז איך היים דיר פאהרען, טא פאהר!“

איז דער ארימער ברודער ארויף אויפ׳ן וואגען און איז געפאהרען.

ווען דער וואגען איז אנגעקומען אין שטאדט, האבען שוין מענשען אנגעזאגט זייער פאטער, אז עס קומען צו איהם די טייערע, די געהויבענע געסט. אלע מחותנים זיינען ארויס זיי מקבל פנים זיין מיט גרויס שמחה. און ווען דער וואגען האט זיך אבגעשטעלט ביי דער הויז פון דעם גרויסען עושר, איז צוערשט ארונטער דער רייכער ברודער, אנגעטאהן ווי א גראף. נאך איהם די ווייב מיט די קינדער, פערפוצט ווי די גראפען. מענשען שטעהען, קוקען און פרעגען: „ווער איז דאס דער שררה?“ און די מקורבים ענטפערען זיי: „דאס איז דאך דער זוהן פון אונזער עושר, און ער איז אליין א גרויסער גביר.“ נאכדעם האבען די מענשען געזעהן ווי עס שלעפט זיך איינער, א נעבעך, אבגעריסען און מיט לאטעס אויף די שיך. פרעגען די מענשען: „און ווער איז דער?“ ענטפערען די מקורבים: „ער קומט פון דער זעלבער שטאדט.“ פרעגען די מענשען: „אפשר איז ער א ברודער, אדער א קרוב?“ ענטפערט מען זיי גארנים.

דערווייל זיינען די מחותנים מיט די געסט אריין אין הויז. די כלי־זמרים האבען א שפיעל געטאהן. עס איז געווארען לעבעדיג, פרעהליך. אין א מזל׳דיגער שעה האט מען געשטעלט די חופה, און מען האט געטאנצט און גע־הוליעט, ווי דער שטייגער איז.

צוויי וואָכען איז דער רייכער זוהן אָבגעזעסען ביי זיין פאַטער, און נאָכדעם האָט ער צו איהם געזאָגט: „טייערער פאַטער! זעהסט דאָך, אַז איך האָב דיך געפאָלגט, געטאָהן ווי דו האָסט מיר געהייסען, און איך בין געקומען זיך משמח זיין מיט דיר, אָבער ווייסט דאָך, פאַטער, אַז איך בין אַ סוחר און מיין צייט איז ביי מיר זעהר טייער, און ווי קען איך דאָ זיצען אַזוי לאַנג?"

„טהו ווי דו פערשטעהסט, מיין זוהן," האָט דער פאַ־טער געענטפערט. „ווער האַלט דיך אָב? קענסט זיך שוין פאָהרען אַהיים."

דער זוהן הערט דעם פאַטערס ענטפער, און אין הארצען ברענט איהם אַזוי ווי אַ פייער. דער פאַטער האָט דאָך איהם געשריבען, אַז ער וועט איהם אומקעהרען אַלע הוצאות, וואָס ער האָט געמאַכט אויף דער חתונה, און ער האָט איהם נאָך צוגעזאָגט צו מאַכען אַ שעהנע מתנה, און יעצט מאַכט זיך דער פאַטער אַזוי ווי ער האָט זיך פערגעסען. עס ריהרט זיך גאָרניט ביי איהם די האַנד.

האָט דער זוהן זיך מעהר ניט געקענט איינהאַלטען און האָט דערלאַנגט דעם פאַטער אַ פאַפּיער מיט אַ רעכנונג אויף דעם: אַזוי פיעל האָבען געקאָסט זיינע קליידער, אַזוי פיעל האָבען געקאָסט זיין ווייבס קליידער, אַזוי פיעל זיינע קינ־דערשע בגדים'לעך, און אַזוי פיעל האָט געקאָסט די רייזע מיט אַכסניות, וואו ער האָט זיך געמוזט אָבשטעלען אויף דער לאַנגער נסיעה.

„האָסט געמאַכט נייע קליידער," האָט דער פאַטער גע־ענטפערט, „זאָלט איהר זיי אַלע טראָגען געזונטערהייד: דו, דיין ווייב און דיינע קינדער, און איהר זאָלט דערלעבען זיך מאַכען ווידער נייע קליידער."

„אָבער, פאַטער," האָט דער זוהן גע'טענה'ט, „דו האָסט דאָך מיר פערשפּראָכען, אַז דו וועסט מיר אומקעהרען אַלע הוצאות, וואָס איך האָב געמאַכט אויף דער חתונה."

„עס איז נים אמת,“ האט דער פאטער געענטפערט. „איך האב דיר דאס קיינמאל נים צוגעזאגט.“

נעהמט דער זוהן ארויס דעם פאטערס בריעף און ציינט איהם: „זעה, פאטער! אט דאס האסטו אליין געשריבען מיט דיין אייגענער האנדשריפט.“

דער פאטער נעהמט דעם בריעף און לעזט עס אויפ'ן קול: „איך פערזיכער דיר, אז אלע הצאות וואס דו וועסט מאכען פון מיין כבוד וועגען וועל איך דיר אומקעהרען און נאך מיט א שעהנע מתנה דערצו.“

„נו ?“ האט דער זוהן געזאגט.

„גארנישט,“ האט דער פאטער געענטפערט. איך האב דיר געשריבען, אז איך וועל דיר אומקעהרען אלע הוצאות וואס דו וועסט מאכען פון מיין כבוד וועגען. ווען דו וואלסט טאקע מיר וועלען אנטאהן א כבוד, וואלסטו געדארפט רחמנות האבען אויף דיין ארימען ברודער און נים ברייננען איהם אהער א נאקעטען, א בארפוסען. נאר דו האסט געדארפט איהם אויך מאכען אמאל א רעכטען מלבוש און שיך, און דאס וואלט געווען פאר מיר א כבוד און א גרויסער נחת. אבער די הוצאות וואס דו האסט געמאכט איז נאר פון דיין אייגענעם כבוד וועגען, און דאס האב איך דיר נים צוגע־זאגט אומצוקעהרען. טא וואס האסטו טענות צו מיר?“

## נ מ ש ל

ווען א איד מאכט שבת אדער יום־טוב און נעהמט אן ארימאן צו זיין טיש, הייסט עס, אז ער גרייט דעם טיש פון גאט'ס כבוד וועגען, און דערפאר בעצאהלט איהם דער אויבערשטער כפל כפלים. אבער אז ער עסט אליין די גוטע יום־טוב'דיגע מאכלים, הייסט עס, אז ער גרייט דעם טיש פון זיין אייגענעם כבוד וועגען, און דערפאר קומט איהם קיין שכר נים.

## 2
## געבעטען אויף זיך דעם דלות

א רייכער מאן האט געגעבען זיין זוהן א היבשע סומע געלד, ער זאל זיך מאכען א געשעפט און ווערען א בעל־הבית פאר זיך. דער זוהן האט אנגעהויבען צו האנדלען, אבער עס איז איהם ניט גוט געגאנגען. ער האט פערלארען געלד, און וואס ווייטער איז ער אלץ געווארען ארימער און ארימער. עס איז געקומען אזוי ווייט, דאס ער האט קוים־קוים גע־קענט פערדיענען אויפ'ן לעבען.

איינמאל, אז דעם זוהן איז געווארען זעהר שלעכט, האט ער זיך בעקלאגט פאר'ן פאטער. ער האט זיך גע־טראכט, דער פאטער וועט איהם אויסהעלפען. אבער אנ־שטאט איהם צו העלפען האט דער פאטער אויף איהם אנ־געשריען: „וואס ווילסטו נאך האבען פון מיר? איך האב דיר געגעבען גענוג געלד, האסטו געזאלט זיין א מענש און ניט פערלירען. און יעצט לעב ווי דו קענסט און זיי צו־פריעדען מיט דעם וואס דו האסט. איך וועל דיר העלפען נאר דאן, ווען איך וועל זעהן אז דו האסט שוין גארנישט, אז דו האסט שוין דעם לעצטען גראשען פערלארען.“

א צייט שפעטער האט אויסגעבראכען א פייער אין שטאדט און דער פייער האט דערגרייכט ביז צו דער קראם, וואו דעם גביר'ס זוהן האט געהאט זיין ביסעל סחורה. זיינע געקומען גוטע פריינד און האבען געוואלט ראטעווען זיין קרעמעל, האט זיי דער זוהן געזאגט: „איך בעט אייך, לאזט צורוה די קרעמעל — זאל עס ברענען. פאר מיר איז בעסער, אז איך זאל זיין א גאנצער ארימאן און מיין

פּאַטער זאָל מיר װעלען העלפען, איידער איך זאָל זיין א האָלבער ארימאַן און זיך דארפען פּלאָגען.“

נ מ ש ל

עס איז בעסער צו העלפען א מענשען, אז ער זאָל ניט פאַלען, איידער איהם צו העלפען אויפשטעהן נאָכדעם װי ער פאַלט שוין.

## 3

## אַן אנדרענקען פאַר אַן אנדרענקען

א געװיסער גביר פון א גרויסער שטאָדט האָט געהאַט א טאָכטער און ער האָט פאַר איהר געזוכט א חתן מיט אלע מעלות. האָט ער אָבער אַזאַ בחור ניט געקענט געפינען, ביז עס האָט זיך איהם געמאַכט איינצושטעהן אין א דאָרף, און דאָרט ביי אַן ארימען ישוב'ניק האָט ער געפונען א בחור, א װאויל־געלעהרטער, א קלוגער און א שעהנער. קיין בעסערען איידים האָט ער זיך גאָר ניט געקענט װינשען. איז דער גביר גלייך אװעקגעפאָהרען, געבראַכט זיין פרוי און זיין טאָכטער און דער חתן איז זיי ביידען זעהר שטאַרק גע־פעלען געװאָרען. דער גביר איז געװען אַזוי פערקאָכט אין דעם שדוך, דאָס ער האָט געװאָלט אַז מען זאָל גלייך אויפ'ן אָרט אָבשרייבען תנאים, און גלייך נאָכדעם אָבשפּיעלען די חתונה.

האָט דער ישוב'ניק גע'טענה'ט: „איהר דאַרפט דאָך מיר צום װייניגסטען געבען צייט, איך זאָל קענען אנגרייטען א חתונה מאַהלצייט, װי עס פּאַסט זיך פאַר אייער כבוד. און יעצט האָב איך ביי מיר אין הויז כמעט גאָרנישט אויסער גראָבע שװאַרץ ברויט און זויערמילך.“

„עס מאכט ניט," האט דער גביר געענטפערט. „דיין בחור געפעלט אונז אלעמען אזוי, דאס דיין שווארץ ברויט מיט דיין זויערמילך וועלען אונז שמעקען אזוי ווי די טייערסטע געריבטעז. לאמיר מיט מזל מאכען די חתונה."

דער גביר האט ארויסגענומען פון זיינע רייזע־זעק טייערע קליידער, העמדער און שיך, וואס ער האט געבראכט פאר'ן חתן. ער האט געהייסען זיין דיענער, וועלכען ער האט מיטגעבראכט, אז ער זאל פון דעם חתן ארונטערנעהמען די אלטע קליידער און איהם אנטאהן די נייע. און טאקע יענעם אווענד האט מען געשטעלט די חופה.

נאך דער חופה האט דער גביר געהייסען זיין משרת, אז ער זאל נעהמען דעם חתן'ס אלטע קליידער, וואס ער האט אויסגעטאהן, און דאס פערפאקען אין א פעקעל און מיטנעהמען אהיים. און כאטש דער גביר האט דאס געזאגט זעהר שטיל, בסוד, איז דאך דער חתן דערגאנגען פון דעם. בעת דעם חופה־מאהלצייט, ווען אלע זיינען געזעסען און געגעסען דעם גראבען דארפישען ברויט, האט דער חתן זיך אבגע'גנב'עט פון טיש, גענומען א שטיקעל פון דעם גראבען שווארץ ברויט און אריינגעלייגט אין א קעשענע פון זיינע אלטע קליידער, וועלכע זיין שווער'ס משרת האט געהאט פערפאקט אויף מיטצונעהמען אהיים.

דער שווער, האט פערשטעהט זיך, פון דעם ניט געוואוסט.

ווען דער גביר מיט זיין משפחה און מיט זיין איידים זיינען געקומען אהיים, האט דער גביר געהייסען דעם משרת, אז ער זאל דעם פעקעל אלטע קליידער בעהאלטען און פערשליסען.

א צייט שפעטער, ווען דער איידים האט זיך צוואווערטעלט מיט'ן שווער און האט איהם מעיז פנים געווען, האט דער שווער געהייסען דעם משרת ארויסנעהמען דעם פעקעל אלטע קליידער, און דער שווער האט דעם פעקעל געעפענט

פאר זיין אײדים אין די אויגען, אום איהם צו דערמאנען ווי ער האט געלעבט ביי זיין טאטען . . . אבער בעת דער שווער האט אויפגעוויקעלט די אלטע האלב־צורימענע קליי־דער, איז פון קעשענע ארויסגעפאלען א שטיק איינגעדארטע דארפישע ווארע ברויט. און דער אײדים האט געזאגט:

„עס איז טאקע אמת, אז ביי מיין טאטען פלעג איך ארומגעהן אין שמאטעס, אבער זעה ווי דו האסט זיך געאיילט מיך צו קריגען פאר אן אײדים, אז ביי דיר איז רעכט געווען צו מאכען א חתונה־מאהלצייט אויף שווארץ ברויט! מעג איך טאקע זיך גרוים האלטען נעגען דיר.“

נמשל

פסך צום סדר האט אונז דער אייבערשטער געהייסען עסען מרור אלס אנדענקען ווי ביטער עס איז אונז געווען ביי פרעה'ן. און חרוסת האט ער אונז געהייסען עסען, מיר זאלען געדענקען, אז מיר זיינען געווען קנעכט אין מצרים און האבען דארט געקנעטן ציעגעל. און דאס אלץ אום מיר זאלען זיך ניט גרוים האלטען און ניט פערגעסען אונזער אמאליגען געמיינעם שטאנד. אבער צום זעלבען סדר עסען מיר אויך מצה, און די מצה צייגט ווי שטארק דער רבונו של עולם האט זיך געאיילט אונז צו האבען אלס זיינע פרייע קינדער, דאס ער האט ניט געוואלט ווארטען ביז אונזער טייג וועט איינזייערען און מיר האבען געמוזט ארוים פון מצרים מיט טרוקענע מצה — „לחם עוני“ . . .

## 4
# א קלוגע עצה

א איד אַז עושר איז געוואָרען אַן אַלמן. געוועהנליך האָט מען איהם גענומען ריידען פיינע שדוכים מיט רייכע אַלמנות און מיט מיידלעך פון רייכע עלטערען. אָבער דער אַלמן האָט זיך בערעכענט, אַז ער וועט בעסער חתונה האָבען מיט איינע פון די מיידלעך וואָס האָבען געדיענט ביי איהם אין הויז, וועלכע איז שוין געוואוינט צו איהם און זיינע קליינע קינדער. איידער ער איז מיט איהר געגאַנגען צו דער חופּה האָט ער צו איהר געזאָגט:

„זאָלסט ניט מיינען, אַז מיט דעם וואָס איך האָב דיך אויסגעקליבען פון אַלע מיינע דיענסטען און האָב דיך געמאַכט פאַר אַ באַלעבאָסטע איבער זיי, זיינען דיינע פּפליכטען געוואָרען לייכטער. ניין, דיינע פפליכטען זיינען געוואָרען פיעל גרעסער און מעהר אין צאָהל. ווען דו ביזט געווען אַ דיענסט האָסטו געהאַט בלויז איין אַרבייט צו בעזאָרגען, אַזוי ווי יעדע דיענסט האָט איהר טייל הויז אַרבייט. די קאָכט, די צווייטע האַלט די הויז אין אָרדנונג, אַ דריטע פּאַסט־אויף אויף איין קינד, אַ פערטע אויף אַן אַנדער קינד, און אַזוי ווייטער. אָבער ווי נאָר דו ווערסט אַ באַלעבאָסטע האָסטו צו זאָרגען פאַר די גאַנצע הויז־אַרבייט און פאַר די אויפּפּאַסונג פון אַלע קינדער. און וואָס יעדע דיענסט וועט פערפעהלען צו טאָהן וועל איך דאָס מאָנען פון דיר. וועסטו דאָך פרעגען, וואָס פאַר אַ גליק איז דאָס צו זיין אַ באַלעבאָסטע? דאַרויף וועל איך דיר אַזוי ענטפערען: אַזוי לאַנג ווי דו וועסט זיך האַלטען קליין אין דיינע אויגען און וועסט אָבהיטען דיינע פפליכטען, וועל איך פערגעסען, אַז דו ביזט

געוועז מיין דיענסט און מיין רעספעקט פאר דיר וועט וואקסען פון טאג צו טאג. אבער ווען דו וועסט ניט וועלען אבהיטען דיינע פפליכטען און וועסט זיך נעהמען האלטען גרויס, וועל איך אימער געדענקען, אז דו ביזט געוועזן א דיענסט."

## נ מ ש ל

אז ארימאן האט בלויז איין פפליכט, צו געבען זיין ווייב און קינדער א שטיקעל ברויט. ווען ער ווערט אבער רייך ווערען זיינע פפליכטען זעהר גרויס, ער מוז שוין געבען צדקה פאר פערשידענע צוועקען. אבער אויב ער נעהמט זיך האלטען גרויס און טוהט ניט זיינע פפליכטען, דערמאנט מען איהם אז ער איז געוועזן אן ארימאן, א דלפון.

## 5

# אבקומען מיט רייד

צו א פאטער, וועלכער איז געוועזן אן ארימאן, איז געקומען צו גאסט א זוהן, וועלכער איז געוועזן פערדרייזט אין א ווייטער לאנד און האט איהם א לאנגע צייט ניט געזעהן. דער פאטער האט מיט דעם זוהן זיך שטארק געפרעהט און האט איהם גענומען ארומפרעגען וועגען זיין געזונד. איינמאל און א צווייטען מאל האט ער איהם געפרעגט וואס ער מאכט און ווי האט ער געלעבט די גאנצע צייט, וואס ער איז געוועזן אויף דער רייזע. און נאכדעם ווי דער זוהן האט געענטפערט אויף די פראגען, האט איהם דער פאטער געפרעגט די זעלבע פראגען א דריטען און א פערטען מאל. האט דער זוהן ווידער געענטפערט. אבער ווען דער פאטער האט די זעלבע פראגען געפרעגט שוין צום פינפטען מאל, האט דער

זוהן זיך מעהר ניט געקענט איינהאלטען און האט אויס־פערופען:

„אבער, טאטע, צו וואס פרעגסטו מיך ווידער וועגען מיין געזונד? איך האב דיר דאך שוין געענטפערט.“

„פערשטעהסטו מיך אזוי, מיין ליעבער זוהן,“ האט דער פאטער געענטפערט: „דו ביזט ביי מיר א זעהר ליעבער גאסט, אבער איך בין א גרויסער ארימאן און קען דיך ריכטיג ניט אויפנעהמען. בעדארפט האב איך פאר דיר גרייטען א טיש מיט אלע גוטע זאכען, מיט אלערליי געשמאקע מאכלים, אבער אזוי ווי דאס קען איך דיר ניט געבען, צייג איך דיר ארויס מיין ליעבשאפט דורך רייד.“

נ מ ש ל

אזוי איז אויך מיט אונז אידען. מיר קענען מעהר קיין קרבנות ניט ברענגען פאר דעם אייבערשטען, קומען מיר אב מיט דאוונען, מיט לויבען דעם אייבערשטען און מיט „אמירת הקרבנות“.

## 6
# כאטש איין מעלה

א גאסט איז איינגעשטאנען אין דער הויז פון א שעהנעם אידען, וועלכער איז געווען א גרויסער למדן, א קענער, א מושלם מיט אלע מעלות, און דערצו א גוטער, אן איידעלער מענש. און דער בעל־הבית האט געהאט זעהר טייערע משקה, וויין און ליקערם מכל המינים. דער גאסט האט געטרונקען, אריבער־געכאפט די מאס, און אז ער האט זיך איינגע׳שיכור׳ט האט ער אנגעזידעלט דעם בעל־הבית און איהם בעליידיגט פאר די אנדערע געסט.

אויף מארגען איז דער גאסט געקומען צום בעל־הבית איהם בעטען, אז ער זאל איהם מוחל זיין. „איך בין נים שולדיג," האט דער גאסט זיך פערענטפערט, „דו האסט אזעל־כע טייערע משקה, האט זיך מיר פון דעם דער קאפ פער־דרעהט און איך האב נים געוואוסט וואס איך האב גערעדט."

ווען דער בעל־הבית האט געהערט דיזע רייד, איז אנ־שטאט איהם מוחל צו זיין, איז ער נאך מעהר בייז געווארען. „הער צו," האט דער בעל־הבית געזאגט, „נעכטען, אז דו האסט מיך בעליידיגט, האב איך דיר פערשוויגען דיינע זידלערייען און גראבע רייד, דען איך האב זיך געטראכט, אז אויף דיר דארף מען קיין פעראיבעל נים האבען, ווייל דו ביזט א גראבער יונג, ווייסטו נים ווי אבצושעצען מיך און מיינע מעלות. אבער היינט, אז איך הער פון דיר אז דו ביזט אזא מבין אויף שנאפס און דו לויבסט אזוי מיין משקה, האסטו דאך יא געזעהן א מעלה אין מיר, האסטו כאטש פאר דער איינער מעלה געדארפט האבען דרך ארץ פאר מיר."

## נ מ ש ל

אזוי טענה'ט דער אייבערשטער צו די רשעים: „מילא, אז איהר קענט נים פערשטעהן מיין גרויסקייט, וואס איך האב בעשאפען די וועלט מיט די הימלען און די שטערען, און איהר ווילט נים גלויבען אין דעם גן־עדן, וואס איך האב אנגעגרייט פאר די צדיקים אויף יענער וועלט, קען איך אייך מוחל זיין, ווייל איהר זייט פראסטע מענשען, גראבע יונגען, וואס קענען נים בעגרייפען אזעלכע הויכע זאכען. אבער אזוי ווי אין עולם הזה גלויבט איהר דאך יא, און דער עולם הזה וואס איך האב בעשאפען געפעלט אייך, האט איהר דאך פאר דעם עולם הזה אליין געדארפט האבען פאר מיר א ביסעל אכטונג."

## 7
# אלעמעס גלייכען

אין א שטעדטעל האט מען געוואלט אויפנעהמען א מגיד. איז דארט געווען איינער, א גרויסער גביר, וואס איז געווען אויך א גרויסער למדן, און האט געהאט א שארפען מויל, און האט געקענט שעהן ריידען. האט דער גביר גע־זאגט צו זיינע שטאדטליית: „צו וואס זאלט איהר אויסגעבען שטאדטישע געלד אויף א פרעמדען מענשען? איך וועל ביי אייך זיין א מגיד, גאנץ אומזיסט.“

די שטאדטליית האבען איינגעווילינגט, און דער גביר פלעגט פאר זיי יעדען שבת האלטען א דרשה פול מיט מוסר, און זיי געהייסען זיין פרום, עהרליך, האנדלען ערענטליך, ניט זאגען קיין ליגען, ניט האבען קיין פאלשע וואג און מאס, און דאס גלייכען.

אבער ניט אויף אלעמען האבען די מוסר־רייד פון דעם רייכען מגיד געהאט א ווירקונג. די ארימערע בעלי־בתים, די קליינע קרעמער, האבען געזאגט: „איהם איז גוט צו זאגען מוסר. איהם איז לייכט צו זאגען, אז מיר זאלען האנדלען ערענטליך, מיט א ריכטיגער מאס און א ריכטיגע וואג. ער איז זעהר רייך, זיינע געשעפטען געהען גוט און ער קען בעהויפטען צו זיין עהרליך ווי א מלאך.“

זעהענדיג אז זיין מוסר העלפט ניט, האט דער גביר אליין זיך אבגעזאגט פון די מגידות און האט געהייסען מען זאל די מגידות איבערגעבען צו אן ארימען מלמד, וואס איז געווען אין דער זעלבער שטעדטעל.

דער ארימער מלמד האט דאן אנגעהויבען צו זאגען כמעט די זעלבע מוסר־רייד יעדען שבת אין שוהל. אבער

ער האָט אויך ווייניג אויסגעפיהרט. די גרויסע סוחרים, די רייכערע בעלי־בתים האָבען גע'טענה'ט:

„איהם איז לייכט צו זאָגען מיר זאָלען ניט זאָגען אַ ליגען, האַנדלען מיט עהרליכע וואָג און עהרליכע מאָס. ער איז דאָך אַן אָרימער מלמד, וואָס האָט ניט מעהר ווי זיין קנעלונג. ווען ער וואָלט אָבער געווען אַ געשעפטס־מאַן, אַ סוחר, און האָבען אַ גרויסע הוצאה, מיט דאגות און קאָפּ־דרעהעניש, אַזוי ווי מיר, וואָלט עס ניט געווען בעסער פון אונז."

און אַז מען האָט געזעהן, אַז דער אָרימער מגיד העלפט אויך ניט, האָט מען איהם אָראָבגעזעצט און מען האָט אויס־געקליבען אויף זיין אָרט איינעם, וואָס איז אַמאָל געווען אַ גרויסער גביר, און שפּעטער איז ער געוואָרען אַ יורד, אַן אָרימאַן. האָט מען שוין צו זיין מוסר זיך צוגעהערט, ווייל ער האָט שוין געהערט אי צו די רייכע, אי צו די אָרימע.

נ מ ש ל

די תורה האָט געזאָגט: „הוכח תוכיח את עמיתך" — שטראָפען קענסטו דיין גלייכען, עס הייסט: בלויז דיין איינענעם קלאַס מענשען קענסטו זאָגען מוסר.

## 8

## די נאַרען קומט אַ שטראָף

אַ שווינדלער האָט זיך אַמאָל פערשטעלט אין רבני'שע קליידער מיט אַ שטריימעל און איז געקומען אין אַ שטעדטעל און האָט געזאָגט, אַז ער איז דער בעריהמטער גאון פון יענער און יענער שטאָדט. דער שווינדלער האָט געשפּיעלט זיין ראָלע זעהר קונציג, איז אַרומגעגאַנגען אין טלית ותפילין,

האט ניט ארויסגעלאזען א ספר פון האנד און גערערט האט ער גאנץ ווייניג. עס פערשטעהט זיך, אז מען האט איהם געגלויבט און אבגעגעבען גרויס כבוד. און ווען דער אמת'ער גאון האט געהערט פון דעם גרויסען כבוד, וואס מען האט אבגעגעבען דעם שווינדלער, האט עס איהם געפרעהט, אזוי ווי מען וואלט דעם כבוד אבגעגעבען צו איהם אליין.

א צייט שפעטער האט זיך אין אן אנדער שטעדטעל בעוויזען אן אנדער שווינדלער, וואס האט אנגעגעבען אז ער איז דער בעריהמטער גאון. דיזער שווינדלער איז געווען א גראבער יונג, וואס האט געהאלטען כסדר אין פרעסען און זויפען, איז געווען אנגעטאהן ווי א קאמעדיאנט און האט זיך אויפגעפיהרט ווי א באד-יונג. אבער אז ער האט געזאגט, אז ער איז דער בעריהמטער גאון, האט מען איהם אבגעגעבען גרויס כבוד און מען האט איהם פשוט אויף די הענד ארומגעטראגען.

ווען דער גאון האט געהערט פון דעם כבוד, וואס מען האט דעם גראבען יונג אנגעטאהן, האט עס איהם שווער פערדראסען און ער איז געווארען בייז אויף די בעלי-בתים פון יענער שטעדטעל, דען ווי קענען דאס מענשען זיין אזעלכע נאראנים און גלויבען אזא גראבען יונג, אז אויסוואורף, אז ער איז דער גרויסער גאון?

## נ מ ש ל

אזוי לאנג ווי מענשען האבען געדיענט צו דער זון, די לבנה און די שטערען, וואס זיינען געטליכע זאכען, האט דער אייבערשטער ניט געקענט זיין בייז אויף די מענשען. אבער אז די מענשען האבען אנגעהויבען צו דיענען געטצען, וואס זיי אליין האבען געמאכט פון שטיינער און האלץ, האט עס איהם, כביכול, שווער פערדראסען.

## 9
# אַ שוטה בלייבט אַ שוטה

אַ מלך, וואָס האָט געקיניגט איבער אַ גרויסער מדינה, האָט געהאַט אַן איינציגען זוהן, וועלכער איז געווען אַ גרויסער נאַר און מיט אַ פערשטאָפּטען קאָפּ. האָט זיך דער מלך שטאַרק גענומען צום הארצען און האָט זיך געטראַכט: וואָס וועט זיין נאָך מיין טויט? ווי לאָזט מען איבער די מלוכה אין די הענד פון אַזאַ נאַר, אַ שוטה, וואָס איז דערצו זעהר אונוויסענד, וויים גאָרנישט און קען גאָרנישט. האָט ער זיך בעראַטהען מיט זיינע מיניסטאָרען און זיי האָבען דעם מלך געזאָגט, אַז אין אַ געוויסען אָרט איז אַן אַנדער מדינה איז דאָ אַ גרויסער אוניווערזיטעט, וואָס האָט די בעסטע לעהרער, און דאָרט וועט דער יורש עצר לערנען, ווערען געבילדעט, און קענען אַלעס וואָס אַ קעניג פון אַ גרויסער און רייכער מדינה דאַרף קענען.

דער מלך האָט ניט לאַנג געוואַרט און האָט אַבגעשיקט זיין זוהן נאָך יענעם אוניווערזיטעט און האָט איהם אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל דאָרט בלייבען ביז ער וועט ווערען אַ פאָלקאָמען געבילדעטער מענש.

דער בן מלך איז דאָרט אַבגעווען עטליכע יאָהר און האָט טאַקע אַ סך געלערנט, און אַז ער האָט זיך שוין גענוג אָנגעלערנט, האָט ער גענומען שרייבען צום פאָטער איין בריעף נאָך דעם אַנדערען, בזה הלשון: „מיין פאָטער קעניג! איך האָב שוין אויסגעלערנט אַלע חכמות, און אַזוי ווי איך האָב שוין ניט וואָס מעהר צו לערנען, וויל איך אַז דו זאָלסט מיך שוין נעהמען אַהיים."

ווען דער פאָטער האָט בעקומען עטליכע בריעף אַזעלכע,

האט ער געגלויבט, אז ער קען שוין ברייגנען דעם יורש עצר אהיים. האט ער געשיקט נאך איהם א פאר פון זיינע מי־ניסטארען מיט א גאנצע סוויטע דיענער, און זיי האבען דעם יורש עצר געבראכט אהיים.

צוליעב דער גרויסער שמחה, וואס זיין זוהן איז צוריק־געקומען א פאלקאמענער מענש מיט גרוים בילדונג, האט דער קעניג געמאכט א גרויסע סעודה פאר אלע זיינע מיניס־טארען, ראטהגעבער, גענעראלען און אלע גרויסע לייט פון זיין מדינה. אלע האבען זיך געפרעהט מיט דעם גאסט, און ווען דער עולם איז געווארען פרעהליך פון דעם גוטען וויין, איז איינעם פון די מיניסטארען איינגעפאלען צו פערהערען דעם יורש עצר וועגען די חכמות, וואס ער האט געלערנט אין דעם אוניווערזיטעט. האט ער איהם צוערשט געפרעגט: „זאג מיר, וואס האסטו דארט אזוינס געלערנט?“ האט איהם דער יורש עצר גענומען אויסרעכענען די חכמות, וואס ער האט געלערנט: אלגעברא, געאמעטריע, אסטראנאמיע, מא־טהעמאטיק און נאך חכמות. דער מיניסטער קעהרט זיך אב אן א זייט, נעהמט ארונטער ביי זיך פון פינגער א רינג און לייגט עס אריין צו זיך אין פויסט, און זאגט צום יורש עצר: „א נו, טרעף וואס איך האב אין האנד?“

דער יורש עצר האט בעטראכט דעם צוגעמאכטען פויסט און האט געענטפערט: „לויט די וויסענשאפטען, וואס איך האב געלערנט, קומט אויס, אז דו האסט אין דיין האנד א זאך, וואס איז קיילעכדיג און מיט א לאך אין מיטען.“

דער מיניסטער האט זיך שטארק געוואונדערט אויף דעם ענטפער. דאס האט געצייגט, אז דער יורש עצר איז טאקע א גרויסער קענער. אבער דער מיניסטער האט זיך ניט געקענט איינהאלטען און האט ווייטער געפרעגט:

„דאך וואלטען מיר אלע געוואלט, אז אונזער טייערער יורש עצר זאל אונז זאגען אקוראט, וואס דאס איז די קיי־לעכדיגע זאך מיט'ן לאך, וואס איך האלט אין האנד.“

„איך וועל אייך זאָגן,“ האָט דער יורש עצר געענט־פערט: „לויט די וויסנשאַפטן קען איך אייך ניט זאָגן מעהר ווי איך האָב אייך שוין געזאָגט. אָבער נאָר מיין אייגענעם שכל קען איך זיך פאָרשטעלן, אַז דאָס מוז זיין אַ מיהלשטיין.“

נ מ ש ל

אַ נאַר קען זיין געבילדעט, אָבער ער בלייבט דאָך אַ נאַר.

## 10
# אַן אָרימאַן׳ס שכל

ביי אַ מלך איז שטאַרק קראַנק געוואָרען זיין זוהן. האָט ער צוזאַמענגערופען די גרעסטע דאָקטוירים פון זיין לאַנד. די דאָקטוירים האָבען פּראָבירט פאַרשידענע רפואות, אָבער זיי האָבען דעם פּרינץ ניט געקענט געזונד מאַכען. ווען דער קעניג האָט געזעהן, אַז די גרויסע דאָקטוירים העלפען ניט, האָט ער געלאָזט אויסרופען אין גאַנצען לאַנד, אַז ווער עס דענקט אַז ער קען היילען דעם פּרינץ זאָל ער זיך מעלדען אין קעניג׳ס הויף.

האָט זיך אין דעם לאַנד געפונען אַ דאָקטאָר, וועלכער האָט געוואוינט אין אַן אַנדער שטעדטעל, אָבער וויל ער איז געווען אָרים האָט ער ניט געהאַט קיין נאָמען און קיינער האָט פון איהם ניט געהאַלטען. איז ער געקומען צום קעניג און האָט געזאָגט, אַז ער וויל זעהן דעם קראַנקען פּרינץ. גלייך ווי דער דאָקטאָר האָט אַ ביסעל בעטראַכט דעם פּרינץ האָט ער פאַרשטאַנען זיין קראַנקהייט און האָט שוין געוואוסט מיט וואָס מען קען איהם היילען, און אַז די רפואה איז אַז

איינפּאַכע, וועלכע מען קען אויסקאַכען פון פערשידענע גראָזען, וואָס וואַקסען אין פעלד.

דאָך, האָט דער אָרימער דאָקטאָר מורא געהאַט צו זאָגען וואָס די רפואה איז, ווייל דערביי זיינען געזעסען די גרעסטע דאָקטוירים פון לאַנד און ער האָט געוואוסט, אַז ווי נאָר ער וועט זיי זאָגען זיין רעצעפּט, וועלען זיי איהם אויסלאַכען און איהם מאַכען פאַר אַ נאַר. האָט ער זיך געקליגט און אַזוי געזאָגט:

„לויט מיין אָרימען פערשטאַנד קומט אויס, אַז מען קען דעם פּרינץ קורירען מיט געוויסע גראָזען, וועלכע זיינען זעהר לייכט צו קריגען, אָבער אַזוי ווי איך ביז קיין גרויסער דאָקטאָר, ווייס איך ניט, אויב איך וועל זיין אימשטאַנד דעם רעצעפּט צוריכטען ווי עס דאַרף צו זיין. דאַרום וועל איך פאַרלייגען מיין רעצעפּט פאַר די גרויסע דאָקטוירים און זיי זאָלען עס צוריכטען לויט זייער קענטנים.“

די גרויסע דאָקטוירים האָבען זיך געלאָזט אונטער־קויפען מיט דער חניפה און זיי האָבען אָנגענומען די עצה פון דעם אונבעוואוסטען דאָקטאָר, און דער פּרינץ איז גע־זונד געוואָרען.

## נ מ ש ל

חכמת המסכן בזויה, אָבער אַז דער אָרימאַן האָט אַ ביסעל טאַקט צו זיין חכמה, דאַן מוז עס ווערען געאַכטעט.

# 11
# משנה מקום — משנה מזל

צוויי אָרימע ישיבה בחורים זיינען געגאַנגען אין וועג אהיים, אויף יום־טוב. איז זיי אויסגעקומען זיך אַבצו־שטעלען ערגעץ אין אַ דאָרף, איבער נאַכט. עס איז געווען פאַר פסח און דער וועטער איז נאָך געווען קאַלט. זיינען זיי אריינגעקומען אין אַ קרעטשמע, קאַלטע און הונגעריגע, און זיי האָבען דאָרט געטראָפען עטליכע אָפיצערען, וואָס האָבען געגעסען, געטרונקען און געהוליעט.

„עסען האָב איך ניט וואָס צו געבען," האָט דער קרעטשמער געזאָגט צו די אָרימע בחורים. „די אָפיצערען האָבען אַלעס אויפגעפרעסען, ניט איבערגעלאָזען אַפילו אַ שטיקעל שוואַרץ ברויט. אָבער אויב איהר ווילט דאָ איבער־נעכטיגען, קענט איהר שלאָפען אין קיך."

זיינען די צוויי ישיבה בחורים אריין אין קיך. איינער האָט זיך געלייגט אויף דער ליזשאַנקע, ביים אויווען, און דער אַנדערער אויף אַ האַרטער קאַלטער באַנק.

די אָפיצערען האָבען דאָרט, אין דעם גרויסען שענק, געהאַלטען אין איין טאַנצען, און צוויי פון זיי האָבען טאַנ־צענדיג זיך אריינגעדרעהט אין קיך אריין. ווען זיי האָבען דאָרט, אויף דער באַנק, געזעהן איינעם ליגען, האָבען זיי געוואָלט מאַכען מיט איהם אַ ביסעל שפּאַס. זיי האָבען זיך נעבען איהם אוועקגעשטעלט, געגעבען אַ שפּרונג און אַ פּאַטש יענעם אין די פּלייצעס, אַ שפּרונג און אַ זעץ, אַ שפּרונג און אַ בוכצע. דער ישיבה בחור האָט מורא געהאַט צו זאָגען אַ וואָרט, טאָמער וועט ער ערגער מאַכען. אַזוי האָבען די אָפיצערען געאַרבייט ביי אַ צעהן מינוטען. נאָכ־

דעם האָט דער ישיבה בחור געהערט ווי זיי זאָגען: „לאָמיר רופען די אַנדערע, זאָלען זיי אויך האָבען אַ ביסעל שפּאַס.“ און זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען פון קיך.

דער ישיבה בחור, וואָס איז געלעגען אויפ'ן באַנק, האָט זיך שנעל אויפגעהויבען. ער האָט געטראַכט פון „משנה מקום משנה מזל“ און איז צוגעגאַנגען צו זיין חבר, וואָס איז געשמאַק געשלאָפען אויף דער „ליזשאַנקע“, איהם אויפגעוועקט און געזאָגט: „דו האָסט זיך שוין גענוג אָנגעוואַרעמט. יעצט לאָז מיך ליגען אַ ביסעל אויף דער ליזשאַנקע און דו גיי לייג זיך אויף דער באַנק.“

יענער האָט געפאָלגט, און פאַר איין וועג האָט ער מיטגענומען אַ טעפּעלע וואַרעניקעס, וואָס ער האָט געפונען ביי זיין געלעגער און האָט שוין האַלב אויפגעגעסען. אַט אַזוי האָבען זיי זיך געביטען, און דער וואָס איז פריהער געלעגען אויף דער באַנק, איז יעצט געלעגען אויף דער וואַרימער ליזשאַנקע. אָבער ער האָט ניט געקענט פערגעסען דעם טעפּעל וואַרעניקעס, וואָס יענער האָט מיטגענומען. ער האָט זיך דאָך געטראַכט: „וואַרט, ברודערל, באַלד וועסטו פאַרזוכען אַ בעסערען טעם פון וואַרעניקעס.“

די אָפּיצערען זיינען באַלד אַריין, דיזען מאָל זאַלבע זעקס. איינער פון די פריהעדדיגע צוויי האָט זיי צוגעפיהרט צו דער באַנק און זיי געצייגט וואָס צו טאָהן. רופט זיך אָב דער אַנדערער: „זאָלען מיר אַלץ פּאַטשען דעם זעלבען? עס איז ניט רעכט. לאָמיר בעסער יעצט פּאַטשען דעם, וואָס ליגט אויף דער ליזשאַנקע.“ און אַזוי האָבען זיי געטאָהן.

## נמשל

ניט יעדען מאָל וואָס מען איז משנה מקום איז מען משנה מזל. אַמאָל איז מען משנה אויף אַן ערגערען מזל.

## 12
## די גרויסשטאָטיגע

צוויי יונגע לייט, ברידער, האָבען זייער גאַנצען לעבען פעדבראַכט אין שטאָדט, צווישען שטיינערנע מויערען, און זיי האָבען קיינמאָל ניט געזעהן קיין פעלד אָדער פאַרם. איינמאָל זיינען זיי ביידע אוועק אויף אַ צייט צו זיצען אין דאָרף. האָבען זיי דאָרט געזעהן ווי אַ פּויער אַקערט די ערד. קוקען זיי און וואונדערען זיך: צו וואָס ער גראָבט אויף די ערד און מאַכט אין איהר גריבער. זיי האָבען ניט געקענט פאַרשטעהן צו וואָס אַ מענש נעהמט אַ שעהנעם, גלייכען אָרט, וואָס איז בעדעקט מיט גרינעם גראָז, און צוגראָבט עס. שפּעטער האָבען זיי געזעהן ווי דער פּויער נעהמט קערנער פון קאָרן אָדער פון ווייץ און צוואַוואַרפט עס איבער די גריבער, אָדער בייטען. האָט זיך זיי אויסגעראַכט, אַז דער פּויער איז ניט ביים זינען. אַ מענש נעהמט נויטיגע שפּייז און בעגראָבט עס אין דער ערד.

„די דאָרף געפעלט מיר ניט," האָט איינער פון די צוויי יונגע לייט געזאָגט. „עפּעס וואוינען דאָ מאָדנע מענשען." און ער איז אַוועקגעפאָהרען צוריק נאָך דער גרויסער שטאָדט.

דער צווייטער, וואָס איז פערבליבען אין דאָרף, האָט אין עטליכע וואָכען אַרום געזעהן ווי די פעלד איז ווידער בעוואַקסען געוואָרען מיט גרינס, נאָך שעהנער ווי פריהער. דאָס איז איהם געפעלען געוואָרען. האָט ער גלייך געשריבען צו זיין ברודער אין דער גרויסער שטאָדט, אַז ער זאָל קומען זעהן דעם גרויסען וואונדער. דער ברודער איז געקומען און עס איז איהם אויך געפעלען געוואָרען. עס איז אַריבער נאָך אַ צייט און פון די גראָזען זיינען געוואָרען זעהר שעהנע

זאנגען. יעצט האבען די ברידער פערשטאנען דעם גאנצען צוועק פון דעם פויער'ס ארבייט, פון זיין אקערען די ערד און פון זיין ווארפען די קערנער.

ווען די זאנגען זיינען שוין געווארען צייטיג, איז דער פויער ארוים מיט א סערפ און א שנייד־מעסער און האט גענומען ארבשניידען די זאנגען פון פעלד. דער אונגע־דולדיגער ברודער האט אויסגערופען: „דער פויער איז דאך ניט ביים זינען! ער האט אזוי שווער געארבייט אום די שעהנע זאנגען ארויסצוברייגנען און יעצט שניידט ער זיי אב מיט זיינע אייגענע הענד און מאכט א תל פון דעם גאנצען פעלד! איך פאהר צוריק אין שטאדט!"

דער אנדערער ברודער, דער געדולדיגעד, איז פערבליבען. ער האט געזעהן ווי דער פויער האט די זאנגען געבראכט אין שייער. דארט האט ער פון די זאנגען אויסגעקלאפט די תבואה, און ער האט געהאט הונדערט מאל אזוי פיעל קער־נער ווי ער האט פערזייהט. יעצט האט ער פערשטאנען די ארבייט און דעם צוועק פון דער ארבייט.

## נמשל

מיר, מענשען, זעהן בלויז דעם אנפאנג פון דער ארבייט, וואס דער אייבערשטער טהוט אויף דער וועלט, און דארום קענען מיר ניט פערשטעהן דעם צוועק און דעם תכלית פון דער בעשאפונג און פון אלעם וואס טהוט זיך אויף דער וועלט.

## 13

## צוויי עגונות

איז א שטאדט זיינען געווען צוויי ווייבער, וואס די מענער האבען זיי פערלאזען און זיינען אוועק זעהר ווייט. איינער איז אוועק, ווייל ער איז געווען א גרויסער ארימאן און האט ניט געהאט פון וואס צו לעבען אין זיין שטאדט, איז ער אוועק ערגעץ אנדערשוואו צו זוכען פרנסה. דער אנדערער איז געווען זעהר רייך, אבער ער איז אנטלאפען פון דער ווייב, ווייל זי איז געווען א גרויסע מרשעת און פלעגט כסדר אויף איהם שרייען, איהם שילטען און דערגעהן די יאהרען.

עס איז אוועק א צייט און ביידע ווייבער האבען ניט געהערט פון זייערע מענער. יעדען מאל, אז עס פלעגט קומען אין שטאדט א סוחר פון א ווייטען געגענד, פלעגען די ביידע ווייבער ביי איהם פרעגען, טאמער האט ער געטראפען זייערע מענער, אדער געהערט פון זיי.

איינמאל איז געקומען א סוחר און ער האט אנגעזאגט די ביידע פרויען, אז זיי זאלען קומען צו איהם. אז זיי זיינען געקומען, האט ער זיי דערצעהלט, אז זייערע מענער געפינען זיך ביידע אין איין שטאדט און ביידע האבען איהם געגעבען בריעף פאר זייערע פרויען. און ווען די פרויען האבען געבעטען, אז ער זאל זיי אבגעבען די בריעף, האט דער סוחר געענטפערט: „יעצט קען איך אייך די בריעף ניט געבען, ווייל איך האב זיי ערגעץ פערפאקט אין איינעם פון מיינע קאסטענס סחורה און איך האב קיין צייט ניט צו זוכען. אבער אז איהר וועט קומען מארגען, וועל איך אייך די בריעף אבגעבען."

די רייכע פרוי איז אוועק אהיים א צופריעדענע, א פרעהליכע און האט ניט געזאגט דעם סוחר א ווארט. אבער די ארימע איז צו איהם צוגעשטאנען אזוי ווי פער און האט ניט געוואלט אוועקגעהן, סיידען ער וועט איהר גלייך אפגעבען דעם בריעף.

„זאג מיר," האט דער סוחר געפרעגט די ארימע פרוי, „וואס האסטו זיך אזוי אנגעטשעפעט צו מיר? ווארום איז יענע פרוי אוועק א צופריעדענע און האט מיר גארנישט געזאגט?"

„עס איז א גרויסער אונטערשיעד פון מיר ביז יענער פרוי," האט די ארימע געענטפערט. „יענע איז רייך. איהר פעהלט קיין זאך ניט. איהר מאן האט זי איבערגעלאזט אין א שעהנער הויז און מיט א סך געלד. אלעס וואס איהר פעהלט איז איהר מאן. אוועק איז ער פון איהר, ניט ווייל איהם האט עפעס געפעהלט, נאר ווייל ער איז בייז געווארען אויף איהר. און יעצט, אז זי האט געהערט אז ער האט איהר געשיקט א בריעף, איז פאר איהר דאס גענוג. דאס איז שוין א סימן, אז ער איז שוין ניט מעהר בייז אויף איהר און ער קומט אין גיכען צוריק אהיים. אבער איך, ארימע, מיר איז ניט גענוג וואס מיין מאן דענקט פון מיר. איך וויל וויסען אויב ער האט שוין עפעס א שטיקעל פרנסה, אויב ער קען מיר שיקען כאטש אויף א שטיקעל טרוקען ברויט. אט דערפאר בין איך אזוי נייגעריג צו זעהן וואס ער שרייבט אין זיין בריעף."

נמשל

ברויט קומט צוערשט, ליעבע נאך דעם.

## 14
# די פערבלאָנדזשעטע פוהרען

א סוחר איז געפאהרען אין וועג מיט עטליכע פוהרען, שווער אנגעלאָדען מיט סחורה. עס איז געווען אין מיטען ווינטער. די ערד איז געווען בעדעקט מיט שנעע א פאר איילען הויך. קיין סימן פון א וועג איז ניט געווען צו זעהן, און דער סוחר מיט זיינע פוהרלייטע האבען פערבלאָנדזשעט און זיי זיינען פערקראכען אין א זייטיגען וועג, וואס האט געפיהרט צו א וואלד, אבער ניט אין שטאָדט אריין. האבען זיי זיך געמוזט צוריקקעהרען אויף דעם זעלבען וועג, וואס זיי האבען אויסגעטראָטען, און קוים מיט צרות זיינען זיי געקומען אויפ'ן ריכטיגען וועג.

דער סוחר האט זיך שטארק גענומען צום הארצען און געזיפצט און האט אויסגערופען: „וועה איז מיר, וואס האב איך געטאהן!"

„וואס איז מיט אייך?" האט איהם איינער פון די פוהרלייט געפרעגט. „ווארום נעהמט איהר זיך אזוי צום הארצען? מיר האט שוין ניט איינמאל געטראָפען, אז כ'האב פערבלאָנדזשעט און בין נאכדעם צוריקגעקומען אויפ'ן ריכטיגען וועג. צו וואס זאלט איהר זיך אזוי דאגה'נען?"

„וואס פערשטעהסטו ניט?" האט דער סוחר געענטפערט. "דו האסט נעבלאָנדזשעט בלויז מיט איין אייציגע פוהרע, און דער וועג וואס דו האסט געמאכט איז באלד אבגעווישט געווארען. עס איז פון ווינד פערשאָטען געווארען מיט שנעע און דער שליאך איז מעהר נישט געווען קענטיג. אבער איך בין דורכגעפאהרען מיט אזוי פיעל שווער אנגעלאָדענע פוהרען. דער פאלשער וועג, וואס איך האב גע־

מאכט, וועט שוין בלייבען פאר א היבשע צייט. עס וועלען דורכפאהרען אונשולדיגע מענשען און דאס אננעהמען פאר דעם ריכטיגען וועג, און זיי וועלען דורך מיר בלאנדזשען און האבען גרויסע צרות."

נמשל

ווען א תלמיד חכם זינדיגט אפילו אונגערן, מאכט ער דערמיט א וועג פאר אנדערע מענשען, וואס ווייסען גאנץ ווייניג, און זיי מיינען, אז דער וועג, אין וועלכען דער תלמיד חכם איז געגאנגען, איז א ריכטיגער . . .

## 15
## גאנגבארע סחורה

א סוחר האט געוואוינט אין א גרויסער שטאדט, איז וועלכער עס האבען זיך געפונען לויטער רייכע לייט, גבירים, און ער האט דארט געהאט א געשעפט פון דיאמאנטען און פערל. איינמאל האט זיך איהם פערוואלט איבערציהען אין א קלענערער שטאדט, וועלכע איז געווען בעוואוינט פון ארימע מענשען, בעלי־מלאכה, האט ער דארט געעפענט א קרעמעל, וואו ער האט פערקויפט הערינג, זאלץ, קעראסין און אנ־דערע פראסטע סחורות. ער האט געמאכט גוטע געשעפטען און איז געווען צופריעדען. נאר איינמאל איז געקומען זיינער א פריינד, פון דער גרויסער שטאדט, און ווען ער האט דערזעהן מיט וואס דער סוחר האנדעלט, האט ער גע־מאכט חוזק פון איהם. „איך פערשטעה נים, צו וואס האסטו זיך גענומען צו אזעלכע פראסטע ארטיקלען? פארוואס קענסטו נים האנדלען דא מיט דיאמאנטען און פערל, ווי דו האסט געהאנדעלט אין דער גרויסער שטאדט?"

„איך וועל דיר דאס ערקלעהרען,“ האט דער סוחר גע־ענטפערט. „דארט, אין דער גרויסער שטאדט, זיינען די מענשען גאנץ אנדערש. ערשטענס, זיינען זיי מבינים אויף דיאמאנטען און פערל. צווייטענס, האבען זיי געלד און קענען די גוטע סחורה קויפען. אבער דא וואוינען נאר ארימע בעלי־מלאכה, וואס דארפען האבען די נויטיגסטע לעבענס־מיטעל: שווארץ ברויט, הערינג און גראבע זאלץ, און נאר אזעלכע זאכען, — דארף איך האלטען די סחורה וועלכע דא געהט.“

## נמשל

דעם משל קען מען זאגען אויף א רב, א גרויסער למדן, וועלכער שטעלט זיך אוועק זאגען א לאנגען פלפול פאר פשוט'ע אידען, וואס האבען וויינינג געלערנט און פער־שטעהען ניט וואס דער רב זאגט. עס וואלט פיעל בעסער געווען, אז ער וואלט זיי געזאגט א ביסעל מוסר, א ביסעל עין יעקב, אדער מדרש, זאכען וואס זיי קענען פערשטעהן און וואס זיי דארפען וויסען.

## 16

## די צוויי זייגערס

איינער האט געהאט צוויי טייערע זייגערס, אויף וועלכע ער איז געווען זעהר שטאלץ, און ער פלעגט זיי ציינען אלע זיינע פריינד. אויף דער עלטער, ווען ער האט געהאלטען אין פערלאזען די וועלט, האט ער איבערגעגעבען די זייגערס צו זיינע צוויי זיהן און ער האט זיי אנגעזאגט, אז זיי זאלען אין קיין פאל די זייגערס ניט פערקויפען. נאכדעם ווי דער אלטער איז געשטארבען איז געקומען א שלעכטע צייט אויף

די זיהן. זיי זיינען געוואָרען אַלץ אָרימער און אָרימער און די נויט האָט זיי גענומען שטאַרק דריקען. האָבען זיי אַנ־געהויבען צו טראַכטען פון פערקויפען די טייערע זייגערלעך.

און אַזוי ווי זיי האָבען זיך געשעהמט איינער פאַר'ן אַנדערען צו געהן געגען דעם פאָטער'ס צוואה, האָט יעדער איינער פון זיי פערקויפט זיין זייגערל שטיל, אַז דער אַנ־דערער זאָל ניט וויסען. איינמאָל האָבען זיך די צוויי ברי־דער בעגעגענט, און איינער האָט געוואָלט וויסען, פיעל דער זייגער איז. פרעגט ער ביי דעם אַנדערען. זאָגט דער אַנדערער: „איך האָב מיין זייגער פערגעסען אין דער היים. און וואו איז דיינער?‟ ענטפערט יענער: „איך האָב מיינעם אויך פערגעסען, אַזוי ווי דו . . .‟ און גלייך איז ביידען קלאָר געוואָרען, אַז ביידע האָבען זייערע זייגערס פערקויפט.

„האָסט כאָטש גענומען אַ גוטען מקח?‟ האָט דער על־טערער געפרעגט ביי דעם אינגערען. און דער אינגערער האָט געענטפערט: „איך האָב בעקומען אַ גאַנץ קליינעם פּרייז, ווייל דער מענש, וועמען איך האָב דעם זייגערל פערקויפט, איז קיין מבין ניט. האָב איך געמוזט נעהמען וואָס ער האָט מיר געגעבען.‟

„זעהסטו,‟ האָט דער עלטערער געזאָגט, „איך האָב אַנ־דערש געטאָהן. איך האָב צוערשט געטראָגען מיין זייגערל צו מבינים אָבצושאַצען און ערשט נאָכדעם האָב איך אויס־געזוכט אַ רייכען סוחר, וואָס האָט מיר געגעבען דעם ריכ־טיגען מקח.‟

„ניין! איך האָב קליגער געטאָהן פון דיר,‟ האָט דער אינגערער געזאָגט, „ווייל דו האָסט פערקויפט צו אַ מענשען, וואָס פערשטעהט דעם ווערטה פון דעם זייגער, און טאָמער אַמאָל, אַז דו וועסט דעם זייגער וועלען צוריק אָבקויפען, וועט ער וועלען מעהר ווי ער האָט דיר בעצאָהלט. אָבער איך האָב פערקויפט צו אַזאַ מענשען, וואָס פערשטעהט ניט דעם ווערטה פון דעם, און ער וועט זיך פרעהען ווען איך

וועל איהם געבען די זעלבע געלד וואס ער האט מיר בע־צאהלט."

נמשל

א חכם איז דער, וואס קוקט ארויס ווייטער ווי די געגענווארט. איינער קריגט אמאל גוט בעצאהלט און דאד נארט ער זיך אב.

## 17
## שלאגען — א רפואה

ביי א רייכען מאן איז געווען א בן יחיד, זעהר א נאכ־געגעבענער און געצערטעלטער. איז ער געווארען זעהר קראנק מיט אזא שלאף־קראנקהייט. עס הייסט, ער פלעגט כסדר ליגען און שלאפען. קיין אנדער מיטעל איז ניט געווען, ווי איהם צו היטען, אז ער זאל ניט שלאפען צופיעל. וואס האט זיין פאטער געטאהן? ער האט צוגענומען די פערינע און די קישענס, אום עס זאל דעם בן יחיד ניט זיין אנגע־נעהם צו ליגען לאנג אין בעט. אבער מיט דער צייט האט זיך דער אינגעל איינגעוואוינט צו שלאפען אויף א הארטען געלעגער, און ער פלעגט שלאפען אזוי געשמאק ווי געווען. וואס האט דער פאטער יעצט געטאהן? ער האט אין גאנצען צוגענומען די בעטעל און דער אינגעל האט געמוזט שלאפען אויף דער פאדלאגע. אבער אויך צו דעם האט זיך דער קראנקער אינגעל באלד צוגעוואוינט. ווען דער פאטער האט געזעהן, אז די אלע זאכען העלפען ניט, האט ער פערבוינט זיין רחמנות און האט גערונגען וועכטער, וואס פלעגען מיט בייטשען שלאגען דעם אינגעל, אהן מיטלייד, ווי נאר ער פלעגט איינשלאפען, און איהם מיט גוואלד אויפרייסען פון זיין שלאף.

נמשל

אלערליי צרות שיקט אויף אונז אן דער אייבערשטער, אום אונז צו וועקען פון אונזער שלאף, און ווען מיר גע־וואוינען זיך איין צו די צרות און שלאפען ווייטער, שיקט ער אויף אונז אן די גוים, וואס שלאגען אונז און לאזען אונז ניט רוהען . . .

## 18
##ביידע האבען זיך געפרעהט

צוויי גרויסע גבירים האבען געוואוינט אין איין שטאדט, און עס פערשטעהט זיך, אז זיי האבען איינע די אנדערע שטארק ניט ליעב געהאט. דען וועלכער נגיד האט עס ליעב א צווייטען נגיד?

איינמאל האט איינער פון זיי געטאהן א שדוך פאר זיין טאכטער. ער האט בעקומען אן איידים א צאצקע, פון א פיינער משפחה, פון גרויסען יחוס. און גאנץ נאטירליך אז דער אנדער גביר האט שטארק מקנא געווען דעם שדוך.

נאכדעם אז די יונגע פארעל האבען אבגעלעבט צו־זאמען א צוויי־דריי וואכען, האט דער שווער איינגעזעהן, אז ער האט זיך מיט זיין איידים מיאוס אבגענארט. ער־שטענס, האט זיך ארויסגעוויזען, אז ער איז גארניט אזא למדן ווי מען האט אין אנפאנג געמיינט, און צווייטענס, איז ער געווען א צולאזענער, אן אויסוואורף. מעהר ווי יחוס האט ער ניט געהאט. איז דער שווער געגאנגען צום שדכן און האט צו איהם אזוי געזאגט:

„אייער שדכנות־געלד פאר אויספיהרען דעם שדוך האט איהר דאך שוין בעקומען, אבער איך וועל געבען צוויי מאל

אזוי פיעל שדכנות, ווען איהר וועט ביי מיין איידים פועל'ן, אז ער זאל מיין טאכטער געבען א גט."

דער שדכן האט זיך גענומען צו דער ארבייט. ער האט גערעדט צום איידים אזוי לאנג, האט איהם צוגעזאגט אלע גליקען, א שעהנערע מיידעל ווי זיין ווייב און מיט מעהר נדן, ביז דער יונגער מאן האט בעוויליגט די ווייבעל אב־צו'גט'ן.

וואס האט דער שדכן געטאהן נאכדעם? ער איז אוועק צום אנדער גביר און האט דעם יונגען גרוש פארגעשלאגען פאר זיין טאכטער.

דער אנדער גביר האט זיך אן דעם שדוך אנגעכאפט מיט ביידע הענד. דער שדכן האט איהם אזוי פעררעדט, אז דער גביר האט געמיינט דאס דער יונגער מאן האט אפגע'גט זיין ווייבעל, ווייל זי געפעלט איהם נים. מען האט גלייך געבראכט דעם חתן, גלייך געשריבען די תנאים און א קורצע צייט שפעטער האט מען געמאכט די חתונה.

צו דער חתונה האט דער אנדער גביר אויך איינגע־לאדען דעם חתן'ס געוועזענעם שווער. אדרבה, זאל ער פלאצען, האט ער זיך געטראכט. דעם חתן'ס געוועזענער שווער איז געקומען און האט זיך שטארק משמח געווען. ער האט געטאנצט און געהוליעט, צוזאמען מיט זיין שונא. האט איינער, זיינער א בעקאנטער, איהם אבגערופען אן א זייט און האט איהם געפרעגט:

„איך פערשטעה נים, וואס האט איהר זיך צו פרעהען? מילא יענער מאכט חתונה זיין טאכטער, אבער איהר — וואס האט איהר זיך צו פרעהען?"

„גאנץ פשוט," האט דער פאטער פון דער גרושה גע־ענטפערט. „מיר ביידע פרעהען זיך. ער פרעהט זיך, וואס ער האט בעקומען אן איידים, און איך פרעה זיך, וואס איך בין פון בעם איידים פטור געווארען."

### נמשל

דער רייכער און דער ארימאן פרעהען זיך צוזאמען. דער ארימאן פרעהט זיך, וואס ער קריגט א נדבה, און דער רייכער, וואס ער גיט אוועק דאס געלד און האט דערפאר א מצוה.

## 19

## א שעהנער מסחר...

א גרויסער סוחר האט ביי זיך געהאט צוויי רייזענדע משרתים. איינער פלעגט פאהרען אין לייפציג און איינ־קויפען סחורה. דער אנדערער פלעגט ארומפאהרען איבער פערשיעדענע שטעדט און פערקויפען די סחורה.

דער וואס פלעגט ארומפאהרען פערקויפען די סחורה, האט געהאט גרויסע צרות, ווייל יענער וואס פלעגט פאהרען אין לייפציג פלעגט אויפקויפען די ערגסטע סחורות, און דערפאר איז דאס געווען שווער צו פערקויפען. האט ער אלץ געזוכט א געלעגענהייט זיך צו טרעפען מיט יענעם און איהם אויסריידען, פאר דעם וואס ער קויפט אזעלכע שלעכטע סחורה, וואס קיינער וויל איז האנד ניט נעהמען. אבער עס האט זיך אלץ ניט געמאכט די געלעגענהייט, אז די צוויי זאלען זיך צוזאמענטרעפען.

נעהמט דער וואס פלעגט ארומפאהרען פערקויפען און שרייבט אוועק צו זיין בעל־הבית: „היות ווי ביי מיר איז געבליבען א ביסעל סחורה פון די סאמע ערגסטע, וואס זאל איך מיט דעם טאהן?" האט איהם דער בעל־הבית גלייך געשריבען אן ענטפער: „פערקויף ביליג, מעג זיין אונטער'ן קרן, אבי ווער פטור פון דעם."

גראדע איז איז דער זעלבער אכסניא אנגעקומען דער משרת, וואס פלעגט פאהרען איז לייפציג איינקויפען, און אזוי ווי דיביידע משרתים האבען איינע די אנדערע ניט געקענט, האט דער וואס פלעגט ארומפאהרען פערקויפען, איהם געפרעגט אויב ער וויל ביי איהם קויפען סחורה זעהר ביליג.

ווען יענער האט געהערט די ביליגע מקחים, האט ער זיך אנגעכאפט אז די מציאות און האט אבגעקויפט די גאנצע סחורה, וואס דער פערקויפער האט געהאט. נמצא, אז דער בעל־הבית האט צוריק איינגעקויפט זיינע שלעכטע סחורה.

נ מ ש ל

אזוי איז אויך מיט דעם מענשען, וואס זינדיגט א גאנצען יאהר, און קוים וואס ער דערוואַרט זיך אויף די ימים נוראים, אז ער זאל קענען תשובה טאהן. אבער באלד נאך די ימים נוראים בענעגענט ער זיך ווידער מיט'ן יצר הרע און קויפט איין צוריק זיין פעקעל עבירות.

## 20

## דעם טאטענ'ס מבינות

אמאל איז געווען א איד, א גרויסער חסיד, וועלכער האט ניט געהאלטען פון עולם הזה און איז כסדר געווען אריינ־געטאהן אין רוחניות, כסדר געזעסען און געלערנט. האט ער געהאט א זוהן, א בחור, וואס איהם איז שוין צייט געווען חתונה צו מאכען. און איינמאל, אז א שדכן איז געקומען און האט גערעדט א פיינעם שדוך, האט דער פאטער געזאגט: „מיין זוהן איז ביי מיר א בן יחיד, וויל איך איהם ניט משדך זיין מיט אבי ועמען. איך מוז אליין זעהן ווער עס

וועט זיין זיין שווער, וואס פאר א הויז ער פיהרט, און וויסען וואס פאר א נאמען ער האט צווישען מענשען. וועל איך טאקע אליין אריבערפאהרען אין יענער שטאדט און זעהן אויב עס איז א גלייכער שדוך פאר מיין זוהן."

איז דער חסיד אוועקגעפאהרען מיט'ן שדכן צוזאמען און זיינען געקומען צום פאטער פון דער מיידעל. די הויז איז געווען זעהר א רייכע, א פאלאסט, און דעם חסיד איז דער שדוך גלייך געפעלען געווארען. האט ער געשלאסען אן אבמאך מיט דעם מיידעל'ס עלטערען און איז מיט א פרעה־ליכען הארצען אוועקגעפאהרען צוריק אהיים.

ווען ער איז געקומען אהיים, האט ער געמאכט א סעודה פאר אלע זיינע פריינד און קרובים, און דער עולם האט זיך שטארק משמח געווען. דעם חתן'ס פאטער איז געזעסען אויבען־אן און האט דערצעהלט די גרויסע מעלות פון דעם מחותן: זיין יחוס, זיין עשירות, די שעהנע פיהרונג אין זיין הויז. היינט זיינע צדקות און זיין פרומקייט, וואס איז גאר ניט אויסצודערצעהלען!

„און וואס איז עפעס וועגען דער מחותנת'טע?" האבען די פריינד געפרעגט.

„די מחותנת'טע," האט דער חסיד געענטפערט, „איז אזוי גוט און פרום ווי איהר מאן. זי טיילט צדקה, און א גאנצען טאג זיצט זי איבער'ן טייטש חומש און איבער'ן תהלים."

„און וואס איז עפעס וועגען דעם עיקר, די כלה אליין?" האבען די פריינד א פרעג געטאהן.

דעם חסיד'ס פרוי האט געהערט ווי די פריינד פרעגען וועגען דער כלה, האט זי זיך אויך צוגערוקט צום טיש און האט זיך גענומען צוהערען וואס איהר מאן וועט דערצעהלען וועגען דער כלה.

„די כלה," האט דער חסיד געזאגט מיט גרוים בעגייס־טערונג, „איז אזוינס וואס איך האב נאר אין מיין לעבען

ניט געזעהן. איך האב גאר קיין ווערטער ניט אויסצודער־צעהלען איהרע מעלות. זי איז א דימענט, א בריליאנט!"

ווי נאר דער זוהן האט געהערט ווי זיין פאטער לויבט אזוי די כלה, האט ער זיך צוואויינט אויפ'ן קול און האט גענומען כליפען און שליוכצען אזוי ווי א קליין קינד. „וואס איז דיר, זוהן מיינער, וואס וויינסטו?" האט די מוטער גע־פרעגט. „הער וואס דער טאטע דערצעהלט וועגען דיין כלה, וואס פאר א טייערע כלה דאס איז. ער זאגט דאך, אז איהר גלייכען געפינט מען ניט אין דער גאנצער וועלט."

„הער צו, מאמע," האט דער חתן געענטפערט, „דו קענסט דאך דעם טאטען און דו ווייסט דאך, אז ער איז אויסגעטאהן פון דער וועלט, און וואס ביי געוואוינליכע מענשען איז שעהן, איז ביי איהם מיאוס. דען וואס איז ביי איהם שעהנקייט, אז ער קוקט קיינמאל ניט אויף א פרויענ־צימער? און ווען ער לויבט זי אזוי שטארק, בין איך זיכער, אז זי איז ניט שעהן און האט קיין ברעקעל חן, נאר זי איז טאקע א גרויסע פערזעהעניש, וואס איהר גלייכען געפינט מען ניט אין דער וועלט. און וואס מעהר דער טאטע לויבט זי, אלץ זיכערער בין איך, אז זי איז אזא מיידעל, וואס מען דארף פון איהר אנטלויפען פאר א מייל . . ."

## נ מ ש ל

די אידען אין מדבר האבען געוואוסט, אז ביים אייבער־שטען איז נאר אנגעלייגט פרומקייט און אבגעשיידענקייט פון עולם הזה פערגעניגענס, און ווען זיי האבען געהערט ווי דער אייבערשטער לויבט זעהר ארץ ישראל, האבען זיי זיך געטראכט, אז דאס מוז זיין א לאנד, וואו מען דארף זיך פלאגען און לעבען נאר מיט רוחניות.

## 21

# די שבועה האָט קאַליע געמאַכט

איינער איז געקומען אין אַ שניט־קראָם קויפן סחורה אויף אַ בגד. דער קרעמער האָט דעם מאַן גוט געקענט, אַז מען טאָר איהם ניט געבען אַהן געלד, ווייל ער איז געווען בעוואוסט פאַר אַ שלעכטען צאהלער. פון דעסטוועגען האָט ער איהם געצייגט פערשיעדענע שטאָפען, און דוקא פון די פיינערע וואַרע, און מיט אַ פריינדליכער שטימע האָט דער קרעמער געגעבען אַנצוהערענים דעם מאַן, אַז ער איז שטאַרק פערענגט אין געלד, און מוז האָבען מזומן פאַר זיין סחורה. און יענער האָט איהם געענטפערט: „איהר דאַרפט עס מיר גאָרניט דערמאָנען. איך בין געקומען קויפען און בעצאָהלען.“ עטליכע מאָל אַזוי האָט דער מאַן אַלץ איבערגעזאָגט כמעט די זעלבע זאַך: „ווער רעדט וועגען ניט בעצאָהלען! וואָס דען? איך וועל ניט בעצאָהלען? ווי שיקט עס זיך גאָר אַז איך זאָל ניט בעצאָהלען? אַז אַ מענש קויפט סחורה דאַרף ער בעצאָהלען!“ און נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל האָט דער מאַן איבערגעזאָגט די זעלבע זאַך, און יעדען מאָל אַלץ העכער און העכער, ביז ער האָט צולעצט אויסגעשריען: „זאָלען מיין ווייב און קינדער אַזוי לעבען ווי איך וועל בעצאָהלען!“

ווען דער שניט־קרעמער האָט דערהערט די שבועה, איז איהם קאַלט געוואָרען אין אַלע אברים, און אין האַרצען האָט ער זיך געטראַכט: יעצט וויים איך, אַז ער דענקט גאָרניט פון בעצאָהלען. דען אויב ער וואָלט געדענקט צו בעצאָהלען, טאַ צו וואָס דאַרף ער שווערען מיט אַזאַ שבועה? און ווען

ער שווערט יא, איז טאקע א סימן, אז ער האט גארניט אין זינען צו בעצאהלען!

נמשל

דעם עהרליכען מענשען גלויבט מען אהן א שבועה. א שווינדלער העלפען ניט אלע שבועות אין דער וועלט.

## 22
## אויסגעזוכט א שלעכטען צאהלער

א רייכער מאן האט געהאט א זוהן, וואס האט געלערנט אין א ווייטער שטאדט. פלעגט איהם דער פאטער שיקען מיט יעדען דורכפאהרער געלד אויף דער הוצאה. און דעם פאטער׳ס שטייגער איז אזוי געווען: אז עס פלעגט פאהרען אן ארענטליכער מענש, פלעגט ער ניט שיקען דאס געלד מיט איהם, נאר אז עס פלעגט זיך איהם מאכען א קארגער מענש, א שלעכטער צאהלער, פלעגט ער דורך איהם דוקא יא שיקען דאס געלד. האבען זיך מענשען געוואונדערט און ניט גע־קענט פערשטעהן, ווארום דער פאטער וויל ניט טרויען גוטע און ארענטליכע מענשען, נאר דוקא דעם קארגען, דעם שלעכ־טען צאהלער טרויט ער יא. האבען זיי צו דעם פאטער גע־זאגט:

„איהר ווייסט דאך אליין, אז עס וועט נעהמען אייער זוהן א סך מיה און צייט ביז ער וועט ארויסרייסען ביי דעם קארגען זיין געלד, ווייל ער האט פיינט צו צאהלען און פער־גינט קיינעם ניט דעם לעבען."

האט דער פאטער אזוי ערקלערט:

„פערשטעהט איהר מיך אזוי: מיין זוהן איז ביי מיר אין הויז ערצויגען געווארען אין לוקסוס און אין אלע פער־

נעניגענס. ער האט קיינמאל געוואוסט פון דאגות און ווייס ניט דעם ווערטה פון געלד. ווען איך זאל איהם שיקען געלד דורך פאסט, אדער דורך אזעלכע מענשען וואס וועלען איהם גלייך אויסצאהלען, האב איך מורא, אז ער וועט דאס געלד גלייך אויסברייינגען אויף נארישע פערגעניגענס, מיט שלעכ־טע חברים. דארום שיק איך איהם נאר מיט דעם שלעכטען צאהלער. ביי איהם וועט ער ארויסקריגען ביסלעכווייז, נאר אזוי פיעל וויפיעל ער דארף האבען אויף עסען און אויף די נויטינסטע זאכען צום לעבען."

נ מ ש ל

אפטמאל בעקומט דער מענש זיין חלק אויף דער וועלט דורך א שלעכטען מזל, וועלכער צאהלט איהם אויס אין קארגע חלקים, כדי דער מענש זאל פון צופיעל וואוילטאג ניט אראב פון גלייכען וועג.

## 23

# אמת'ע טרעהרען און פאלשע

א קרעמער האט איינמאל אבגעברענט און האט פער־לארען זיין גאנצען פערמעגען. דערצו איז ער געבליבען א גרויסער בעל־חוב, וויל כמעט זיין גאנצע סחורה האט ער געהאט גענומען אויף בארג, און יעצט האט ער ניט געהאט מיט וואס צו בעצאהלען. און ווען צו ענדע פון דעם טערמין האט איהם דער פאבריקאנט, ביי וועמען ער פלעגט קויפען סחורה, ארייגעשיקט א חשבון, אז ער זאל בעצאהלען וואס פון איהם קומט, האט זיך דער קרעמער שטארק גענומען צום הארצען. איז ער ארומגעגאנגען צו גוטע פריינד פרעגען א עצה, וואס ער זאל טאהן. האבען איהם גוטע פריינד געראטהען, אז ער זאל אריבערפאהרען צום פאבריקאנט און

איהם דערצעהלען וועגען זיינע אומשטענדען און וואס פאר אן אונגליק עס איז איהם געשעהן, וועט איהם יענער ווארטען, אדער איז גאנצען מוחל זיין דעם חוב.

דער קרעמער האט אזוי געטאהן. די רייזע האט גע־נומען עפעס מעהר ווי א טאג. אבער אז ער איז אנגעקומען אין יענער שטאדט, וואו דער פאבריקאנט האט געוואוינט, האט ער ניט געהאט דעם מוטה צו געהן צו איהם. ער האט זיך געטראכט: ווי קען איך פאר איהם צייגען מיינע אויגען, אז איך בין איהם שולדיג אזוי פיעל געלד — גאנצע צוויי טויזענד קערבלעך, און ער האט מיר אזא לאנגע צייט גע־טרויט? איז ער געזעסען אויף זיין אכסניא און געטרויערט. דערווייל האט ער זיך בעקאנט מיט אנדערע סוחרים, וואס זיינען דארט איינגעשטאנען, און ער האט פאר זיי אויסגע־גאסען זיין ביטער הארץ. האבען זיי צו איהם געזאגט: „ווען איהר האט שוין געמאכט די לאנגע רייזע און איהר האט שוין אויסגעגעבען אזוי פיעל געלד, איז א שאד אז איהר זאלט צוריקפאהרען אהיים און דעם פאבריקאנט ניט זעהן. מאכט זיך א הארץ, געהט אריבער און זעהט זיך מיט איהם!“

איז דער קרעמער אוועק צום פאבריקאנט אהיים. אבער ווען ער איז אריין אין הויז האט ער פערלארען זיין מוטה. האט ער זיך אוועקגעזעצט אין קארידאר און האט אויסגע־בראכען אין א געוויין, האט געוויינט און געכליפעט ווי א קליין קינד. דער פאבריקאנט האט דערהערט א געוויין, איז ער ארויס זעהן ווער דאס וויינט, און ווען ער האט דער־זעהן דעם קרעמער, האט ער זיך ניט געקענט אבוואונדערען. פרעגט ער איהם: „וואס איז דיר געשעהן? וואס וויינסטו?“ האט דער קרעמער געענטפערט: „ווי זאל איך ניט וויינען און ווי זאל איך ניט קלאגען? איך בין אייך שולדיג צוויי טויזענד קארבען און האב ניט מיט וואס צו בעצאהלען. איך בין א נשרף — געבליבען אן ארימאן!“

ווען דער פאבריקאנט האט דאס דערהערט, איז איהם

די הארץ צוגאנגגעו פאר רחמנות. ער האט דעם קרעמער אריינגענומען אין הויז, האט איהם פיין אויפגענומען און ער האט געזאגט: „וויין ניט. איך זעה אז דו ביזט א ארענטליכער מענש. דו ווילסט בעצאהלען, אבער דו קענסט ניט. שענק איך דיר די צוויי טויזענד קערבלעך. זאל עס זיין א מתנה." און ער האט צוריסען זיין וועקסעל פאר איהם אין די אויגען אויף פיצלעך.

דער קרעמער איז אוועק מלא שמחה. און ווען ער איז צוריק געקומען אויף זיין אכסניא האט ער דערצעהלט צו די אנדערע געסט די גאנצע געשיכטע, ווי דער פאבריקאנט האט איהם געשענקט די צוויי טויזענד קערבלעך. א שווינדלער, וואס האט זיך צוגעהערט, איז אויך אוועק צום פאבריקאנט, האט זיך דארט אוועקגעזעצט אין קארידאר און גענומען וויינען און קלאגען מיט בענומענע קולות. דער פאבריקאנט איז ארויס זעהן ווער דאס קלאגט אזוי, האט ער דארט געפונען א פרעמדען מענשען, וועמען ער האט קיינמאל אין זיין לעבען ניט געזעהן. פרעגט ער איהם: „וואס איז אויף דיר פאר א קלאג?" ענטפערט דער שווינדלער: „גוטער מענש! איך דארף האבען צוויי טויזענד רובעל, וויל איך אז איהר זאלט מיר דאס שענקען!"

דער פאבריקאנט האט איהם אנגעקוקט ווי א משוגענעם און געפרעגט: „מיט וואס פאר א רעכט בעטסטו פון מיר אזוי פיעל געלד?"

„אט יענעם האט איהר דאך געשענקט צוויי טויזענד רובעל," האט דער שווינדלער גע'טענה'ט, „טא מיט וואס ביז איך ערגער פון יענעם?"

„דו שלעפער איינער!" האט דער פאבריקאנט אנגעשריען. „מיט יענעם האב איך יאהרען געהאנדעלט, געפיהרט מיט איהם געשעפטען און געלייזט פון איהם שווערע טויזענדער, און יעצט, אז ער קען מיר ניט בעצאהלען, האב איך איהם געשענקט א חוב. אבער פון דיר האב איך דאך

גארנישט געהאט; ניט דו קענסט מיך און ניט איך קען דיך, טא פארוואס קומט דיר אז איך זאל דיר שענקען געלד?"

## נ מ ש ל

ווען א צדיק פערזינדיגט זיך אמאל און טוהט תשובה, איז דער אייבערשטער איהם מוחל, ווייל דער צדיק האט גע־טאהן א סך מעשים טובים און זיין חרטה איז אן אמת'ע. אבער דער רשע זינדיגט א גאנץ יאהר כסדר, נאר אז עס קומען די ימים נוראים פערגיסט ער פאלשע טרעהרען און האט כלומר'שט חרטה, און מיינט אז ער קען אבנארען דעם רבונו של עולם!

## 24

## זיך אליין קאליע געמאכט!

א גרויסער גביר האט געהאט איין זוהן, א בין יחיד. וועלכער איז געווען א נאכגעגעבענער, א צופיעסטעטער, א שוואכער און אן איידעלער. דער פאטער האט זיין בן יחיד געלאזט ארומגעהן ליידיג און האט איהם בעפרייט פון אלע געשעפטען. די געשעפטען האט דער פאטער איבערגעגעבען צו א בעגלויבטען מענשען.

א צייט שפעטער האט דער געשעפטס־פיהרער אנגע־הויבען צו טראכטען, ווי אזוי ער קען פטור ווערען פון דעם בן יחיד און אליין ירש'ענען דעם גרויסען גביר. האט ער זיך מיט דעם בן יחיד בעפריינדעט און פלעגט איהם דער־צעהלען מעשיות פון שדים, פון רוחות, פון וועלכע דער בן יחיד פלעגט זיך שרעקען און ניט קענען שלאפען גאנצע נעכט. דער פאטער האט בעמערקט, אז זיין זוהן איז גע־ווארען מעלאנכאליש, שרעקעדיג און בלאס. האט ער איהם

גענומען צו אַ גרויסען דאָקטאָר, און דער דאָקטאָר האָט גע־זאָגט: „אייער זוהן געהט אַרום לײדיג, האָט ניט וואָס צו טאָהן, איז קיין וואונדער וואָס ער ליידעט. אויב איהר ווילט אַז ער זאָל זיין געזונד, גיט איהם אַרבייט, נעהמט איהם אַריין אין געשעפט, און ווען זיין קאָפּ און זיינע געדאַנקען וועלען זיין פערנומען, וועלען אַלע זיינע שרעקען מיט זיין מעלאַנכאָליע פערשווינדען.“

דער פאָטער האָט געפאָלגט דעם דאָקטאָר און האָט גע־זאָגט דעם פיהרער פון זיינע געשעפטען, אַז ער זאָל נעהמען דעם פּעקעל און זיך אָבטראָגען, ווייל ער דאַרף איהם מעהר ניט האָבען. ווען דער געשעפטס־פיהרער האָט דאָס געהערט, האָט ער געמיינט אַז מען ענטזאָגט איהם אַלס שטראָף דער־פאַר וואָס ער האָט קראַנק געמאַכט דעם גביר'ס בן יחיד, האָט ער זיך אָנגעהויבען פערענטפערען און געבען תירוצים און ערקלערונגען. רופט זיך אָב דער גביר: „וואָס טויגען די סך רייד? סאַיווי קענסטו ביי מיר מעהר קיין שטעלע האָבען, ווייל די גאַנצע רפואה פאַר מיין זוהן בעשטעהט אין דעם, אַז ער זאָל זיך פערנעהמען מיט מיינע געשעפטען, טאָ האָסטו ביי מיר מעהר ניט וואָס צו טאָהן.“

## נ מ ש ל

אַזוי איז אויך געווען מיט דעם שלאַנג. איידער דער שלאַנג האָט צוגערעדט דעם מענשען צו זינד, איז דער שלאַנג אַרומגעגאַנגען גלייך ווי אַ מענש און האָט געטאָהן אַלע אַר־בייט פאַר דעם מענשען, און דער מענש איז אַרומגעגאַנגען ליידיג. אָבער נאָכדעם ווי דער מענש האָט געזינדיגט, האָט דער אייבערשטער איינגעזעהן אַז דער בעסטער מיטעל פאַר'ן מענשען צו זיין אָבגעהיט פון זינד איז צו אַרבייטען און זיין אימער פערנומען, אַז ער זאָל קיין צייט ניט האָבען צו טראַכ־טען פון זינד. דאַרום האָט ער דעם שלאַנג פערשאָלטען און דעם מענשען געהייסען אַליין אַרבייטען.

# 25
# די ירושה

אז אלטער מאַן האָט געהאַט אַ קליין קינד, וואָס איז איהם געבוירען געוואָרען אויף די עלטערע יאָהרען. ער האָט דעם קינד, געוואוינליך, זעהר ליעב געהאַט און האָט איהם געוואָלט בעזאָרגען. האָט דער פאַטער צוזאַמענגענומען זיין גאַנצען קאַפּיטאַל און האָט עס איבערגעגעבען צו איינעם פון זיינע בעסטע פריינד און איהם געמאַכט פאַר אַן אַפּטרופּוס איבער זיין קינד, ער זאָל דעם קינד ערציהען און אויפפּאַסען אויף דער ירושה.

נאָכדעם ווי דער פאַטער איז געשטאָרבען האָט דער פריינד, דער אַפּטרופּוס, צוגענומען דעם אינגעל צו זיך אַהיים. ער האָט איהם געהאַלטען אויף זיין טיש, אַזוי ווי זיינעם אַן אייגענעם, און אַז דער אינגעל איז עלטער געוואָרען האָט איהם דער פריינד אריינגענומען אין זיין געשעפט, האָט איהם דאָרט געגעבען אַ שטעלע און געצאָהלט אַ שעהנעם געהאַלט. דער בחור׳ל איז געווען גאַנץ צופריעדען און עס האָט איהם ניט געפעהלט קיין זאַך. אבער אַז ער איז שוין געוואָרען עלטער מיט נאָך אַ פּאָר יאָהר, האָט ער זיך דער־וואוסט, אַז דער פריינד האָט ביי זיך אַ גרויסע סומע געלד, וואָס איז אַ ירושה פאַר איהם פון זיין פאַטער. האָט דער בחור׳ל זיך געטראַכט: אַז איך האָב אַזוי פיעלד געלד, טאַ צו וואָס לוינט זיך מיר ארבייטען, און נאָך ביי אַ פרעמדען? איך קען דאָך פון דעם געלד לעבען אָהן ארבייט, אָהן מיה. און ער האָט געבעטען דעם פריינד, אַז ער זאָל איהם אָב־געבען זיין ירושה, ווייל ער וויל לעבען פון זיין אייגענעם געלד.

„אויב דו ווילסט דיין געלד וועל איך דיר דאס געבען.“ האט דער פריינד געזאגט. „אבער אויב דו ווילסט פאלגען מיין עצה, זאלסטו זיך היטען און דיין ירושה ניט אנריהרען, ווייל אז דו וועסט די ירושה צונעהמען, וועט דאס געלד ביי דיר אוועק בישלעכווייז, און עס וועט דיר ניט בלייבען א גראשען. איז פאר דיר בעסער, אז דו זאלסט לעבען פון דיין אייגענער ארבייט און די ירושה זאלסטו האלטען פאר שפעטער, אויף דיינע עלטערע יאהרען.“

### נמשל

אונזערע הייליגע אבות האבען איינגעלייגט ביי דעם אייבערשטען זייער זכות, וואס זאל ליגען בעהאלטען פאר אונז, זייערע קינדער, און דיזער זכות איז גרויס גענוג, אז מיר זאלען קענען מיט איהם לעבען. אבער דער אייבערשטער וויל אונז ניט אוועקגעבען דעם גאנצען זכות פון אונזערע אבות, טאמער וועלען מיר איהם אין גאנצען אויפעסען און עס וועט אונז גארנישט בלייבען. דארום האט ער אונז גע־געבען מצוות און מעשים טובים, דורך וועלכע מיר זאלען פערדיענען א אייגענעם זכות, און לעבען פון אונזערע אייגע־נע מעשים, כדי דער זכות פון די אבות זאל אונז בלייבען אויף שפעטערע צייטען.

## 26
## צוריקגעגעבען דעם משכון

ביי איינעם, א רייכען מאן, איז געבארען געווארען א אינגעל. האט מען גענדארפט האבען א אם. גראדע מאכט זיך אז עס קומט אריין אין הויז א ארימע פרוי, וואס נעהמט איבער די הייזער. זי שטעלט זיך ביים טיהר און

ווארט מען זאָל איהר געבען אַ נדבה. דער נגיד גיט אַ קוק אויף דער פרוי און עס שיינט איהם אַז זי קען זיין אַן אַם. פרעגט איהר דער נגיד: „ווילסטו זיין אַן אַם פאַר מיין קינד?" ענטפערט די ארימע פרוי: „געוויס, אויב איהר וועט נאָר צאָהלען."

ווערט דער נגיד אויסער זיך פאַר כעס און זאָגט: „דו שלעפּערקע! ווילסט נאָך אַז איך זאָל דיר צאָהלען? גיב אַ קוק וואָס דו האָסט אויסגעבעטעלט היינט און נעכטען — עטליכע גראָשענס מיט עטליכע פענעצלעך טרוקענע ברויט. קענסטו פון דעם זיין זאַט? און וואָס ועסטו ביי מיר טאָהן פאַר אַן אַרבייט? גאַרנישט! וועסט זיך זיצען רוהיג, וועסט עסען פון אַל דאָס גוטס, אַזוי ווי אַלע ביי מיר אין הויז, און דו וועסט שלאָפען אין אַ ווייכע בעט מיט פּערינעס, אַזוי ווי אַ גרעפין. ניין! איך וועל דיר ניט נעהמען פאַר אַן אַם, סיידען דו וועסט עפּעס צוצאָהלען!"

„איהר האָט רעכט, האַרינקע," האָט די פרוי צוגעגעבען.

„אָבער וואָס קען איך אייך צאָהלען? איך בין אַן אַרימע פרוי און קיין געלד האָב איך ניט."

„טאָ גיב מיר אַ משכון," האָט דער בעל־הבית געזאָגט.

האָט די פרוי גענומען איהר טאַרבע, האָט פון דאָרט אַרויסגענומען איהר שבת'דיגען יאַקעל און האָט עס געגעבען דעם נגיד אַלס משכון.

די אַם איז פערבליבען אין הויז און עס איז איהר געווען גוט און וואויל, ביז דאָס קינד, וואָס זי האָט געזויגען, איז קראַנק געוואָרען. מען האָט גערופען אַ דאָקטאָר און דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז די מילך פון דער אַם איז צו פעט און דאָס קינד קען עס ניט פערדייען. און דער איינציגער מיטעל איז, אַז מען זאָל דער אַם אויפהערען צו געבען עסען רייכע שפּייזען, אַזוי ווי פלייש, פּוטער, שמעטענע, פלאָדענס, קוגלען, מילך און וויין. זי זאָל עסען איינפאַכע עסענס און טרינקען וואַסער, און דערצו זאָל זי איינגעהמען אַזעלכע

מעדיצינען, וואס וועלען מאכען איהר מילך מאגערער, און דאן וועט דאס קינד זיין געזונד.

האט מען געטאהן אלעס וואס דער דאקטאר האט גע־הייסען. דאן האט די אם געפאדערט ביים בעל־הבית, אז ער זאל איהר צוריק אבגעבען איהר שבת׳דיגען יאקעל, וואס זי האט איהם געגעבען פאר א משכון. זי האט גע׳טענה׳ט: „קיין וואוילטאגען קריג איך דאך ניט מעהר ביי אייך, און עסען גיט איהר מיר גאנץ ארימע מאהלצייטען, קומט אייך פון מיר גארנישט, טא דארפט איהר מיר צוריקגעבען מיין משכון.“

## נמשל

די ערד איז די אם פון אלע בעשעפענישען, וועלכע ציהען פון איהר די יניקה. דער מענש, וועלכער איז בע־שאפען פון דער ערד, איז דער משכון, וועלכען די ערד האט געגעבען צו דעם אייבערשטען. אזוי לאנג ווי די ערד איז געווען געבענשט מיט אל דאס גוטס, איז זי געווען צופריעדען. אבער נאכדעם, אז דער אייבערשטער האט די ערד פער־שאלטען פאר דעם מענשענ׳ס זינד, האט די ערד געזאגט צום מענשען: „קעהר זיך אום צו מיר, ווייל דאס שטיקעל ערד, פון וועלכע דו ביזט געשאפען, געהערט ניט צו דיר.“

## 27
# מענש און חיה

אמאל זיינען זיך צוזאמענגעקומען עטליכע קליינע קרע־מער און האבען געזאגט: „צו וואס זאלען מיר האלטען יעדער איינער א בעזונדער קרעמעל, און קאנקורירען איינער מיט׳ן אנדערען, און ארונטערלאזען מקחים, און מאכען א

קלאגעדיגעו לעבען, לאמיר מאכען פון אלע קליינע קרעמלעך איין גרויסע קראם, א שעהנעם מאגאזין, און מיר וועלען אויסקלייבען איינעם א פעהיגען מענשען, וואס זאל פיהרען פאר אונז דעם געשעפט, און די פראפיטען וועט ער צוטיילען צווישען אונז אויף גלייכע חלקים.״

אזוי האבען די קליינע קרעמער געטאהן, און דער גרויסער געשעפט איז אוועק גאנץ גוט. דער פערוואלטער פון דעם מאגאזין האט געפיהרט דעם געשעפט זעהר ערענטליך, האט צוטיילט די פראפיטען מיט א ריכטיגען חשבון, און די קליינע קרעמער, עם הייסט די שותפים פון דעם מאגאזין, האבען געלעבט צווישען זיך ערענטליך, בשלום ושלוה. א ביסעל שפעטער האט דער אויפזעהער פון דעם מאגאזין אנגעהויבען צו שווינדלען און זיך ארונטערלאזען אין קעשענע . . . די שותפים, זעהענדיג אז זייער געשעפטס־פיהרער איז ניט ערענטליך, האבען זיי זיך אויך אנגעהויבען אויפצופיהרען ניט ערענטליך צווישען זיך און האבען גענומען גנב׳ענען איינער פון אנדערען און שווינדלען און רויבען.

נמשל

אלע חיות, בהמות און עופות האבען גענעבען, יעדער מין בעזונדער, פון זיינע אייגענשאפטען צו דעם מענשען. און זיי זיינען אלע געווען שותפים אין דעם מענשען. אזוי לאנג ווי דער מענש האט זיך אויפגעפיהרט ערענטליך, האבען זיך אלע לעבעדיגע בעשעפענישען אויך אויפגעפיהרט ערענטליך. אבער אין דער צייט פון פאר׳ן מבול, ווען דער מענש איז אראב פון דרך הישר, זיינען די חיות, בהמות און עופות אויך אראב פון גלייכען וועג, און דערפאר איז דער מבול געקומען אויף אלעמען.

## 28
# מ׳קען די וועלט ניט איבערמאַכען

איינער, א שעהנער בעל־הבית און א זעהר קלוגער מענש, האט געהאט א זוהן, וועמען ער האט געהאלטען אויף קעסט מיט דער שנור צוזאמען. דער זוהן איז געווען א זעהר איידעלער יונגער מאן מיט א פיינעם כאראקטער און מיט זעהר א גוטע הארץ. ער איז געווען פשוט א מענש אהן א גאל. ער איז אימער געווען אריינגעטאהן אין צדקה און געהאלפען יעדען ארימאן.

אז ביי דעם זוהן איז געבוירען געווארען א בן זכר, האט דער זיידע אנגעגרייט א גרויסע סעודה לכבוד זיין ערשטען אייניקעל׳ס ברית. האט דער זוהן געזאגט צום פאטער:

„זאג מיר, טאטע, ווי וועסטו צוזעצען די געסט? אז דו ועסט זיי צוזעצען ווי די וועלט פיהרט זיך, די רייכע אויבען־אן און די ארימע ביים טיהר, וועל איך פון דעם האבען גרויס צער. דו ווייסט דאך ווי איך ליעב די ארימע לייט. איך וויל אז ביי מיין שמחה זאל מען די ארימע לייט זעצען אויבען־אן און די רייכע ביים טיהר.“

„הער צו, מיין זוהן,“ האט דער פאטער געענטפערט, „זאלסטו וויסען זיין, אז מ׳קען די וועלט ניט איבערמאכען. וואס עס איז איינגעפיהרט געווארען אויף דער וועלט איז אלץ מיט שכל. ארימע לייט קומען אויף א שמחה אום זיך אנצועסען. רייכע לייט קומען אויף א שמחה צוליעב כבוד. ווייל עסען האבען זיי גענוג ביי זיך אין דער היים. אז דו וועסט אוועקזעצען די ארימע לייט אויבען־אן, וועט יעדער אויף זיי קוקען, און זיי וועלען זיך שעהמען, און דער עסען

וועט זיי ניט איינגעהן. איין זאך איז דארום בעסער, אז זיי זאלען זיצען ביים טיהר, וואו זיי קענען עסען רוהיג און אונגעשטערט. און די רייבע לייט, אז דו וועסט אוועקזעצען ביים טיהר, וועסטו זיי שטארק בעליידיגען, דען זיי קומען דאך בלויז צוליעב דעם, אז מען זאל זיי זעצען אויבען־אן, און אויב ניט עסען און ניט כבוד, טא וואס וועלען זיי האבען?"

נמשל

דאס איז דער משל אויף דער פראגע, ווארום דער אייבערשטער האט ארץ ישראל אבגעגעבען צו די אידען און צו די אומות העולם האט ער אבגעגעבען חוץ לארץ. ביי די אומות העולם איז דאך דער עיקר עסען און טרינקען און אלע גשמיות'דיגע זאכען. דארום דארפען זיי ניט האבען אזא געהויבענעם ארט ווי ארץ ישראל. אבער ביי די אידען איז דאך דער עיקר רוחניות, גייסטיגע גרויסקייט, און דאס האבען זיי געקענט האבען נאר אין דעם הייליגען לאנד.

## 29
## ער זינגט נעבעך . . .

א פאטער האט געהאט א זוהן, פון וועמען ער האט געהאט זעהר ווייניג נחת. האט ער איהם פערשיקט גאנץ ווייט. דארט האט דער זוהן חתונה געהאט און געווארען א טאטע פון קינדער. מיט זיין פאטער פלעגט ער זיך צייטענווייז דורכשרייבען, און אין יעדען בריעף, וואס ער פלעגט שרייבען צום פאטער, פלעגט ער אלץ בעטען געלד. דער פאטער האט איינגעזעהן, אז ער האט צו טאהן מיט א

לעבערדיגען זאַך, איז איהם שוין מיאוס געוואָרען צו שיקען, און ער האָט אויפגעהערט.

איינמאָל קומט אַן פון זוהן אַ בריעף, אַז ער איז איז גרויס נויט. ער, זיין פרוי און קינדער געהען פשוט אוים פאַר הונגער. דעם פאָטערס האַרץ איז שטאַרק גערירט געוואָרען. ער איז אָבער געווען אין ספק, אויב דער זוהן שרייבט איהם דעם אמת. האָט ער געזאָגט צו זיין געשעפטס־פיהרער: „פאָהר דו אַריבער אַהין, אין יענער שטאָדט, זעה זיך מיט מיין זוהן, און געפין אוים אויב ער איז טאַקע אין אַזא גרויסער נויט ווי ער שרייבט.“

יענער איז אַוועקגעפאָהרען און איז געקומען צוריק מיט אַ בעריכט, אַז דער דלות פון דעם זוהן איז שרעקליך גרוים. ער איז אָרימער פון די אָרימסטע.

„דערצעהל מיר,“ האָט דער פאָטער געבעטען, „וואָס האָסטו מיט מיין זוהן גערעדט, וואָס האָט ער דיר דערצעהלט און וואָס האָסטו ביי איהם געזעהן?“

„איך האָב איהם ניט געזעהן און בין אַפּילו ביי איהם אין הויז ניט געווען,“ האָט דער שליח געענטפערט.

„טאַ ווי אַזוי ווייסטו אַז ער איז אַזוי אָרים?“ האָט דער פאָטער געפרעגט.

האָט דער שליח דערצעהלט:

„ווען איך בין שוין געווען נאָהנט נעבען זיין הויז, האָב איך בעגעגענט זייגם אַ קינד. דאָס קינד איז געשפּרונגען מיט גרויס שמחה, אין איין הענטעל האָט ער געהאַלטען אַ שטיקעל גראָבע שוואַרץ ברויט און ער האָט געטאַנצט, און ער האָט נעבעך געזונגען . . . ער האָט זיך געפרעהט מיט דער שטיקעל שוואַרץ ברויט, וואָס ער האָט געהאַלטען אין האַנד, אַזוי ווי דאָס וואָלט געווען דער בעסטער מאכל אין דער וועלט. קענט איהר זיך פאָרשטעלען ווי גרוים אייער זוהן'ס דלות איז, אַז פון אַ שטיק שוואַרץ ברויט זינגט נעבער זיין קינד . . .“

נ מ ש ל

אזוי קען זיך דער אייבערשטער פארשטעלן ווי גרויס עס איז די נויט פון דעם צדיק, ווען נאך א מאהלצייט פון טרוקענע ברויט מיט א בולבע בענשט ער מיט כונה און זינגט „נודה לך".

## 30
## א כיטרער גנב

א גנב האט געזעהן ווי א משרת טראגט געלד פון א סוחר צו א באנק. גאנצע זעק מיט געלד האט דער משרת געטראגען יעדען טאג. און דער גנב האט זיך גענומען קליגען ווי אזוי אויסצונארען ביים משרת דאס געלד. און אזוי ווי דער גנב שטעהט איינמאל אין גאס און זעהט דעם משרת געהן מיט די זעקלעך געלד אויף זיין פלייצע, בעמערקט ער א גרויסען קליידער־געשעפט ניט ווייט פון דארט. געהט דער גנב אריין אין דעם קליידער־געשעפט און זאגט צום בעל־הבית: „מיינער א פריינד, זעהר א רייכער מאן, וועלכער איז אהער געקומען פון יענער און יענער שטאדט, וויל זיך קויפען א גוטען אנצוג, אבער גאר פון די בעסטע. וועגען דעם מקח איז גאר קיין רייד ניט. ער האט פיינד זיך צו דינגען. דער עיקר איז די קליידער זאלען זיך איהם ריכטיג פאסען און זאלען זיין פון בעסטען מאטעריאל."

„וואו איז אייער פריינד?" האט דער קליידער־הענדלער געפרעגט. „ווי קען איך וויסען זיין מאס, אז ער איז דא ניטא?"

„ער אליין קען אהער ניט קומען," האט דער גנב גע־ענטפערט. „ער איז זעהר פערנומען מיט מענשען אין דער

אכסניא, וואו ער שטעהט איין. אבער מיר קענען אויס־קלייבען אַ מענשען אין גאַס, וואס איז פונקט פון אַזא וואוקס ווי מיין פריינד, און אויף איהם וועלען מיר קענען מעסטען די קליידער.״

האבען זיךביידע אוועקגעשטעלט ביי דער טיהר פון קראם, און גראדע איז אנגעקומען דער משרת מיט די זעקלעך געלד, וואס ער האט געטראגען פון זיין בעל־הבית צו דער באנק. האט דער גנב געזאגט צום קליידער הענדלער: „אט יענער משרת, וואס געהט דארט אין גאס, איז גראדע פון דעם זעלבען וואוקס ווי מיין פריינד.״ דער קליידער־הענדלער האט צוגערופען דעם משרת און האט צו איהם געזאגט: „זיי אזוי גוט, קום אַ ווײַלע אריין אין מיין קראם, איך וועל דיר געבען עפעס צו פערדיענען.״

אז דער משרת איז אריין, האט דער קליידער־הענדלער צו איהם געזאגט: „נעהם אראב דיינע קליידער און מעסט אן אויף דיר אט דעם אנצוג, איך וויל זעהן ווי דאס ליגט אויף דיר.״

דעם משרת איז דאס זעהר געפעלען געווארען. ער איז אליין נייגעריג געווען צו וויסען ווי ער וועט אויסזעהן אין אַ שעהנעם אנצוג. האט ער צוערשט אראבגענומען פון זיינע פלייצעם די זעקלעך געלד, נאכדעם האט ער פון זיך ארונטערגענומען זיינע קליידער און האט אנגעטאהן דעם נייעם אנצוג. און אזוי ווי ער האט געוואלט וויסען ווי ער זעהט אויס אין די פיינע מלבושים, האט ער זיך גענומען דרעהען פאר אַ שפיגעל און האט שטארק אנגעקוואלען פון זיך.

דער גנב האט דערווייל אַ כאפ געטהאן די זעקלעך געלד און איז מיט זיי אנטלאפען. דער משרת, זעהענדיג ווי דער גנב לויפט, האט ער איהם געוואלט נאכלויפען. אבער דער בעל־הבית פון געשעפט האט איהם אנגעכאפט פאר'ן קאלנער און געזאגט: „דו לויף נים! צוערשט טהו אויס מיינע

קליידער, נאכדעם וועל איך דיך לאזען לויפען. ווער ווייס, אפשר ביזטו א שותף צו יענעם חברה־מאן און איהר ווילט ביי מיר אויסשווינדלען דעם בעסטען אנצוג, וואס איך האב אין מיין געשעפט?" אבער ביז דער משרת האט אויסגע־טאהן די פרעמדע קליידער און האט אויף זיך ארויפגעכאפט זיינע אייגענע קליידער, איז שוין דער גנב פערשוואונדען געווארען און מען האט איהם מעהר ניט געזעהן.

נמשל

דער מענש איז בעשאפען פון ערד און זיין נשמה קומט פון אויבען. די נשמה האלט זיך אן דעם גוף, אזוי ווי א פלאם האלט זיך ביי דער ליכט, און די נשמה בענקט ארויף אוןווארט ביז דער גוף וועט אויסגעהן און זי וועט קענען פליהען ארויף, אזוי ווי דער פלאם געהט אוועק ווען די ליכט געהט אויס. וואס טהוט אבער דער שטן, דער גנב? ער טהוט אן דעם מענשען אין קליידער פון תאוות, און ווען די נשמה דארף פערלאזען דעם גוף און פליהען ארויף אין הימעל, זאגען די מלאכים צו דער נשמה: „דו קענסט ניט פליהען ארויף. צוערשט ווער בעפרייט פון די פרעמדע קליידער, אין וועלכע מען האט דיר אנגעטאהן . . ."

## 31

## פון איילעניש קומט קיין גוטס ניט ארויס

אן ארימאן איז ארומגעפאהרען פון שטאדט צו שטאדט קלייבען נדבות. ער איז אזוי ארומגעפאהרען עטליכע יאהר און איז געווארען גוט גענייט אין זיין „געשעפט". איינמאל, אין וועג, האט זיך צו איהם ציגעטשעפעט א נייער ארימאן, א בעל־הבית, וואס האט פערלארען זיין פערמעגען, און פאר

נים האט ער זיך אוועקגעלאזט איבער די הייזער. עס פערשטעהט זיך, אלס א נייער ארימאן איז ער נאך נים געווען בעקאנט מיט דעם ענין פון געהן איבער די הייזער.

דער עלטערער ארימאן האט זיך אויף איהם מרחם גע־ ווען, האט איהם גענומען אונטער זיין פראטעקציע, און האט צו איהם געזאגט: „דו קום מיט מיר און איך וועל דיך לערנען דעם געשעפט.“ דער געוועזענער בעל־הבית האט איהם געפאלגט, איז מיט איהם געגאנגען און געלערנט ווי אריינצוקומען אין א הויז, ווי צו מאכען א רחמנות פנים, וואס צו זאגען, ווי צו דאנקען און בענשען פאר א גוטער נדבה, און אויך ווי אנצושילטען פאר א קארגער נדבה.

איינמאל זיינען די ביידע ארימע לייט אנגעקומען אין אן אכסניא, וואו זיי האבען געדענקט אבצועסען, ווייל ביידע זיינען געווען זעהר הונגעריג. דער בעל־אכסניא איז געווען בעריהמט אלס גרויסער מכנים אורח און בעל צדקה. די צוויי ארימע לייט זיינען געזעסען דריי אדער פיער שעה און געווארט מען זאל זיי געבען עסען. אבער קיינער האט זיי גארנישט געגעבען. דעם נייעם ארימאן, וועלכער איז נאך נים געווען געוואוינט צו הונגערן, איז די הארץ גע־ ווארען זעהר שוואך. האט ער געזאגט צום אלטען ארימאן: „צו וואס זאלען מיר זיצען ווי שטומע און ווארטען? לאמיר צוגעהן צום בעל־הבית און איהם בעטען, אז ער זאל אונז געבען עסען.“

„ניין!“ האט דער אלטער ארימאן אויסגערופען. „זאלסט זיך נים וואגען דאס צו טאהן. איך וויים בעסער. מיר וועלען ווארטען ביז מען וועט אונז רופען עסען.“

דערווייל זיינען אריינגעקומען עטליכע סוחרים, און ווי זיי זיינען נאר אריבער דעם שוועל פון דער אכסניא, האבען זיי א געשריי געטאהן: „גיט אונז עסען און מאכט עס שנעל!“ גלייך דערויף האבען די משרתים געגרייט א טיש און שנעל געבראכט פערשיעדענע עסענס, פיש זופ און בראַ־

טענס און אויך פערשיעדענע משקאות. דער נייער ארימאן זיצט און קוקט ווי יענע עסען און זיין הונגער ווערט נאך גרעסער, שטארקער. בעט ער זיך ביי זיין רבי'ן, ביים אלטען ארימאן, אז ער זאל שוין אמאל זאגען דעם בעל־אכסניא, אז זיי ווילען עסען. אבער דער אלטער ארימאן האט איהם ארויפגעלייגט די האנד אויפ'ן מויל און איהם געהייסען שווייגען.

שפעטער אביסעל, ווען דער בעל־הבית האט זיך אליין געזעצט עסען, האט ער גערופען די צוויי ארימע לייט: „קעמט, ליעבע אידען, וואשט די הענד און זעצט זיך עסען." האבען די ארימע לייט געגעסען מיט דעם בעל־אכסניא, און עס פערשטעהט זיך, אז זיי האבען געהאט נאך א בעסערען מאהלצייט ווי די סוחרים, ווייל מען האט זיי גענעבען די־זעלבע שפייזען ווי דעם בעל־הבית.

„נו," האט דער אלטער ארימאן געזאגט צו דעם נייעם, „וואס איז אויף דיר געווען אזא איילעניש? איך האב דיר דאך געזאגט, אז עס וועט קומען די צייט, ווען מען וועט אונז אויך געבען עסען. און דאס וואס די סוחרים האבען פריהער בעקומען צו עסען זאל דיך גאר ניט ארען, דען דו וועסט זעהן וואס מארגען וועט זיין. זיי וועלען דערפאר טייער בע־צאהלען."

און אזוי איז טאקע געווען. אויף מארגען, אז די סוחרים האבען זיך גענומען קלייבען אין וועג, האט זיי דער בעל־הבית געמאכט א רעכנונג פאר פיש בעזונדער, פאר בראטענס בעזונדער און פאר משקה בעזונדער. „זעהסטו," האט דער אלטער ארימאן געזאגט צום נייעם, „דערפאר וואס דו האסט געליטען און געווארט, האסטו געגעסען א בעסערען מאהלצייט און עס קאסט דיך גארנישט, און יענע וואס האבען זיך געאיילט און געכאפט האבען ניט געהאט אזא געשמאקען מאהלצייט ווי דו, און זיי מוזען נאך גוט בעצאהלען פאר דעם!"

## נ מ ש ל

פון איילעניש קומט קיין גוטס ניט ארויס. די רשעים זוכען אריינצוכאפען וואס מעהר פערגעניגענס אויף דער וועלט, און זיי בעצאהלען טייער פאר זיי. אבער די צדיקים, וואס האבען געדולד אוןווארטען, זיינען זוכה צו געניסען מיט׳ן בעל־הבית פון דער גאנצער וועלט צוזאמען, און זיינען גוט אנגעלייגטע געסט.

# 32

# ווי ווייט און ווי נאהענט

אז אלמן האט גענומען א צווייטע ווייב. פון דער ערשטער איז איהם פערבליבען א זוהן, וועלכער האט קיין האניג ניט געלעקט ביי דער שטיפמוטער. דער פאטער האט אלץ געטראכט: ווען וועט שוין מיין זוהן אויסוואקסען און איך זאל איהם קענען חתונה מאכען און אוועקגעבען צו א שווער אויף קעסט. די צייט האט זיך געצויגען ביז דער אינגעל איז געווארען א היבשער בחור, ווען מען האט שוין געמענט פיהרען צו דער חופה.

דער פאטער איז געווען א רייזענדער סוחר, און איינמאל, אויף דער רייזע, האט ער זיך אין א שטאדט בעקאנט מיט א שעהנעם בעל־הבית, וועלכער האט געהאט א פיינע טאכטער, און זיי האבען זיך צורעדט ביז עס איז ביי זיי געווארען א שדוך. גלייך ווי דער רייזענדער סוחר איז געקומען אהיים, האט ער זיין זוהן דערצעהלט, אז ער האט פאר איהם געמאכט א גוטען שדוך און אז אין דריי חדשים ארום וועט זיין די חתונה.

דער בחור האט זיך זעהר דערפרעהט און ער האט גע־

צעהלט די טעג וועז עס וועלעז זיך ענדיגעז די דריי חדשים און ער וועט שויז קענעז פערלאזעז זייז שלעכטע שטיפ־מוטער. ענדליך האט ער דערלעבט דעם גליקליכעז טאג. דער פאטער האט געדונגעז א פוהר צו פאהרעז מיט איהם צו דער חתונה. מיט גרוים פרייד איז דער בחור ארויף אויפז וואגעז און זיי האבעז גענומעז פאהרעז אויסעז שטאדט.

ווען זיי זיינעז שויז אבגעפאהרעז ביי א פאר שטונדעז, האט דער בחור געפרעגט דעם בעל עגלה: „זאגט מיר, ר׳ איד, וויפיעל מייל זיינעז מיר שויז אבגעפאהרעז פוז דער היים?״ האט דער בעל עגלה איהם געזאגט. זיי זיינעז אבגעפאהרעז נאך עטליכע שטונדעז, פרעגט דער אינגעל ווי־דער: „זאגט מיר, ר׳איד, ווי ווייט זיינעז מיר שויז אבגע־פאהרעז פוז דער היים?״ און דער בעל עגלה זאגט איהם ווידער. א גאנצעז וועג האט דער בחור געהאלטעז רק אין איין פרעגעז ווי ווייט ער איז שויז פוז דער היים.

ערשט אז זיי זיינעז שויז אבגעפאהרעז א שטיק וועג, האט דער פאטער אויך אנגעהויבעז פרעגעז ביים בעל עגלה, אבער דער פאטער האט געוואלט וויסעז, וויפיעל מייל איז נאך דא ביז צו דער שטאדט, וואו זיי פאהרעז.

„זאג מיר, טאטע,״ האט דער בחור געפרעגט, „פאר־וואס פרעגסטו אנדערש ווי איך פרעג? איך וויל וויסעז ווי ווייט מיר זיינעז פוז דער היים, אבער דו ווילסט וויסעז ווי נאהנט מיר זיינעז פוז דער שטאדט, צו וועלכער מיר פאהרעז?״ האט דער פאטער געענטפערט:

„דו האסט גוט געפרעגט און איך האב אויך גוט גע־פרעגט. דו ווייסט ניט וואס פאר א פיינע כלה איך האב פאר דיר אויסגעקליבעז און וואס פאר א פיינע מענשעז די מחותנים זיינעז, און וואס פאר א גליק עס שטעהט דיר פאר. דיר ליגט נאר איין געדאנק אין קאפ, און דאס איז צו לויפעז פוז דיין שטיפמוטער. דערפאר ווילסטו נאר וויסעז ווי ווייט מיר זיינעז שויז אבגעפאהרעז. איך וויים אבער יא וואס

פאר א גליק דיר האט געטראפען מיט דעם שדוד, דערפאר וויל איך וויסען ווי נאהנט מיר זיינען שוין צו דארט.“

## נמשל

ווען די אידען זיינען ארוים פון מצרים האבען זיי ניט געוואויסט וואס פאר א שעהנע לאנד דער אייבערשטער האט פאר זיי אנגעגרייט, האבען זיי זיך בלויז געקענט פרעהען מיט דעם, וואס זיי דערווייטערען זיך אלץ מעהר פון דער לאנד, וואו זיי זיינען געווען קנעכט. משה רבינו האט אבער יא געוואוסט וואס פאר א שעהנע לאנד ארץ ישראל איז, האט ער אלץ געהאלטען זיינע אויגען געריכטעט ניט צו דעם ארט פון וואנען זיי זיינען געקומען, נאר צו דעם ארט וואוהין זיי זיינען געגאנגען.

# 33
# דער ארימאן מיט'ן זייגערל

ביי איינעם, א סוחר, איז געווען א זעהר צולאזענער אינגעל. יעדען מאל ווען דער פאטער פלעגט אוועקפאהרען וועגען זיינע געשעפטען פלעגט די מוטער א סך ליידען פון דעם אינגעל. איינמאל האט די מוטער אייגעבעטען דעם פאטער, אז ער זאל דעם אינגעל מיטנעהמען אויף זיין רייזע. דער פאטער האט דעם אינגעל געפרעגט, אויב ער וויל מיט איהם פאהרען, האט דער אינגעל געענטפערט, אז ער וויל ניט. אבער אז דער פאטער האט איהם צוגעזאגט צו קויפען א זייגערל איז דער אינגעל מרוצה געווארען, און זיי זיינען אוועקגעפאהרען קיין לייפציג.

אויפ'ן וועג האבען זיי זיך אפגעשטעלט אין אן אכסניא. און בעת זיי זיינען געזעסען ביים טיש און געגעסען, איז

אריינגעקומען אז אַרימאַן און האט דערצעהלט, אז ער האט געפונען א זייגערל, און ער האט געפרעגט ביים סוחר, אויב ער וויל דעם זייגער קויפען. „ניין!" האט דער סוחר געענטפערט. „איך דארף קיין זייגער ניט."

„איך וועל אייך דאָס אוועקגעבען זעהר ביליג, פאַר א העלפט וואס עס האט די ווערטה," האט דער אַרימאַן געזאגט.

„אפילו פאַר אומזיסט וויל איך אויך ניט," האט דער סוחר ענטשיעדען געענטפערט.

ווען דער אינגעל האט געהערט ווי זיין פאָטער האט זיך ענטזאגט צו קויפען דעם זייגער, האט ער אנגעהויבען צו וויינען. „וואס וויינסטו?" האט דער פאָטער געפרעגט. „איך וויין ווייל איך זעה אַז דו נארסט מיך," האט דער אינגעל געענטפערט. „דו האסט מיר צוגעזאגט קויפען א זייגער, און יעצט אַז דיר האט זיך געמאַכט א געלעגענהייט צו קויפען אזא מציאה און דו האסט ניט געקויפט, איז א סימן אַז דו ווילסט גאַר איין גאַנצען ניט קויפען מיר א מתנה."

„הער צו, מיין זוהן, לאָמיך דיר ערקלערען די זאך ווי דאָס איז. אַט דער אַרימאַן, דער שלעפער, האט קיינמאָל אין זיין לעבען ניט געהאַט קיין זייגער. ביי זיין טאַטען האט ער עס אויך ניט געזעהן. און יעצט, אַז ער האט געפונען אַן אַלטען ביליגען זייגער, מיינט ער אַז עס איז ווערטה אפשר א טויזענד קערבלעך. און ווען ער זאגט אַז ער וויל עס פערקויפען פאַר א העלפט פון דעם ווערטה, מיינט ער אַז איך וועל איהם אודאי אבצעהלען פינף הונדערט, און טאקע ניט ווייניגער. אבער איך ווייס אַז ווען מיר וועלן קומען אין לייפציג וועל איך קענען אריינגעהן צו א זייגערמייסטער און ביי איהם וועל איך קריגען א פיינעם זייגערל, א נייעם, און עס וועט מיר העכסטענס קאָסטען 20 אָדער 30 רובעל. מעהר אודאי ניט."

נ מ ש ל

א פרומער עם הארץ ווייס קיין אונטערשיעד ניט פון א גרויסע ביז א קליינע מצוה. ער ווייגט אויף „פרים הנשרפים" און ער ריכט זיך אז דערפאר וועט ער אריין גלייך אין גן־עדן. אבער דער וואס האט געלערנט און איז פרום, דער ווייס וואס פאר א שכר ער האט צו ערווארטען פאר יעדער מצוה באזונדער.

## 34
# דער שתדלן

א שטאדט האט אויסגעהאלטען איהרע „כלי קודש", דעם רב, דעם שמש, דעם אונטער־שמש, און צוויי שוחטים מיט אלעם וואס זיי האבען געדארפט האבען. זיי האבען געהאט אויף שעהנע וואוינונגען, אויף אנשטענדיגע קליידער, אויף עסען און טרינקען און אלע הצטרכות מיט א ברייטער האנד, ניט געקארגט.

איינמאל האט געטראפען אן אונגליק און די שטעדטעל איז פערארימט געווארען. זיינען געקומען די כלי קודש צו די ראשי הקהלה מיט א קלאגע, אז זיי קריגען ניט גענוג געלד. מילא, א וואוינונג, און אפילו עסען, ארט זיי ניט אזוי. אבער אנשטענדיגע קליידער מוזען זיי האבען, ווייל עס פאסט ניט פאר זייער כבוד ארומצוגעהן אין די זעלבע אלטע קליי־דער, וואס זיינען שוין אויף זיי צוריסען.

„מיר טראגען ניט קיין שעהנערע קליידער," האבען די ראשי הקהלה געענטפערט. „אז מיר האבען געהאט האבען מיר אייך געגעבען. יעצט מוזט איהר זיך צופרידען שטעלען מיט וואס מיר קענען אייך געבען."

צווישען די כלי קודש איז אויך געקומען דער שתדלן, א מענש וואס איז אויפגעטראגען מיט די רעגירונגס־בעאמטע, און ווען אידען דארפען עפעס א טובה פון דער רעגירונג געהט דער שתדלן בעטען פאר זיי. איהם האבען די ראשי הקהלה אויך געוואלט ענטזאגען זיין בקשה. האט זיך אויפגעשטעלט איינער, אן עלטערער מענש, און האט געזאגט: „רבותי! איהם, דעם שתדלן, מוזען מיר וועקגעבען פון דאס לעצטע, אום ער זאל האבען שעהנע קליידער. דען וואס פאר אן אויפנאהמע וועט ער האבען ביי די רעגירונגס־בעאמטע ווען ער וועט צו זיי קומען אנגעטאהן אין שמאטעס? איהם מוזען מיר געבען די שעהנסטע קליידער. איהם מוזען מיר האלטען טייער.“

נמשל

אלערליי צרות און גזרות הענגען איבער אונזערע קעפ זייט מיר זיינען אין גלות. מיר קענען ניט אבהיטען אלע מצוות, ווייל מיר זיינען זעהר ארים און פערטאהן אין זוכען פרנסה. אבער די תורה איז אונזער שתדלן און בעשיצער. און דעם שתדלן טארען מיר ניט פערשעהמען.

## 35

# ווען הינט בילען . . .

א גרויסער סוחר, וועלכער איז געווען א שעהנער מענש און א יחסן, פלעגט אימער, ווען ער פלעגט קומען אין א בעוואוסטער גרויסער שטאדט, איינשטעהן אין איינע פון די שעהנסטע אכסניות. איינמאל איז ער געקומען אין דער שטאדט און איז פערפאהרען דוקא אין דער ערגסטער אכסניא, וואו עס פלעגען איינשטעהן ניט גאר קיין פיינע מענשען. דער פיינער בעל־אכסניא, צו וועמען דער סוחר פלעגט אימער

פערפאהרען, האט עס זיך שטארק גענומען צום הארצען, און ער האט ניט געקענט פארשטעהן ווארום דער סוחר האט אויסבראקירט זיין אכסניא און איז פערפאהרען איז אזא ניעדריגער איינפאהר־הויז, וואו קיין רעכטער מענש האט זיך דארט געוואלט אבשטעלען. עס האט איהם ניט אזוי פערדראסען די לייזונג, ווי דער בזיון.

א טאג שפעטער איז דער סוחר געקומען צו דעם פיינעם בעל־אכסניא און האט געזאגט: „איך וויים, אז איהר וואונ־דערט זיך איבער דעם וואס איך בין היינטיגס מאל ניט פער־פאהרען צו אייך. וועל איך אייך צייגען, אז פאר אייך איז דאס די גרעסטע עהרע וואס איך בין דיזען מאל ניט פער־פאהרען צו אייך. איהר ווייסט דאך וואס דער מדרש זאגט: אז איינער קומט אין א שטאדט וועגען א שדוך און ער הערט הינט בילען, זאל ער זיך צו זיי צוהערען. איך בין גראדע דיזען מאל געקומען וועגען א כלה, וואס מען רעדט מייז זוהן פון אייער שטאדט. האב איך זיך געטראכט, וואו דער־געה איך, טאמער האט די כלה אדער דער פאטער איהרער עפעס א חסרון? איהר וועט דאך געוויס נישט וועלען רעדען שלעכטס אויף מענשען און אייערע משרתים, ווי אויך אייערע געסט, זיינע דאך אויך אלע פיינע, ארענטליכע מענשען, וואס וועלען אויף קיינעם ניט ריידען קיין שלעכטען ווארט. איז מיר איינגעפאלען, אז איך זאל זיך דיזען מאל אבשטעלען אין יענער אכסניא. דארט איז א בעל־אכסניא, וואס האט ליעב צו ריידען לשון הרע. זיינע משרתים זיינען בערריידער און רכילות טרייבער. די געסט זיינען אזוי ווי די משרתים. האב איך זיך געטראכט, אז אויב די כלה האט עפעס א חסרון, אדער איהר משפחה איז ניט גאר קיין פיינע, וועלען דאס די הינט אויסבילען . . .“

נמשל

שלעכטע זאכען קען מען הערען נאר פון שלעכטע מענשען.

## 36

# א שלעכטער סימן

עטליכע סוחרים זיינען געפאהרען נאך לייפציג איינ־קויפען סחורה. אלע האבען גענומען זייער סחורה אויף בארג, צו בעצאהלען אין א געוויסער צייט. נים אלע האבען גענומען גלייך. איינער האט אנגענומען א סך סחורה, דער אנדערער ווייניגער. איינער איז געפאהרען מיט א וואגען, וואס איז געווען הויך אנגעפאקט מיט קאסטענס און פעק, דער אנדערער האט פערנומען בלויז א האלבען וואגען. אבער אלע האבען זיך געפיהלט ווי גלייכע מענשען. דען ווארום זאל זיך איינער געגען דעם אנדערען גרויס האלטען? האבען זיי דעם גאנצען וועג זיך פערהאלטען ברידערליך, זיך אב־געשטעלט אין די זעלבע אכסניות, געגעסען און געטרונקען צוזאמען. אזוי האבען זיי זיך געפיהרט ביז זיי זיינען שוין בעוועו באהנט פון זייער שטאדט. דא האט א קליינער סוחר בעמערקט, אז דער גרעסערער סוחר פון זייער קאמפאניע האט אנגעהויבען צו בלאזען פון זיך מיט גאוה.

„ווארום האלטסטו זיך אזוי גרויס?" האט דער קליינער סוחר געפרעגט. „מיינסט אז דערפאר וואס דו האסט גע־נומען מעהר סחורה אויף קרעדיט ביזטו א גרעסערער יחסן פון מיר? ניין! דאס מיינט אז דו ביזט א גרעסערער בעל־חוב ווי איך, און דו דארפסט זיך גארנים פיהלען אזוי שטאלץ. אבער אז דו גרויסט זיך יא און פעררייסט דיין נאז, איז א שלעכטער סימן . . . עס צייגט אז דו דענקסט אנזעצען און גארנים בעצאהלען פאר די סחורה וואס דו האסט גענומען..."

## נמשל

דער גרויסער נגיד און דער קליינער נגיד זיינען ביידע גלייך, ווייל דעם פערמעגנס וואס זיי האבען האט זיי דער איבערשטער געגעבען אויף קרעדיט, אז זיי זאלען אויס־צאהלען צו זיינע ארימע לייט, און דער גרעסערער נגיד דארף ביי זיך ניט זיין צו שטאלץ. און אויב ער איז יא שטאלץ ביי זיך, איז א סימן אז ער דענקט זיך אויסדרעהען פון בעצאהלען זיין חוב . . .

## 37

# דער אָנצוהערענים

געווען אמאל א סוחר, וואס פלעגט שיקען זיינעם א משרת צוויי מאל א יאהר קיין לייפציג צו קויפען פאר איהם סחורה. די סחורה פלעגט ער נעהמען אויף בארג. און עס איז געווען איינגעפיהרט, אז יעדען מאל וואס דער משרת פלעגט קומען נאך סחורה, פלעגט ער בעצאהלען דעם אלטען חוב און נעהמען פרישע סחורה אויף בארג. אזוי האט עס זיך געפיהרט פאר א שעהנע עטליכע יאהר.

איינמאל פאלט איין דעם סוחר, אז ער וועט הייסען זיין משרת אננעהמען זעהר א סך סחורה, און אנזעצען . . . זאגט ער צו זיין משרת:

„יעצט, אז דו קומסט אין לייפציג, זאלסטו נעהמען א סך סחורה, פיעל נאך דו קענסט. וואס מעהר איז בעסער. און מעהר וועסטו שוין ניט דארפען פאהרען אהין. שוין גענוג צו צאהלען! . . .“

דעם משרת איז דער עסק ניט געפעלען געווען. ער

האט ניט געוואלט זיין א העלפער אין דעם שווינדעל. האט ער געזאגט צו זיין בעל־הבית:

„איך האב מורא, אז ווען דער סוחר וועט דערהערען דאס מיר פערלאנגען אזוי פיעל סחורה אהן געלד, וועט ער ניט וועלען געבען.“

„דו טהו אזוי ווי איך זאג דיר!“ האט דער סוחר אויף איהם אנגעשריען. „קיינער פרעגט ביי דיר ניט קיין עצה אדער דיין מיינונג. פאהר און ברייננ די סחורה!“

עס פערשטעהט זיך, אז דער משרת האט געמוזט טאהן וואס זיין בעל־הבית האט איהם בעפוילען. איז ער אוועק אין לייפציג, געקומען צו יענעם גרויסען סוחר און האט געזאגט:

„מיין בעל־הבית האט מיר געהייסען ביי אייך נעהמען זעהר פיעל סחורה, אהן געלד. האב איך געזאגט, אז איך גלויב ניט דאס איהר וועט איהם אזוי פיעל בארגען. האט ער מיר געזאגט, אז ער פרעגט ביי מיר קיין עצות ניט, נאר איך זאל טאהן ווי ער זאגט מיר.“

דער לייפציגער סוחר האט שוין פערשטאנען דעם אנ־צוהערענים פון דעם עהרליכען משרת, און האט די סחורה ניט געגעבען.

## נ מ ש ל

**פאר א קלוגען איז אן אנצוהערענים אויך גענוג.**

# 38
# דער גערעכטענער קרוב

א גרויסער גביר, וועלכער איז געווען א למדן און א פרומער איד, האט איבערגעלאזט זיין גרויסען געשעפט אויף זיינע מענשען און אליין פלעגט ער זיצען מיט א מנין ארימע לומדים אין שוהל א גאנצען טאג און לערנען. אין זיין געשעפט האט ער געהאט א יונגען מאן, א קרוב, וועלכער איז געווען א גרויסער למדן, און דיזען קרוב פלעגט ער אמאל לאזען אין געשעפט און אמאל פלעגט ער איהם מיטנעהמען אין שוהל לערנען. דער קרוב האט זיך געטויגט אי צו תורה, אי צו סחורה. איינמאל האבען זיך די מענשען פון געשעפט צוזאמענגערעדט און האבען דערלאנגט א בקשה צו זייער בעל־הבית, דעם גביר, אז ער זאל זיי העכערען די שכירות. די קינדער וואקסען — האבען זיי גע'טענה'ט — די הוצאה ווערט פון יאהר צו יאהר גרעסער, בכן, קען מען ניט אויסקומען אלץ מיט די זעלבע שכירות. דער גביר האט זיי אין אנפאנג נים געוואלט נאכגעבען, אבער נאכדעם אז די מענשען האבען גענומען סטראשען, אז זיי וועלען אוועק און איבערלאזען דעם געשעפט, האט ער זיי נאכגעגעבען און בעוויליגט יעדען איינעם א העכערונג, אויסער זיין קרוב.

האט דער קרוב געפרעגט: „היתכן, ווי שיקט זיך עס, אז איהר זאלט צו מיר זיין ערגער ווי צו אלעמען? אלעמען האט איהר געהעכערט און מיר גארניט.“

„דו געהערסט ניט צו דיזע מענשען,“ האט דער גביר געענטפערט. „דיך האלט איך ניט צוליעב מסחר, נאר צוליעב דעם, אז דו זאלסט לערנען מיט מיר.“

באלד נאכדעם האבען די ארימע לומדים, וואס פלעגען

יעדען טאג לערנען מיט דעם סוחר צוזאמען, זיך אויך צוזאמענגערעדט און יעדער איז געקומען צום גביר מיט אן אנדער קלאג, אז ער קען ניט אויסקומען מיט די קליינע שטיצע, וואס ער בעקומט. איינער האט געדארפט חתונה מאכען א טאכטער, א צווייטער האט געהאט א קראנקע ווייב, א דריטער האט געדארפט האבען א נייעם דאך אויף זיין חורבה. האט זיי דער גביר גלייך נאכגעגעבען אהן שום טענות און ער האט צו זיי געזאגט: „אייך קומט טאקע א הוספה, ווייל צוליעב דעם וואס איך זיץ מיט אייך צו־זאמען און מיר לערנען תורה, קומט אריין די מזל וברכה אין מיין געשעפט." האט ער זיי אלעמען געהעכערט, א חוץ זיין קרוב. האט דער קרוב ווידער גענומען קלאגען: „מילא פריהער, אז איהר האט געהעכערט די ארבייטער אין אייער געשעפט, האט איהר געזאגט אז מיר קומט ניט קיין הוספה, ווייל איך געהער צו די לומדים, אבער יעצט, אז איהר האט געהעכערט די שכירות פון די לומדים, טא ווארום האט איהר מיך אויסגעלאזען?"

האט איהם דער גביר געענטפערט: „פאר דיר, אזא מושלם, און נאך דערצו מיינער א קרוב, פאסט זיך ניט צו שטעהן אין איין בונד מיט די משרתים פון מיין געשעפט און אויך ניט מיט די לערנער, די בטלנים. דו האב געדולד און ווארט ביז איך וועל דיר געבען וואס דו פערדיענסט. זיי זיכער, אז איך וועל ניט קארגען דעם לוין פון א קרוב."

נ מ ש ל

ווען איינער איז גוט און פרום, דארף ער ניט בעטען א גלייכען חלק מיט די רשעים אויף דער וועלט און אויך ניט א גלייכען חלק מיט די צדיקים אויף יענער וועלט. ער דארף זיך פערלאזען אויף זיין רייכען קרוב אין הימעל, אז ער וועט איהם ניט קארגען, און דיענען מיט'ן גאנצען הארצען.

# 39

## אין פונקט פערגעסען

איינער, א גרויסער גביר, וואס האט געדארפט אוועק־פאהרען אין אן אנדער לאנד, האט געהאט א גרויסען הויף מיט הייזער, און אזוי ווי ער האט ניט געקענט קריגען קיין בעלן מיט געלד, וואס זאל דאס פון איהם קויפען, האט ער דעם הויף אוועקגעשענקט צו זיינעם א פריינד. ער האט דעם פריינד ארויסגעגעבען א שרייבען, אז דער הויף געהערט פון יעצט אן צו איהם, צו דעם פריינד, און דער גביר איז נאכדעם אוועקגעפאהרען.

עס זיינען אוועק היבשע עטליכע יאהר און דער גביר איז צוריקגעקומען אין דער שטאדט און איז אריינגעפאהרען צו יענעם אין זיין הויף. עס פערשטעהט זיך, אז דער פריינד האט איהם אין אנפאנג אויפגענומען אלס א גוטען גאסט. אבער אז עס זיינען אריבער עטליכע וואכען און דער גביר זיצט נאך און טראכט גאר ניט פון אוועקגעהן, איז יענעם די זאך עפעס ניט געפעלען געווארען. גיט ער א פרעג דעם גאסט: „ווען דענקט איהר אבצופאהרען?" ענטפערט איהם יענער: „הערט צו, מיין פריינד, וואס איך וועל אייך זאגען. ביי מיר איז געבליבען, אז די ביסעל יאהרען, וואס איז מיר נאך בעשערט צו לעבען, זאל איך אויסלעבען אט דא, אין א קליין שטיבעלע."

„דאס קען איך ניט ערלויבען," האט דער פריינד גע־זאגט.

„דו, רשע איינער!" האט דער אלטער אויסגערופען. „איך האב דיר געגעבען אזא גרויסען הויף מיט הייזער, און

דו ווילסט מיד ניט לאזען זיין אפילו אין איין קליינער שטיבעל!"

„עס איז יעצט מיינע", האט דער נייער בעל־הבית גע־ענטפערט, „געשיינקט איז געשיינקט, און איך וויל אייך דא ניט האבען!"

„איך בלייב דא," האט דער געוועזענער בעל־הבית גע־זאגט, „און אויב דו ווילסט זיין א חצוף, זאג איך דיר, אז דער הויף געהערט נאך אלץ צו מיר און איך בין נאך דער זעלבער בעל־הבית."

„חרטה איז ניט מעשה סוחר, האט דער נייער בעל־הבית אויסגעשריען. „אויב איהר ווילט ניט געהן מיט גוטען, וועט איהר געהן מיט בייזען."

הקיצור, עס איז געבליבען אז זיי זאלען געהן צום בית־דין. דער נייער בעל־הבית דערצעהלט זיין געשיכטע. ער צייגט דעם פאפיער, וואס דער אלטער בעל־הבית האט איהם אמאל ארויסגעגעבען. דער בית־דין גיט א קוק אויפ'ן פא־פיער און זאגט צום אלטען: „דער שרייבען איז א געזעצ־ליכער. איהר האט איהם אלעס אוועקגעשענקט. איצט איז ער דער גאנצער בעל־הבית, איהם געהערט אלעס, און איהר האט קיין רעכט ניט דארט צו זיין."

דער נייער בעל־הבית האט זיך געפרעהט, אבער דער אלטער האט גאנץ געלאסען געזאגט צום בית־דין: „אונטער דעם שטר מתנה איז דא נאך א פונקט, וועלכען איך בעט אז איהר זאלט איבערלעזען."

און ווי דער בית־דין האט איבערגעלעזען דעם פונקט, האט דער פארזיצענדער א געשריי געטאהן אויפ'ן נייעם בעל־הבית: „דו, חצוף איינער! דו דארפסט גלייך פערלאזען דעם הויף, ווייל אלעס געהערט יעצט ווידער צו דעם אלטען. דא איז איינגעשריבען א פונקט, אז אלעס זאל צו דיר געהערען אזוי לאנג ווי דו וועסט ניט זיין קיין חצוף און קיין עזות פנים, און יעצט, אז דו האסט זיך ארויסגעצייגט צו זיין

דער גרעסטער חצוף און עזות פּנים, געהערט שויז ניט מעהר דער הויף צו דיר."

נ מ ש ל

דער שלעכטער מענש בעשטראָפט זיך אליין דורך זיין שלעכטסקייט.

## 40
## וואָס האָט ער פון די אַלטע גליקען ?

אמאל איז געוועז א גרויסער עושר וואס האט געהאט א גרויסען פערמעגען, געלד און זילבער אהן א שיעור, און געוואוינט האט ער אין א גרויסען פּאַלאַסט, וואו עס האָבען איהם בעדיענט א סך דיענער און דיענסטען, און ער מיט זיין ווייב און קינדער זיינען געוועזען געקליידעט ווי די גראַפען. האט זיך געמאכט אַן אונגליק און ער האט פערלארען א סך געלד אין מסחר און איז געווארען באַנקראט. זיינע קרעדיטארען האבען צוגענומען זיין גרויסען פּאַלאַסט און זיין גאַנצע געלד און זילבער. דער עושר איז פערבליבען בלויז ביי איין הויז, וועלכע איז אפילו געוועזען זעהר איינפאַך, אבער געראַם, און עס איז איהם אויך פערבליבען א פעלד מיט א גאַרטען. האט ער זיך געלעבט ווי א מיטעלער בעל הבית, געהאט געגוג אויף עסען און קליידונג. דאָך האט ער געבענקט נאך זיין ערשטע שטופע, נאך זיין פּאַלאַסט און זיין גרויסע עשירות. און ער האט געקלאגט: „וואו איז דאס ‒ אהינגעקומען מיין שעהנער פּאַלאַסט ? וואו זיינען אוועק די גליקליכע יאהרען ווען איך האב געהאט אַזוי פיעל דיענער און דיענסטען, און איך און מיין פאַמיליע זיינען געוועזען געקליידט אין סאַמעט און זיידענס ?"

שפעטער איז ער ארונטער נאך א שטופע. א פייער האט פערברענט זיין הויז און דעם ביסעל פערמעגען וואס איז איהם פערבליבען פון זיינע אמאליגע גרויסע עשירות. האט ער פערקויפט די פעלד מיט'ן גארטען און האט פאר דעם געלד געקויפט א פערד און איז געווארען א בעל עגלה. ער האט געהאט א ביטערען לעבען. ער פלעגט מוזען אב־רייסען דעם לעצטען ביסען פון זיך און געבען דעם פערד עסען. און ער פלעגט שוין יעצט קלאגען ניט אויף זיין ערשטע שטופע, ניט אויף זיין פערלארענעם פאלאסט מיט די פיעלע דיענער, נאר אויף זיין צווייטע שטופע: „ווי וואויל איז מיר געווען ווען איך האב געהאט א הויז מיט א פעלד און א גארטען און געלעבט גאנץ באלעבאטיש. אבער יעצט, וואס בין איך? אן ארימער בעל עגלה!"

איז א צייט ארום האט איהם ווידער געטראפען אן אונגליק, דער פערד איז גע'פגר'ט. איז ער שוין געווארען אוים בעל עגלה און איז געווארען א טרעגער. ער פלעגט שלעפען שווערע פעק אויף זיינע פלייצעס און זיינע פער־דיענסטען זיינען ניט געווען גענוג אויף טרוקען ברויט. האט ער זיך שוין געקלאגט ניט אויף זיין ערשטער שטופע און ניט אויף זיין צווייטער שטופע, נאר אויף זיין דריטער: „ווי גוט איז מיר געווען ווען איך בין געווען א בעל עגלה, גע־האט א פערד און געפיהרט פאסאזשירען און סחורה! און יעצט דארף איך אלץ שלעפען אויף מיינע ארימע שוואכע פלייצעס!"

און אזוי ווי ער געהט איינמאל אין גאס מיט א שווע־רען פאק אויף די פלייצעס, בעגעגענט איהם איינער פון זיינע אמאליגע פריינד. האט איהם דער פריינד גענומען פרעגען: „וואס איז מיט דיר געווארען? וואו איז דיין גרויסער פא־לאסט? וואו איז דיין גרויסער פערמעגען? וואו זיינען דיינע טייערע קארעטען און דיין גרויסע עשירות?" האט דער יורד געענטפערט: „וואס דערמאנסטו מיר די אלטע

גליקען, וואס איך האב שוין לאנג זיך מייאש געווען פון זיי און פערגעסען? מיין הארץ וויינט אין מיר אויף מיין טייערען פערד וואס איך האב פערלארען און וואס נאך זיין טויט בין איך פון א בעל עגלה געווארען א טרעגער!"

נ מ ש ל

נייע אונגליקען מאכען א מענשען פערגעסען די אלטע.

## 41
## צופיעל איז אומגעזונד

צוויי רייכע סוחרים וועלכע זיינען אימער געווען די בעסטע גוטע פריינד זיינען אין איין צייט פערארימט געווארען. עס איז זיי אויסגעקומען צו פערלאזען זייער שטאדט און זיך אוועקלאזען איבער דער ברייטער וועלט קלייבען נדבות. און אזוי ווי זיי זיינען אימער געווען צוזאמען אין זייערע גוטע צייטען, האבען זיי בעשלאסען צו זיין צוזאמען אין זייערע שלעכטע צייטען. די ליעבע צווישען זיי איז געווען אזוי גרויס דאס זיי פלעגען זיך ניט צושיידען אויף א טאג. און וואו איינער האט נעגעסען האט דער אנדערער אויך געגעסען.

איינמאל, אז זיי זיינען אנגעקומען אין א שטאדט, האט זיי א בעל הבית וועלכער האט געהערט פון זייער גרויסע פריינדשאפט איינגעלאדען צו זיך אויף אווענד ברויט. ער האט געהייסען זיין דיענער אוועקשטעלען פאר זיי איין שיסעל מיטווארעניקעס און אליין האט זיך דער בעל הבית אויך געזעצט ביים טיש צו זעהן ווי זיי וועלען זיך פערטיילען די שיסעל.

די צוויי גוטע פריינד האבען גענומען שטופען דעם

טעלער איינער צום אנדערן. דער זאגט: „עס דו". און דער אנדערער זאגט: „עס דו". אזוי האבן זיי געשטופּט דעם טעלער, דער צו דעם, און דער צו יענעם, ביז דער בעל הבית האט גענומען דעם טעלער צו זיך און האט אליין אויפ־געגעסן די ווארעניקעס.

נמשל

פון אלעס איז גוט צו ביסלעך. צופיעל ליעבע קען אמאל מעהר קאליע מאכען ווי טאהן גוטעס.

## 42

## ביזט א זינגער, זיי א חזן

א רייכער מאן האט געהאט א בן יחיד, וואס האט ניט געוואלט לערנען און אויך ניט ארבייטען אין זיין געשעפט. ער האט ניט געוואלט טאהן קיין זאך, נאר ארומגעהן א גאנ־צען טאג און זינגען. האט צו איהם זיין פאטער געזאגט: „אז דו ווילסט ניט טאהן קיין אנדער זאך ווי זינגען, וועל איך דיך אוועקגעבען צו א חזן פאר א משורר און דו וועסט אפשר קומען צו א שטיקעל תכלית. זאל כאטש דיין זינ־גען ניט זיין אומזיסט".

נמשל

דער וואס קלאגט זיך אמאל אומזיסט און אומנישט, דעם שיקט צו דער אייבערשטער אז אמת'ע אורזאכע אויף וואס צו קלאגען.

## 43
# דער זייגערל

א פאטער האט געקויפט פאר זיין זוהן א זייגערל. האט ער מורא געהאט, טאמער וועט מיט דער צייט ; ער זייגערל איהם נמאס ווערען, און ער וועט איהם ניט היטען, און וועט דעם זייגערל צוברעכען אדער פערלירען, האט דער פא־טער איהם אנגעזאגט: „זעה, מיין קינד, איך גיב דיר א שעהנעם זייגערל, אבער דו זאלסט איהם בשום אופן ניט עפענען".

אין א צעהן טעג ארום, ווען דער פאטער האט בע־מערקט אז דער זייגער ווערט שוין א ביסעל וואכעדיג ביי דעם אינגעל אין די אויגען, האט ער געעפענט די טהירעל פון זייגער און האט איהם געצייגט די ווייזערס, דעם שעה'־ניק, דעם מינוטניק און דעם קליינעם ווייזערעל וואס שפרינגט אזוי קונציג, א סעקונדע א שפרונג. דעם אינגעל איז דאס זעהר געפעלען געווארען. ער האט בעקומען א נייע אינטע־רעסע אין זייגערל, און יעדע ווילע פלעגט ער איהם ארויס־נעהמען צו זעהן די צייט.

א ביסעל שפעטער איז דעם אינגעל דאס אויך מיאוס געווארען און ער האט שוין ניט געקוקט אויפ'ן זייגערל. דאן האט דער פאטער געעפענט די אינוועניגסטע דעקעל און האט איהם געצייגט ווי עס ארבייט די ספרונזשינע מיט'ן העקל, און ווי עס דרעהט זיך א רעדעלע אין א רעדעלע. און דער זייגערל איז איהם איבערנאנייעס ליעב געווארען.

דיזע אלע שעהנע זאכען זיינען פריהער אויך געווען אין דעם זייגערל, אבער דער פאטער האט ניט געוואלט ציי־גען זיין זוהן אלע שעהנע זאכען פון זייגערל אויף אמאל,

ווייל דאָן וואלט דער זייגערל ביי איהם גליייך וואכעדיג גע־
ווארען. דארום האט ער איהם געצייגט ביסלעך ווייז.

נ מ ש ל

אַלעס וואס איז דא אין תורה שבעל פה איז דא אויך
אין תורה שבכתב. נאָר דער אייבערשטער האט אונז ניט
געוואָלט צייגען אַלע שעהנע זאכען פון דער תורה שבכתב
אויף אַמאָל, טאָמער וועט די תורה וואכעדיג ווערען איז אונ־
זערע אויגען. דארום האט ער אונז פריהער געגעבען חמשה
חומשי תורה, נאָכדעם נביאים וכתובים, נאָכדעם די משנה,
די גמרא, און פון צייט צו צייט קומען גרויסע געלעהרטע
רבנים און צייגען אונז אַלץ מעהר „חדושי תורה“. דאס איז
אַלץ אום די תורה זאָל ביי אונז זיין אזוי ליעב ווי אין דעם
טאָג וואס מיר האבען זי בעקומען פון בארג סיני.

## 44

## דער סוד...

איינער איז געקומען צו א קרעמער קויפען סחורה און
האט זיך שטארק געדונגען. ער האט געשריען, געמאכט
קולות, געגוואלדעוועט אז דער קרעמער איז א יקרן און וויל
ביי איהם נעהמען טייערער ווי אנדערע. בקיצור, דער קרע־
מער האט געוואלט פון איהם פטור ווערען, ווייל ער האט
איהם שוין דערעסען מיט זיינע געשרייען, האט ער איהם
שוין ארונטערגעלאָזען אויף א גאנץ קליינעם מקח. ווען זיי
זיינען מושווה געווארען, האט דער קויפער גענומען ריידען
שטילער, אבגערופען דעם קרעמער אָן א זייט און איהם
איינגערוימט א סוד אין אויער: „איך האב קיין געלד ניט,
איהר וועט מיר מוזען די סחורה געבען אויף בארג...“

נ מ ש ל

אזוי איז מיט אונז, אידען, אין די ימים נוראים. פריי־ הער שרייען מיר אב יעדען „אבינו מלכנו", הויך אויפ'ן קול, אבער דעם לעצטען „אבינו מלכנו, חננו ועננו כי אין בנו מעשים," האב רחמנות און ענטפער אונז, ווייל מיר האבען קיין מעשים מיט וואס צו בעצאהלען, זאגען מיר גאנץ שטיל...

## 45
## די געווירצטע מאכלים

צוויי סוחרים זיינען געפאהרען אין וועג. איינער איז געווען אן עלטערער מענש, א געניטער, מיט גרויס ערפאה־ רונג אין אלע וועלט זאכען. דער אנדערער איז געווען א יונגער מאן וואס האט ערשט אנגעהויבען צו רייבען זיך אין דער גרויסער וועלט. דער עלטערער פלעגט איהם אלץ לער־ נען און מוסר'ן ווי זיך צו פיהרען. אבער דער אינגערער איז געווען אן איינגעשפארטער מענש, אן עקשן, האט ער זיך געהאלטען קליגער פון אלעמען און דערפאר פלעגט ער אפט טאהן פערקעהרט ווי דער עלטערער פלעגט איהם זאגען.

אמאל, אז זיי זיינען פערפאהרען אויף אן אכסניא, האט מען פאר זיי דערלאנגט פיש און פלייש פון צוויי סאר־ טען. איין סארט איז געווען געקאכט איינפאך, פשוט, אזוי ווי עם קאכט א געוועהנליכע ווירטהין, און דער אנדערער סארט איז געווען שטארק געפעפערט און געווירצט מיט אלערליי בשמים און עס האט פון דעם געשמעקט — א מחיה. דער אלטער מאן, דער געניטער, האט געגעסען די איינפאכע שפייז. דער יונגער האט זיך צוגעכאפט צו די געווירצטע

מאכלים, די שמעקעדיגע, ווייל זיי האבען שטארק גערייצט זיין אפעטיט.

ויהי בחצי הלילה, שפעט אום האלבע נאכט, האט זיך דער יונגער סוחר אויפגעכאפט און גענומען שרייען פון וויי־טאג. ער האט בעקומען שרעקליכע קרעמפפען. ער האט דאן פערשטאנען אז די געפעפערטע און געווירצטע פיש און פלייש וואס ער האט געגעסען זיינען געווען אלט און אונטער־געפוילט, און מען האט די שפייזען בעפעפערט און בעווירצט אום מען זאל ניט דערקענען אז זיי זיינען שוין פערדאר־בען.

## נ מ ש ל

אלע תאוות וואס דער מענש האט זיינען ניצליך, ווייל דורך זיי ווערט אויפגעהאלטען ער אליין און אויך די גאנצע מענשהייט. נאר תאוות זיינען דא שעהנע און מיאוס׳ע. די תאוה צו עסען און טרינקען איז א שעהנע, די תאוה צו זאמלען פערמעגענס און די תאוה צו פרויען זיינען מיאוס׳ע. אבער פונקט אזוי ווי עסען און טרינקען איז נויטיג אויפ־צוהאלטען דעם לעבען פון דעם איינצעלנעם מענשען, אזוי זיינען אויך נויטיג די אנדערע תאוות אום אויפצוהאלטען די עקזיסטענץ פון דער גאנצער מענשהייט, ווייל ווען עס וואלט ניט געווען קיין יצר הרע, וואלטען מענשען קיין הייזער בויען, זיי וואלטען קיין פרויען ניט גענומען און די וועלט וואלט גע־ווארען פוסט און וויסט. אט דערפאר איז צו די מיאוס׳ע תאוות צוגעגעבען געווארען א סך פעפער און געווירצען, רייץ און צוציהונגס קראפט, כדי דער מענש זאל זיך ניט אב־טרייסלען פון זיי צוליעב זייער מיאוס׳קייט.

## 46
# דעם פּאַטער׳ס תשובה

איינער איז איז כעס געוואָרען אויף זיין זוהן פאַר זיינע שלעכטע אויפפיהר און האָט איהם פערטריבען פון הויז. דער זוהן איז אַרומגעגאַנגען נאַקעט און באָרפוס און עס איז איהם געווען זעהר ביטער. איז דער זוהן געקומען צו א שכן און האָט איהם געבעטען אז ער זאָל אַריבערגעהן און ריידען מיט זיין פּאַטער, אז ער זאָל האָבען מיטלייד מיט איהם, ער זאָל איהם כאָטש מאַכען א מלבוש אויף ווינטער.

דער שכן איז געגאַנגען און האָט צום פּאַטער אַזוי געזאָגט:

„האָב שוין אַמאָל רחמנות אויף דיין זוהן. ער האָט ניט א גאַנצען בגד אויף זיך, און די קעלטען האָבען זיך שוין אָנגעפאַנגען. מאַך איהם כאָטש א בגד אויף ווינטער."

„איך בעט דיך, מאַך דו איהם א בגד," האָט דער פּאַטער געענטפערט.

דער שכן האָט איהם אָנגעקוקט שטאַרק פערוואונדערט. ער האָט איהם ניט פערשטאַנען. אָבער דער פּאַטער האָט איהם באַלד ערקלעהרט וואָס ער מיינט.

„איך מיין אז אַנשטאָט צו קומען צו מיר אז איך זאָל רחמנות האָבען אויף מיין זוהן, האָסטו בעסער געדאַרפט בעסער ריידען צו מיין זוהן אז ער זאָל אָוועקוואַרפען זיינע שלעכטע מעשים און ווערען גוט און אָרענטליך. דאַן וועל איך אַליין אויף איהם רחמנות האָבען, ווייל דער גאַנצער צוועק פון מיין שטראָפען איהם איז אז ער זאָל ווערען בעסער."

נ מ ש ל

אזוי זאגט דער אייבערשטער צו די צדיקים וואס בע־מען אז ער זאל רחמנות האבען אויף זיינע קינדער, די אידען. אנשטאט צו בעטען פאר זיי רחמים איז בעסער אז די צדיקים זאלען די אידען מוסר'ן, אז זיי זאלען ווערען בעסער אוז פרימער. דאן וועט דער אייבערשטער ממילא צייגען אז ער איז אן אל רחום.

## 47

## דורך פליים דערגרייכט מען אלעס

א מלך האט ביי זיך געהאט א טייערען בריליאנט, אויף וועלכען ער איז געווען זעהר שטאלץ. איינמאל, דורך א סיבה, האט דער בריליאנט בעקומען א פגימה, אזוי ווי א קריץ. דער מלך האט זיך בעראטהען מיט פערשידענע שטיינשלייפער, וואס זיינען קינסטלער אין זייער פאך, אויב מען קען דעם שטיין פעררעכטען. האבען זיי איהם געזאגט, אז מען קען דעם שטיין ארומשלייפען, אבער ער וועט קיינ־מאל ניט האבען דעם ווערטה וואס ער האט פריהער געהאט, די פגימה וועט זיך אלץ אנזעהן. נאכדעם איז געקומען א גרעסערער קינסטלער און ער האט זיך אונטערגענומען צו מאכען דעם בריליאנט נאך שעהנער ווי געווען. וואס האט ער געטאהן? ער האט ארום דעם קריץ אויסגעקריצט בלומען און בליהונגען און פון דעם גרויסען קריץ האט ער געמאכט א שטענגעל פאר די בלומען. און ווען די אנדערע קינסטלער האבען זיין ארבייט געזעהן, האבען זיי דאס בעוואונדערט.

נ מ ש ל

דורך פליים קען יעדער מענש זיינע ערגסטע פעהלערען פערוואנדלען אין מעלות.

## 48
# אַ גוטער אָנפאַנג

אַמאָל איז געווען אַן אָרימער קרעמער, וואָס זיין ווייב פלעגט פיהרען די גאַנצע פרנסה און ער פלעגט זיצען אין בית המדרש און לערנען. און, ווי געוועהנליך, אַז ער פלעגט קומען אַהיים, פלעגט איהם זיין ווייב יאָדען, דאַקוטשען מיט איהר מענה לשון, דערפאַר וואָס ער איז אַ איד אַ בטלן און ניט קיין פערדיענער. עס פערשטעהט זיך, אַז זי פלעגט איהם גאַנץ אָפט אויך ניט קאַרגען עטליכע קללות. דער איד, נעבעך, האָט געמוזט אַלעס אויסהערען און שווייגען. וואָס האָט ער אַנדערש געקענט טאָהן, אַז די ווייב איז גע־ווען די גאַנצע ברויט־געבערין?

איינמאָל, אַז דער איד איז געגאַנגען פון בית המדרש אַהיים עפּעס צובייסען, האָט ער אויפ'ן וועג בעגעגענט אַן אַלטען מאַן מיט אַ לאַנגע ווייסע באָרד. פרעגט איהם דער אַלטער מאַן: „זאָגט מיר, ר' קרוב, וואָרום זעהט איהר אויס אַזוי אומעטיג און צובראָכען?" דער אָרימער קרעמער האָט באַלד דערקענט, אַז דער אַלטער מאַן מיט דער לאַנגער באָרד איז אליהו הנביא. האָט ער צו איהם גזאָגט: „טייערער רבי אליהו! מיר איז ניט גוט! וועה איז צו דעם מאַן וואָס דאַרף אַנקומען צו זיין ווייב'ס פערדיענסטען. האָב רחמנות, היי־ליגער נביא, און בענש מיך, אַז איך זאָל אַליין האָבען אַ בי־סעל הצלחה אין דער וועלט און ווערען אַ פערדיענער."

האָט איהם אליהו אַזוי געבענשט:

„גלייך ווי דו קומסט אַהיים, וועסטו ווערען אַ מצליח. די ערשטע זאַך צו וואָס דו וועסט זיך נעהמען, וועט דיר

ברייננגען גרוים הצלחה און די הצלחה וועט זיך ביי דיר קיינמאל ניט אויסנעהמען."

דער ארימער קרעמער האט זיך בערעכענט, אז ער וועט גלייך אריינקומען אין זיין ווייב'ס קרעמעל, עפענען דעם טיש-קעסטעל וואו זי האלט דעם לייזונג און נעהמען צעהלען דאס געלד, וועט ער צעהלען און צעהלען און וועט האבען אזא הצלחה, אז ער וועט קיינמאל ניט אויסצעהלען.

ער איז אריין אין קרעמעל, און ניט זאגענדיג א ווארט צו זיין ווייב, האט ער גלייך געעפענט דעם טיש-קעסטעל און געוואלט צעהלען. אבער ווען זיין ווייב האט דאס דערזעהן, ווי ער נעהמט זיך צו דעם געלד, האט זי איהם געגעבען א שטויס, אז ער איז שיער ניט אומגעפאלען, און נאכדעם האט זי געעפענט אויף איהם א מויל און איהם גענומען שילטען מיט טויטע קללות. דיזען מאל האט ער גראדע בעקומען א ביסעל מוטה און ער האט אויף איהר אויך געעפענט א מויל... און די ברכה פון אליהו הנביא איז טאקע מקוים געווארען. די הצלחה איז אריין אין די קריעג און אין די קללות, און מאן און ווייב האבען זיך גענומען קריגען און קריגען און זיי האבען זיך אבגעקריעגט א גאנצען לעבען און קיינמאל ניט אויפגעהערט . . . און אלץ, ווייל דער מאן האט ניט געטראפען מיט וואס צו מאכען אן אנפאנג, אז עס זאל זיין אין דעם די הצלחה.

## נ מ ש ל

דאס איז נח. נאכ'ן מבול, אז די גאנצע וועלט איז געווען וויסט און חרוב און נח האט זיך גענדארפט נעהמען צו דער ארבייט צו פעררעכטען דעם חורבן, האט ער גראדע אויסגעקליבען די ארבייט פון פלאנצען א וויינגארטען. איז אריין די גאנצע הצלחה אין דעם וויינגארטען. ווייל ווי דער מדרש דערצעהלט, האט נח, אין דעם זעלבען טאג וואס ער האט דעם וויינגארטען פערפלאנצט, שוין בעקומען פון איהם

ווייז. דעם זעלבען טאָג האָט ער זיך אָנגעשיכור׳ט, און אין דעם זעלבען טאָג זיך צו שאַנד געמאַכט.

## 49

# דער בן מלך וואָס האָט זיך פערגעסען

אַ מלך איז אַמאָל אין כעס געוואָרען אויף זיין זוהן, האָט ער איהם פערטריבען פון זיין פּאַלאַסט און פון זיין שטאָט. דער יונגער בן מלך איז אַרומגעגאַנגען אַ הונגעריגער און האָט ניט געוואוסט וואוהין זיינע פיס טראָגען איהם. שפּעט אין אָווענד איז ער אָנגעקומען ביי אַ דאָרף. ער האָט אָנגעקלאַפּט אין טהיר ביי אַ פּויער און געפרעגט, אויב מען קען איהם דאָ לאָזען איבערנעכטיגען. דער פּויער האָט בעטראַכט דעם אינגעל מיט׳ן שעהנעם פּנים און מיט די ליבטיגע אויגען, און ער איז איהם זעהר געפעלען געוואָרען. האָט ער בעקומען רחמנות אויף איהם און האָט איהם צוגענומען צו זיך פאַר אַ אַרבייטער. ער זאָל איהם העלפען מעלקען די קיה, אויפּפּאַסען די היהנער און טאָהן נאָך אַזעלכע לייכטע אַרבייט אַרום הויז, און דערפאַר האָט דער אינגעל בעקומען עסען און טרינקען און אַ בעט צו שלאָפען. עס פערשטעהט זיך, אַז דער פּויער האָט ניט געוואוסט, אַז דער פרעמדער אינגעל וואָס אַרבייט ביי איהם איז אַ בן מלך.

דער בן מלך האָט זיך צוגעוועהנט צו זיין אַרבייט און צו זיין נייעם אָרט לעבען, ביז ער האָט אין גאַנצען פערגעסען, אַז ער איז אַ פּרינץ. אַזוי לאַנג ווי דער פּויער האָט געלעבט האָט דער אינגעל געאַרבייט גאָר ניט שווער און האָט געהאַט גענוג צו עסען און טרינקען. אָבער שפּעטער איז דער פּויער געשטאָרבען, און זיין זוהן, דער יורש, איז געווען אַ שלעכטער מענש אַ רשע, און ער האָט דעם אינגעל

געצוואונגען צו ארבייטען זעהר שווער, אריבער די כחות, און עסען האט ער איהם געגעבען גאנץ ווייניג. דעם אינגעל איז נעבעך געווען אזוי שלעכט און ביטער, דאס ער האט אויף זיך געבעטען דעם טויט.

צו יענער צייט האט זיך דער מלך דערמאנט אז זיין זוהן און ער האט זיך שטארק פערבענקט נאך איהם. זיין בעס איז שוין לאנג פארביי און זיינע פאטערליכע געפיהלען האבען אויפגעוואכט. פון טאג צו טאג איז דער מלך גע־ווארען אלץ טרויעריגער, וואס ער האט ניט געוואוסט וואו זיין זוהן געפינט זיך און ווי ער לעבט.

דער מלך האט זיך בעראטהען מיט זיינע ראטהגעבער און עס איז ביי זיי געבליבען, אז דער מלך זאל מאכען א רייזע איבער'ן לאנד און זוכען זיין זוהן. איז דער מלך גע־פאהרען מיט זיין סוויטע איבער זיין מדינה, און אין יעדען ארט וואו ער איז געקומען האט דער מלך געהייסען אויס־רופען, אז ווער עס האט עפעס א קריוודע געגען אן אנדער מענשען, אדער אויב א שקלאף האט זיך צו בעקלאגען אויף זיין האר, זאל קומען פאר'ן מלך, דער מלך וועט אויסהערען זיין קלאגע און וועט זיך אננעהמען זיין קריוודע.

א סך מענשען זיינען געקומען זיך קלאגען פאר'ן מלך. זיי זיינען געקומען פון שטאדט און פון די ארומיגע קליינע שטעדטלעך און דערפער. און צווישען זיי איז אויך געווען דער אונגליקליכער בן מלך, וועלכער איז געקומען זיך קלא־גען אויף זיין שלעכטען בעל הבית. דער בן מלך האט זיין פאטער ניט דערקענט. ער האט שוין אזוי פערגעסען זיין אמאליגען שטאנד און ווער ער איז, דאס איהם איז גאר ניט איינגעפאלען, אז ער שטעהט פאר זיין אייגענעם פאטער. און ער האט גענומען מיט טרעהרען דערצעהלען ווי זיין בעל הבית צווינגט איהם צו טאהן זעהר שווערע ארבייט, אריבער זיינע כחות, און עסען גיט ער איהם זעהר ווייניג, פשוט ער הונגערט איהם אויס. דער מלך האט זיך צוגעהערט און פון

זיינע אוינען האבען זיך אויך גענומען גיסען טרעהרען, דען ער האט יא דערקענט זיין זוהן.

דער מלך האט זיך לאנג ניט געקענט איינהאלטען און ער האט אויסגערופען: „מיין זוהן! מיין ליעב קינד! וועה, וואס פון דיר איז געווארען! ווי האסטו געקענט פערגעסען דיין גרויסען יחוס און דיין שטאלץ? ווי האסטו געקענט פערגעסען, אז אויף דירווארט א קעניגליכע קרוין און אז אין דיין היים האבען זיך פאר דיר געבוקט גענעראלען און מיניסטארען? און ווי האסטו געקענט פאלען אזוי נידעריג, דאס דיין גאנצער פערלאנג איז ניט מעהר ווי אז דער פויער זאל דיר געבען א ביסעל וועניגער ארבייט און א שטיקעל ברויט מעהר?"

## נ מ ש ל

אזוי איז מיט אונז אידען. מיר האבען שוין אזוי פערגעסען אונזער שטאם און אונזער גרויסען יחוס, און מיר האבען זיך אזוי צוגעוואוינט צו אונזער גלות־לעבען, אז אלעס וואס מיר פערלאנגען איז א ביסעל וועניגער גזירות אויף אונז און א ביסעל מעהר פרנסה, אבער עס פאלט אונז ניט איין צו בעטען, אז דער אייבערשטער זאל אונז אומקעהרען צוריק צו אונזער לאנד און צו אונזער אמאליגע גרויסקייט.

## 50
# דעם אלמן'ס ליעבע

א איד אן עושר איז געווארען אן אלמן. אין זיין שטאדט האט זיך געפונען א פיינע פרוי, אן אלמנה, וועלכע איז געווען א גרויסע סוחר'טע. כאטש קיין אייגענע געלד האט זי ניט געהאט און האט איהר סחורה גענומען אויף

באַרג. דעם אַלמן איז די פרוי זעהר געפעלען געוואָרען, איז ער צו איהר געקומען און אַזוי געזאָגט:

„קיין נדן פערלאַנג איך ניט פון דיר, אָבער איין זאַך פערלאַנג איך יאָ, און דאָס איז איידער מיר געהען צו דער חופה, זאָלסטו אויסצאָהלען אַלע דיינע חובות און וועקסלען, און זאָלסט קיינעם ניט בלייבען שולדיג אַ פעניג, כדי איך זאָל ניט דאַרפען צאָהלען דיינע חובות."

די פרוי האָט איינגעשטימט אויף דעם, אָבער צאָהלען האָט זי זיך ניט געאיילט. ווען אַ קרעדיטאָר פלעגט קומען צו איהר מאָהנען געלד, פלעגט זי ענטוועדער איהם אָבלייגען אויף שפּעטער, אָדער זי פלעגט זוכען אַרונטערצורייסען אַ טייל פון דעם חוב מיט פאַרשידענע טענות. אַט אַזוי האָט זיך די צייט געצויגען און געצויגען און די פרוי איז נאָך אַלץ געווען אַ בעלת חוב.

דער אַלמן, זעהענדיג אַז עס נעהמט קיין סוף און אַז די פרוי צאָהלט נאָך אַלץ ניט, איז ער שטילערהייד געגאַנגען צו די קרעדיטאָרען און זיי געגעבען עצות ווי שנעלער איינצומאָהנען זייער געלד פון דער פרוי.

אָבער ווען די פרוי האָט דערהערט פון דעם ווי איהר איינגענער חתן גיט פרעמדע מענשען עצות ווי ביי איהר צו מאָהנען מיט אַלערליי סטראַשונקעס, איז זי געקומען צולויפען מיט איהם האָבען אַ טענה: „ווען פאַר דער חתונה בעהאַנדעלסטו מיך אַזוי, היינט ווי וועט שוין זיין נאָך דער חתונה?"

„ניט ווייל איך האָב געוואָלט דיר שלעכטס טאָהן בין איך געגאַנגען צו דיינע קרעדיטאָרען", האָט דער אַלמן ערקלערט, „נאָר טאַקע דערפאַר, ווייל איך טוה דיך זעהר ליעבען און וויל אַז מיר זאָלען וואָס פריהער קענען געהן צו אונזער חופה מיט מזל."

## נמשל

דעם וואס דער אייבערשטער ליעבט, דעם שטראפט ער, כדי ער זאל וואס שנעלער בעפרייט ווערען פון זיינע זינד און קענען לעבען גליקליך.

## 51
# געהיילט געוואָרען

א רייכער מאן האט געהאט א זוהן, וואס האט שטארק ליעב געהאט דעם טרונק. דער פאטער האט זיך זעהר גע־נומען צום הארצען וואס זיין זוהן וואקסט א שיכור, האט ער געזוכט אן עצה וואס צו טאהן. איינמאל איז אין שטאדט געקומען צו פאהרען א גרויסער דאקטאר, האט זיך דער פאטער געזעהן מיט'ן דאקטאר און איהם געפרעגט, אפשר קען ער געפינען א מיטעל און אויסקורירען זיין זוהן פון דעם חשק צו טרינקען.

„איך קען אייער זוהן אזוי אויסקורירען, דאס ער וועט שוין קיינמאל אפילו ניט וועלען נעהמען אין איינציגען בי־טערן טראפען אין מויל", האט דער דאקטאר געענטפערט. „אדרבה, ער וועט אזוי פיינט האבען משקה, אז ער וועט דאס אפילו ניט קענען אנקוקען."

אבוואהל דער פאטער האט דעם דאקטאר געגלויבט, אז זיין זוהן איז שוין אויסקורירט, דאך האט ער געהאלטען פאר נויטיג זיין זוהן צו היטען. ער האט דארום אין הויז ניט געלאזט אריינגעהמען קיין וויין און קיין שנאפס. און עס האט איהם געפרעהט וואס זיין זוהן האט קיינמאל ניט דערמאנט, אז ער וויל א גלעזעל וויין, אדער אן אנדער משקה.

איינמאל איז דעם פאטער איינגעפאלען א געדאנק דעם

זוהן אויסצופּרובירען, האָט ער איהם געגעבען אַ גרויסע פלאַש און געלד, און האָט צו איהם געזאָגט: „נאַ, מיין זוהן, געה אין שענק און הייס אָנפילען דיזע פלאַש מיט דעם בעסטען וויין.“

דער זוהן איז אוועק אין שענק. דער שענקער איז אַרונ־טער אין קעלער וואו ער האָט געהאַלטען די בעסערע וויין. דער זוהן איז דערווייל געבליבען אין שענק וואַרטען. דער ריח פון די קרוגען און פלעשער וואָס זיינען דאָרט געשטאַנען, זיינען איהם אריין אין נאָז און עס איז איהם שטאַרק ניט גוט געוואָרען. האָט ער מיט גרויס כעס געכאַפּט אַ שטעקען און האָט גענומען ברעכען די פלעשער און די קרוגען. די משקה האָט זיך צוגאָסען איבער דעם גאַנצען שענק און ווען דער שענקער איז אַרויפגעקומען און האָט דערזעהען דעם גרויסען שאַדען, וואָס דער בחור האָט איהם געמאַכט, איז ער אָהן אָטהעם אוועקגעלאָפען צו זיין פאָטער און האָט אויסגע־שריען: „קומט זעהן דעם שאַדען וואָס אייער זוהן האָט מיר געמאַכט. ער האָט דאָך מיך בדלות געשטעלט!“ אָבער דער פאָטער האָט זיך צולאַכט און געענטפערט: „איך באַצאָהל דיין גאַנצען שאַדען, פיעל דו וועסט מיר הייסען, ווייל קיין גרעסערע שמחה האָסטו מיר היינט ניט געקענט אָנזאָגען. יעצט זעה איך, אז מיין זוהן איז טאַקע באמת געהיילט גע־וואָרען.“

## נ מ ש ל

די זעלבע פראַגע האָט משה רבינו געמאַכט מיט די אי־דען. ער האָט געוואָלט וויסען אויב זיי האָבען נאָך חשק צו טאָהן די זינד וואָס די מדינים האָבען זיי געלערענט, אָדער זיי האָבען שוין חרטה אויף דעם. האָט ער זיי געהייסען נעהמען נקמה פון די מדינים, און פון דער נקמה וועט ער זעהן אויב די אידען זיינען נאָך פריינד פון די מדינים, אָדער די אידען פערהאַסען זיי שוין.

## 52
# אַן אונגעבעטער זאָגער

אַ מגיד וואָס האָט געוואוינט אין אַ שטעטעל פון פער־דאָרבענע מענשען, אויסוואורפען, ליידאַקעס, איז געקומען אין אַ שטאָדט וואו עס האָבען געוואוינט שעהנע מענשען, פיינע בעלי בתים, לומדים און גרויסע עהרליכע אידען. און דער מגיד האָט פאר זיי אָנגעהויבען צו האַלטען זיינע מוסר דרשות, און האָט זיי גענומען מוסר'ן און צייגען וואָס פאר אַ גרויסע שטראָפען עס קומט פאר גנב'ענען, פאר שווינדלען און פאר מחלל שבת זיין. ער האָט זיי געזאָגט, אז מען וועט זיי אַלעמען ברענען אין גיהנום און זיי וועלען געהן אין כף הקלע. האָבען די פערזאַמעלטע געוואָלט איהם צייגען, אז ער איז אַ גרויסער עם הארץ און זיי האָבען איהם גענומען שטעלען קשיות. האָט דער מגיד זיך צושריען: „וואָס פרעגט איהר מיך קשיות? אזוי שטעהט אין דער תורה!" האָבען די שטאָדט־לייט געזאָגט: „יאָ, אזוי שטעהט עס טאַקע, אָבער צו וואָס ביזטו געקומען אהער אונז מוסר'ן, האָסט דעם זעלבען מוסר געדאַרפט זאָגען אין דיין אייגענעם שטעד־טעל, ווייל פאר דיינע שטאָדט־לייט פּאַסט זיך דיין מוסר פיעל בעסער."

### נ מ ש ל

אזוי האָט בלעם געזאָגט ווענען בלק'ן „מן ארם ינחני בלק", אזש פון ארם האָט מיך בלק געפיהרט צו שילטען די אידען. אָבער די קללות האָבען זיך בעסער געפּאַסט אין מיין אייגענער לאַנד, פאר מיינע אייגענע מענשען."

## 53
# צווישן פראָסטאַקעס איז ער אַ גאון

איינער איז געווען אַ גרויסער צדיק, אַ למדן, אַ מופלג, און דערצו אַ גרויסער חכם אין וועלט־זאַכען. פון דעם גאַנ־צען געגענד ארום פלעגט מען קומען צו איהם אויף דיני תורה און עצות פרעגען. דער זוהן זיינער איז שוין ניט גע־ווען אזוי געראָטען ווי דער פאָטער, דען עס איז זעהר זעלטען אז גרויסע מענשען זאָלען האָבען קינדער וואָס זאָלען זיין געראָטען אין זיי. אמת, אַ ביסעל לערנען האָט דער זוהן געקענט און קיין נאַר איז ער אויך ניט געווען, אָבער ער איז דאָך געווען ווייט פון זיין פאָטער.

און גראָדע דערפאר ווייל דער זוהן האָט געהאַט אזא גרויסען פאָטער, האָט ער אויסגעזעהן אזוי קליין, אונוויסענד און נאַריש. דער פאָטער האָט עס זיך שטאַרק גענומען צום הארצען. האָט ער זיין זוהן אַן עצה געגעבען, אַז ער זאָל זיך אריבערציהען אין אַ געוויסער קליין שטעדטעל. ערש־טענס, איז יענע שטעדטעל געווען זעהר ווייט פון דער שטאָדט וואו דער פאָטער האָט געוואוינט, און פון פאָטער האָט מען דאָרט כמעט גאָר ניט געהערט; צווייטענס, זיינען די איינוואוינער פון יענעם שטעדטעל געווען דורכאויס עמי הארץ, פראָסטאַקעס און חמאתים. צווישען אזעלכע מענשען וועט דער זוהן קענען שיינען . . .

דער זוהן האָט געפאָלגט די עצה פון זיין פאָטער און האָט זיך אהין אריבערגעצויגען. באַלד האָט אַנגעהויבען צו קלינגען ארום און ארום, אז אין יענעם שטעדטעל געפינט זיך אַ רב, וואָס איז אַ גרויסער למדן, אַ גאון עולם, און דערצו איז ער אַ גרויסער חכם, אזוי ווי שלמה המלך,

און צו זיין גוטסקייט און פרומקייט איז גאָר קיין גלייכען ניטאָ.

נ מ ש ל

אין דעם הייליגען לאַנד האָט זיך די גרויסקייט פון אידישען פאָלק ניט געקענט אַרויסזעהן צוליעב דעם, ווייל מיר זיינען אימער געווען צו נאָהענט צו אונזער גרויסען פאָטער אין הימעל. האָט אונז דער אייבערשטער פערשיקט צווישען די אומות העולם, און ערשט צווישען זיי זעהען זיך אַרויס אונזערע גרויסע מעלות.

## 54

# ער געהט מיט'ן אמת

איינער האָט געדאַרפט טאָהן אַ שידוך פאַר זיין זוהן. האָט מען איהם גערעדט פון אַן אַנדער שטאָדט מיט דער טאָכטער פון אַ פיינעם בעל הבית. דער פאָטער האָט געוואָלט אליין פאָהרען און זעהן פריהער די מחותנים מיט דער כלה, דערווייל האָט מען איהם אַנגערעדט, אַז דער כלה'ס פאָטער איז זעהר אָרים און אַז ער וועט ניט קענען סילוק'ן דעם נדן. אָבער דער שדכן האָט געוועהנליך געאַרבייט אויף אַלע כלים און האָט אויסגעפיהרט, אַז דער פאָטער פון דעם בחור זאָל דאָך פאָהרען און אָנקוקען די מענשען אין אַ בעשטימטען טאָג.

אויפ'ן וועג טראַכט זיך דער פאָטער פון דעם בחור: זיי ערוואַרטען מיך אין אַ בעשטימטען טאָג, מסתמא וועלען זיי יענעם טאָג צופוצען די הויז מיט גלענצענדע זאַכען, ווי דער שטייגער איז, און אליין וועלען זיי זיך אויך אָנטאָהן אין גלענצענדע קליידער, ווי עס פיהרט זיך ביי אָרימע מענשען.

ווען אַ מחותן קומט זעהן אַ כלה. אָבער אַז ער איז געקור־מען אין הויז, האָט ער געזעהן די כלה, איהרע עלטערען און זייערע אַנדערע קינדער געהען אָבגעריסען און אָבגעשליסען, און אין הויז האָט זיך דער דלות אַרויסגעזעהן פון יעדען ווינקעלע. יעצט האָט ער איינגעזעהן אַז זיי זיינען אמת אָרים און אַז אויף נדן איז גאָר קיין האָפנונג ניטאָ.

אָבער דאָס גופא איז דעם גאַסט שטאַרק געפעלען גע־וואָרען. ער האָט זיך אַזוי געטראַכט: זיי האָבען דאָך גע־וואוסט אַז איך וועל היינט קומען, און זיי האָבען דאָך גע־קענט זיך פערפוצען אין געליהענע זאַכען און מיך אָבנאַרען. אָבער זיי האָבען דאָס ניט געטאָהן, זיינען זיי דאָך פיינע אָרענטליכע מענשען וואָס האָבען ליעב צו געהן מיט דעם אמת. און קיין בעסערען שידוך פאַר מיין זוהן דאַרף איך טאָקע ניט.

## נ מ ש ל

דער אייבערשטער האָט אליין געהייסען משה'ן אַז ער זאָל שיקען מרגלים צו זעהן דאָס לאַנד וואָס ער האָט געוואָלט משדך זיין די אידען. ער, כביכול, האָט געוואוסט ווען די מרגלים וועלען קומען, און ער האָט דאָך געקענט מאַכען אַז דאָס לאַנד זאָל אויסזעהן אין זייערע אויגען גוט און שעהן אין אלע פרטים, אָהן פעהלערען, אָבער ער האָט דאָס ניט געטאָהן, ווייל דער אייבערשטער געהט נאָר מיט'ן אמת.

## 55
# אַ פּאַטער פאַרגעסט ניט

אַ פּאַטער איז איינמאָל אין כעס געוואָרען אויף זיין זוהן. האָט ער איהם אַרויסגעטריבען פון הויז. דער זוהן איז אַוועק צו אַ שכן און איז ביי איהם געשטאַנען אַ טאָג, צוויי. אויפ'ן דריטען טאָג זאָגט צו איהם דער שכן: „נו, פיעל איז דער שיעור צו שטעהן ביי מיר. געה אַהיים און בעט זיך איבער מיט דיין טאַטען, וועסטו קענען זיין אין דער היים." אָבער דער אינגעל האָט ניט געוואָלט געהן. „ניין," האָט דער אינגעל געזאָגט, „איך וועל ניט געהן איבערבעטען מיין טאַטען. דער טאַטע וועט קומען צו מיר און מיך איבערבעטען. איהר לאָזט מיך נאָר וואַרטען אַ ביסעל."

דער שכן האָט דעם אינגעל געלאָזט שטעהן ביי זיך נאָך אַ פּאָר טעג, אָבער זעהענדיג, אַז זיין פּאַטער קומט נאָך אַלץ ניט, האָט ער געזאָגט צום אינגעל: „וואָס ווילסטו האָבען פון מיר? דו זעהסט דאָך, אַז דיין טאַטע וויל דיך מעהר ניט קענען. ער האָט זיך אודאי פאַרגעסען אָן דיר."

איז דער אינגעל אַרויס פון שכן'ס הויז אַ וויינענדיגער. ער האָט זיך אַ ווײלע אַרומגעדרעהט אין גאַס און איז נאָכ־דעם צוריקגעקומען און געזאָגט:

„אַט וועט איהר זעהן, אַז איך האָב רעכט, און דער טאַטע וועט טאַקע קומען מיך איבערבעטען!"

„פון וואַנעט ביזטו עס אַזוי זיכער?" האָט דער שכן געפרעגט.

„די מעשה איז אַזוי," האָט דער אינגעל גענומען ער־קלערען. „ווען איך בין פאַרבייגעגאַנגען מיין טאַטען'ס הויז, האָב איך דורכ'ן פענסטער געזעהן ווי ער זיצט ביים טיש

און עסט מיטאג. ביי זיין רעכטער האנד זיצט דער מלמד וואס לערנט מיט מיר חומש, און ביי זיין לינקער האנד זיצט דער יונגערמאן, וואס לערנט מיך שרייבען און רעכנען. און ווידער האב איך געזעהן, אז אויפ'ן וואנד הייננט נאך דער קאנטשיק, מיט וועלכען דער טאטע שטראפט מיך אמאל, ווען איך פארזינדיג זיך. פרעג איך אייך, ווען דער טאטע וואלט אז מיר פארגעסען און ער וואלט מיך מעהר ניט וועלען קענען, טאר צו וואס האלט ער נאך די צוויי אומזיסטע פרעסער ביי זיין טיש און צו וואס הייננט נאך דער קאנטשיק אויף דעם זעלבען ארט? דארפט איהר דאך פון דעם פארשטעהן, אז דער טאטע דענקט נאך מיך צוריק צו האבען פאר א זוהן און ער האט אז מיר גארנישט פערגעסען."

נמשל

דער פערטריבענער זוהן, דאס זיינען מיר, אידען. די לעהרער, דאס זיינען די אומות העולם, וואס דער אייבערשטער האלט אוים אום זיי זאלען קנעלען מיט אונז. און אזוי לאנג ווי דער אייבערשטער האלט אוים דיעזע „מלמדים" מיט אל דאס גוטס, און זיין קאנטשיג איז נאך אויפ'ן ארט, איז א סימן, אז ער האט אונז נאך ניט פערגעסען, און אז ער וועט אונז צוריקברייננען אין זיין הויז.

## 56

# אז א מלך קומט צו גאסט

א מלך וואס האט געקיניגט איבער א סך פראווינצען האט אין יעדער גרויסער שטאדט געהאט א פאלאסט און אין יעדען פאלאסט — א קארעטע מיט פערד, און א קוטשער מיט דיענער. פלעגט ער פריהער פערברייננען אין איין שטאדט,

און אז עס איז געקומען די צייט צו פאָהרען אין אַן אַנדער שטאָדט, פלעגט ער הייסען איינשפּאַנען זיין קאַרעטע, און די דיענער פלעגען איהם אָבפּיהרען אין דער אַנדער שטאָדט.

א צייט שפּעטער האָט דער מלך געמאַכט אַן ענדערונג. ווען ער איז אָבגעזעסען אַ צייט אין איין שטאָדט און האָט געוואָלט פאָהרען אין אַן אַנדער שטאָדט, האָט ער ניט גענומען די קאַרעטע פון דער שטאָדט וואו ער איז געזעסען, נאָר ער האָט געלאָזט ברייננען אַ קאַרעטע מיט פערד, אַ קוטשער און דיענער פון דער שטאָדט וואוהין ער האָט געדאַרפט קומען. און אַז מען האָט איהם געפרעגט וואָרום ער טהוט דאָס אַזוי, האָט דער מלך געענטפערט:

„איך האָב זיך דערוואוסט, אַז יעדען מאָל וואָס איך פערלאָז אַ שטאָדט און די קאַרעטע קומט צוריק אַ ליידיגע, אַהין מיר, נעהמען זיך די שטאָדט־מענשען צום האַרצען און טרויערען און בענקען נאָך מיר. דאָרום האָב איך איינגעפיהרט, אַז די שטאָדט וואוהין איך דאַרף קומען, זאָל נאָך מיר שיקען אַ קאַרעטע, און ווען די קאַרעטע פאָהרט אַוועק פון שטאָדט אַ ליידיגע און קומט צוריק אַ פולע איז, ערשטענס, די שמחה פון מיין אָנקומען אַ סך גרעסער, און ווען איך פאָהר אַוועק זעהט עס זיך ניט אַזוי אָן.“

## נ מ ש ל

אימער דאַרף אַ מענש זוכען צו שפּאָרען פערדרוס פאַר זיינע מיטמענשען.

## 57
# די גזלנים קומט א דאַנק

א גענעראַל האָט געהערט אז אין א ווייטער לאַנד גע־פינט זיך א מאַן וואָס האָט אויסגעפונען אזא זאַלב, דאָס ווען איינער בעשמירט זיין לייב מיט דעם, קען איהם קיין קויל ניט שעדיגען. די קויל גליטשט זיך ארונטער פון לייב. האָט דער גענעראַל געמאַכט גרויסע הוצאות, האָט געררייזט וואָכען לאַנג ביז ער איז געקומען צו יענעם מאַן, און נאָכ־דעם ווי ער האָט איהם בעצאָהלט א גרויסע סומע געלד האָט ער בעקומען דעם זאַלב.

אויפ׳ן וועג צוריק אהיים, זיינען דעם גענעראַל בעפאַ־לען גזלנים און האָבען אויף איהם געשאָסען פון זייערע ביק־סען. אָבער די קוילען זיינען ניט דורכגעגאַנגען זיין קער־פער און דער גענעראַל איז געבליבען לעבען. ווען די גזלנים האָבען געזעהען אז זייערע קוילען האָבען ניט געווירקט און דער גענעראַל לעבט נאָך, האָבען זיי געמיינט, אז ער איז א מכשף און זיי האָבען גענומען לויפען אין גרוים שרעק. אָבער דער גענעראַל האָט צו זיי געשריען און גערופען: „קומט אהער, ברידער, איך וועל אייך גאָרנישט טאָהן. קומט אהער!“ און אז זיי זיינען צו איהם צוגעקומען, האָט ער ארויסגענומען פון זיין וואָגען א פלאַש משקה און זיי געגעבען צו טרינקען. האָבען זיך די גזלנים געוואונדערט און זיי האָבען געפרעגט דעם גענעראַל:

„מיר פערשטעהען ניט וואָרום איהר צייגט אונז אזוי פיעל פריינדשאַפט? מיר האָבען אייך געוואָלט דערשיסען און אייך נאָכדעם בערויבען, און איהר גיט אונז גאָר משקה!“

„אייך קומט א גרויסער דאַנק,“ האָט דער גענעראַל גע־

ענטפערט. „איך וועל אייך דאָס ערקלערען. איך האָב גע־מאַכט א לאַנגע רייזע און אויסגעגעבען א סך געלד אויף א זאַלב וואָס בעשיצט דעם מענשען פון קוילען. אָבער איך בין אַלץ געווען אין ספק, אויב דער מיטעל איז טאַקע א ריכ־טיגער. שיסען אויף זיך אליין אום אויסצופּרובירען דעם מיטעל האָב איך מורא געהאַט, טאָמער טויג דער מיטעל ניט. אָבער דאָ זייט איהר געקומען און אויסגעשאָסען אויף מיר גאָר אונגעריכט, און דורכדעם האָב איך זיך דערוואוסט אז דער מיטעל איז א ריכטיגער, קומט אייך טאַקע א גרויסער דאַנק.“

## נ מ ש ל

די אידען האָבען געוואוסט, אז זיי זיינען א געבענשטע פאָלק, וואָס א קללה אויף זיי קען ניט האָבען קיין קיום, אָבער זיי זיינען נאָך ניט געווען אין דעם זיכער. דערפאַר אז בלעם איז געקומען זיי שילטען, און פון זיינע קללות האָבען זיך אויסגעלאָזען ברכות, האָבען זיי זיך שטאַרק געפרעהט.

## 58

# צוויי שמחות

אין א שטאָדט זיינען געווען צוויי רייכע בעלי בתים: איינער האָט געהאַט א זוהן, א וואויל לערנער, וואָס אלע האָ־בען זיך געבענשט מיט איהם, און דער אַנדערער האָט גע־האַט א זוהן וואָס איז געווען א שלעכטער, א צולאָזענער, א גנב און א שווינדלער. דער גוטער בחור האָט מיט דער צייט בעקומען סמיכה אויף רבנות און דער שלעכטער איז פער־משפט געוואָרען צו זיצען אין תפיסה.

איינמאָל האָבען די צוויי בעלי בתים געמאַכט א שמחה

פאר זייערע קינדער. איינער האָט זיך געפרעהט מיט דעם וואָס זיין זוהן האָט בעקומען סמיכה און איז געוואָרען אַ רב, האָט ער געמאכט אַ גרויסארטיגע סעודה און האָט איינ־געלאָדען פריינד. די פריינד האָבען געבראכט רייכע מתנות, דער בחור האָט געזאָגט אַ שעהנע דרשה. אלע האָבען גע־געסען און געטרונקען און געוואונשען די עלטערען, אַז זיי זאָלען זייער זוהן אין גיכען פיהרען צו דער חופה.

דער אנדערער בעל הבית האָט געמאכט אַ שמחה, ווייל זיין זוהן וועלכער איז געזעסען אין תפיסה פאר ניט שעהנע מעשים, איז ווי דורך אַ נס בעפרייט געוואָרען, האָט ער אויך געמאכט אַ סעודה פאר זיינע פריינד. מען האָט זיך אויך געפרעהט און מען האָט געוואונשען די עלטערען אַז זיי זאָלען מעהר קיין צער ניט האָבען פון זייער זוהן.

איז געראדע אין דער שטאָדט געווען איינער, אַ לץ, וואָס איז געגאַנגען צו ביידע שמחות. און יעדען איינעם פון די מאָטעם האָט ער געוואונשען די זעלבע ברכה: „דער איי־בערשטער זאָל געבען, אַז איהר זאָלט מאכען אַזעלכע שמחות ביי די אנדערע קינדער אייערע."

## נמשל

גליקען זיינען דאָ פערשיעדענע. עס זיינען דאָ אַזעלכע גליקען וואָס מען וויל ניט, אַז זיי זאָלען טרעפען נאָך אמאָל.

# 59
# „לא לנך“

אן ארימאן האט געהאט אן ערוואקסענע טאכטער, וועל־כע איז שוין צייט געווען חתונה צו מאכען, אבער ער האט ניט געהאט פאר איהר קיין נדן. איז ער געקומען צו זיינעם א ברודער, א רייכער מאן, איהם געבעטען ער זאל איהם אביסעל אויסהעלפען. דער רייכער ברודער האט איהם געגעבען א סומע געלד און דער ארימאן איז אוועק אהיים, גאנץ צופריעדען.

גראדע איז דאן געווען פאר יום טוב. און אזוי ווי זיין ווייב, זיין טאכטער און ער אליין האבען ניט געהאט קיין גאנצען מלבוש אויף זיך, האט ער גענומען פון דעם געלד וואס זיין ברודער האט איהם געגעבען און אויסגעקליידט זיך, זיין ווייב און זיין טאכטער. פאר איין וועג האט ער געלאזט א ביסעל פעררוכטען די הויז און צוגעקויפט א ביסעל מעבעל, ווייל טאמער קומט צו זיי א חתן און ער וועט זעהן דעם דלות אין הויז וועט איהם דער שדוך ניט געפעלען זיין.

דערווייל איז ביי איהם אוועק דאס גאנצע ביסעל געלד וואס זיין ברודער האט איהם געגעבען אויף נדן. האט דער ארימאן ווידער געוואלט געהן צום רייכען ברודער בעטען געלד.

„געה ניט!“ האט א פריינד צו איהם געזאגט. „ווען דיין ברודער וועט זיך דערוויסען אז דו האסט יענע געלד וואס ער האט דיר געגעבען אויף נדן אויסגעגעבען אויף אנדערע זאכען וועט ער דיר מעהר ניט געבען אפילו א גראשען. דען מיט וואס איז ער זיכער, אז דו וועסט ווידער ניט אויס־ברייננגען דאס געלד? דו זעה צו קריגען א חתן פאר דיין

טאַכטער אַהן נדן. עס הייסט זאָלסט איהם די נדן צוזאָגען צו געבען נאָך דער חתונה, און שפּעטער, נאָך דער חתונה מיט מזל, זאָלסטו ברענגען דיין אײדים צו דיין רייכען ברודער, איהם דערצעהלען דעם גאַנצען אמת און צו איהם זאָגען: ניט פאַר זיך בעט איך דאָס געלד, נאָר פאַר מיין אײדים, און אויב דו ווילסט ווידער געבען קענסטו עס געבען גלייך צו מיין אײדים אין האַנד אַריין."

נ מ ש ל

מיר, אידען, האָבען שוין לאַנג אויפגעגעסען אונזער זכות, און דאַרום בעטען מיר ביי דעם אייבערשטען „לא לנו" — ניט פון אונזערט־וועגען שיק אונז דיין הילף, נאָר צוליעב דעם כבוד פון דיין אייגענעם נאָמען.

## 60

## אַ וואַרנונג, ניט אַ שטראָף

אַ גרויסער גביר האָט געהאַט אַ זוהן, אַ בן יחיד. פלעגט ער פאַר איהם מאַכען די טייערסטע קליידער פון די פיינסטע שטאָפען. איינמאָל האָט ער פאַר דעם בן יחיד געמאַכט אַ זעהר פיינעם בגד פון דעם טייערסטען זייד, נאָר דעם אונטערשלאַק האָט ער געמאַכט פון איינפאַכען ליינוואַנט. דעם ערשטען טאָג וואָס דער אינגעל איז אַרוים אין גאַס אין דעם נייעם מלבוש, איז ער צוריקגעקומען אַהיים מיט זיין מלבוש פול פלעקען און בלאָטע. האָט עס דעם פאָטער זעהר שטאַרק פערדראָסען. ערשטענס איז איהם געווען אַ שאָד דער מלבוש וואָס האָט געקאָסט אַ סך געלד, און נאָך מעהר האָט איהם פערדראָסען זיין זוהן'ס נאַכלעסיגקייט, וואָס ער האָט ניט געוואוסט ווי צו שעצען אַזאַ שעהנעם בגד. דער פאָ־

טער האָט געטראַכט פון א פּלאַן ווי אַנצולערנען דעם נאַרי־שען אינגעל. איז איהם איינגעפאַלען ער זאָל אויסקערען דעם בגד מיט דעם אונטערשלאַק ארויס, און אזוי זאָל ער דעם אינגעל טראָגען.

אז דער אינגעל האָט זיך בעוויזען אין גאַס, האָבען זיי־נע חברים געלאַכט פון איהם. אויך עלטערע מענשען האָ־בען ניט געקענט פערשטעהן ווי אזוי אזא רייכער מאַן לאָזט עם זיין זוהן ארומגעהן אין אן אויסגעקעהרטען בגד, צו לייטישע געלעכטער. האָבען זיי געמיינט אז דער גביר טהוט עס אוים קאַרגשאַפט, עס הייסט, ער וויל ניט אז דער זוהן זאָל אזוי גיך אויסטראָגען דעם בגד. איז געקומען איי־נער, א נאָהנטער פריינד, און האָט גע׳מוסר׳ט דעם גביר: „ווי קומט עס וואָס איהר זייט געוואָרען אזוי שלעכט צו איי־ער איינציגען קינד?" האָט איהם דער גביר געענטפערט:

„דאָס איז דער איינציגער מיטעל איהם צו מאַכען צו פערשטעהן אז ער זאָל וויסען ווי צו שעצען א שעהנעם בגד. ער איז מיר צו ליעב און צו טייער, אז איך זאָל איהם געבען א שווערע שטראָף. עס איז גענוג פאר איהם א ווארנונג."

## נ מ ש ל

צרות און קראנקהייטען וואָס קומען אויף א מענשען און קעהרען איהם אוים אויף זיין לינקער זייט, מאַכענדיג פון זיינע גליקען אונגליקען, איז א ווארנונג אז ער זאָל זיך בעסער אויפפיהרען. און נאָכדעם ווערט דער בגד צוריק אויסגעקעהרט אויף דעם ריכטיגען זייט: פון די אונגליקען ווערען ווידער גליקען.

## 61
# דער קלוגער דיענער

א מלך האט איינמאל אין א יום־טוב אויסגעטיילט זילבערנע כלים אלס מתנות צו זיינע טרייע דיענער. איי־נער פון די דיענער האט בעמערקט אז די כלי, וואס דער מלך האט איהם געגעבען איז ניט פון עכטען זילבער אזוי ווי די אנדערע, נאר א געפעלשטע. האט עס איהם פערדראסען. ווארום זאל ער זיין ערגער פון די אנדערע דיענער? אבער ווי זאגט מען דעם מלך אז דער זילבער איז געפעלשטער? איז דעם דיענער איינגעפאלען אזא געדאנק. ער האט געזאגט צום מלך: „איך וויל ניט נעהמען ביי דיר די מתנה אומ־זיסט, כדי עס זאל ניט הייסען, אז דו בעצאהלסט מיר פאר מיין טרייהייט. און מיין גרעסטער פערגעניגען איז מיר צו דיענען אזוי, אהן א לוין. דארום בעט איך דיך, אז דו זאלסט ביי מיר נעהמען פאר דער כלי כאטש איין זילבער־נעם טאלער. וועל איך פון דיר האבען אן אנדענקען און עס וועט ניט הייסען אז דו האסט מיר דאס געגעבען אומזיסט.“

דער מלך איז געוועזען צופריעדען און דער דיענער האט איהם געגעבען א טאלער. אבער ווען דער מלך האט דעם טאלער בעטראכט, האט ער געזאגט: „עס איז דאך אבער א פאלשער!“

„עס איז אזוי ווי דיין מתנה,“ האט דער דיענער גע־ענטפערט.

### נמשל

**אפילו צו זאגען אן אמת, דארף מען אויך וויסען ווי צו זאגען.**

# 62
# אַ גרויסער בטוח

אַ איד פון אַ קליין שטעדטעל איז געקומען אין אַ גרויסער שטאָדט און האָט דאָרט געעפענט אַ גרויסע קראָם מיט אַ סך סחורה פון פערשיעדענע מינים און פון די טייערסטע סאָרטען. ווען קהל האָט אויסגעמאכט די שטייערען פאַר דער שטאָדט, ווי פיעל יעדער איינער דאַרף צאָהלען, האָט מען אויף דעם סוחר ארויפגעשטעלט זעהר אַ גרויסע סומע. איז דער סוחר געקומען צו קהל און האָט גענומען טענה'ן: „ווי אַזוי קען איך צאָהלען אַזוי פיעל? וואָס בין איך? אַ מיליאָנשציק?" האָבען די קהל'ס-לייט איהם געענטפערט: „ניש'קשה, איהר מעגט צאָהלען. איהר זייט דער גרעסטער גביר אין שטאָדט און איהר האָט דאָ די גרעסטע קראָם פון אַלע."

„איך שווער אייך, אידען, אויף מיינע נאמנות," האָט דער קרעמער גע'טענה'ט, „אַז די סחורה וואָס איהר זעהט אין מיין קראָם איז ניט מיינע. דאָס האָב איך אַלעס גענומען אויף באָרג."

„זעהט איהר," האָבען די קהל'ס-לייט געענטפערט, „איהר אַליין האָט דאָך צוגעגעבען, אַז איהר זייט אַן עושר, דען אַז איהר וואָלט ניט געווען רייך, טאָ פאַרוואָס וואָלט מען אייך געטרויט? און ווארום קענט איהר קריגען אַזוי פיעל סחורה אויף באָרג און אנדערע קענען דאָס ניט קריגען? צייגט עס, אַז איהר זייט טאַקע אַן עושר."

## נמשל

דאָס איז אַ משל געגען יוסף'ן. ווען פרעה האָט איהם

געבעטען, אז ער זאל איהם פותר חלום זיין, האט יוסף גע־ענטפערט, אז די חכמה געהערט צו דעם אייבערשטען (בלעדי אלהים יענה את שלום פרעה). אבער נאכדעם ווי פרעה האט געהערט ווי יוסף האט איהם פותר חלום געווען, האט ער געזאגט: „ווען דער אייבערשטער האט דיך געלאזט אזוי פיעל וויסען, צייגט עס אז דו ביזט טאקע א גרויסער חכם.“ עס איז א כלל, אז „יהב חכמתא לחכימין,“ דער אייבערשטער גיט חכמה צו די חכמים.

## 63
# א קלוגער סוחר

איינער איז געקומען אין א גרויסען קליידער־געשעפט זיך קויפען א מלבוש. דאס איז געווען שפעט ביינאכט. דער קליידער־הענדלער האט איהם געפרעגט, וואס פאר א מלבוש ער וויל האבען, א גוטען אדער א ביליגען. „איך גלויב ניט, אז עס זיינען דא גוטע און ערגערע,“ האט דער מאן געזאגט. „אלע קליידער זיינען גלייך.“

דער סוחר האט אויסגעלאשען אלע לאמפען און אין קראם איז געווארען פינסטער. „יעצט קלייבט זיך אויס אן אנצוג,“ האט דער סוחר געזאגט.

„ווי קען איך אויסקלייבען, אז עס איז פינסטער?“ האט דער מאן גע'טענהט. „מאכט ליכטיג, וועל איך זעהן וואס אויסצוקלייבען.“

„צו וואס דארפט איהר ליכט?“ האט דער סוחר איהם געענטפערט. „איהר זאגט דאך, אז אלע קליידער זיינען איין סחורה, אלעס גלייך. טא קלייבט זיך עפעס אויס אין דער פינסטער.“

נמשל

דער אייבערשטער האט אונז געגעבען שכל, כדי מיר זאלען וויסען דעם אונטערשיעד פון גוטע מענשען ביז שלעכטע מענשען. קרח און זיין באנדע האבען געשריען, אז אלע זיינען גלייך, אלע זיינען קדושים. לויט זייער טענה איז שכל גאר אן איבעריגע זאך. וויבאלד אז אלע זיינען גלייך דארף מען דאך קיין שכל ניט.

## 64
# דער בעל-הבית און זיין בעגלייטער

א סוחר איז געפאהרען קיין לייפציג וועגען זיינע געשעפטען און זיינען א מענש איז מיט איהם מיטגעפאהרען איהם צו בעדיענען. דער שטייגער איז, אז וואו דער סוחר פאהרט דורך זאגען מענשען: „דאס פאהרט א גרויסער סוחר צום לייפציגער יריד.“ און וועגען זיין משרת זאגט מען ניט וואו און צו וואס ער פאהרט. אויף איהם זאגט מען בלויז: „ער פאהרט מיט יענעם סוחר.“

נמשל

די פרוי איז בלויז א בעגלייטערין פון איהר מאן, און דארום פאלען אלע פפליכטען בלויז אויף איהם, אבער די פרוי האט גאנץ ווייניג פפליכטען און זי איז פטור פון א סך מצוות.

## 65
# די צוויי זיהן

אַ פּאַטער האָט געהאַט צוויי זיהן און ער האָט זיי ביידען זעהר ליעב געהאַט. גאַנץ אָפט פלעגט ער זיי געבען מתנות פון גאָלד און זילבער. איין זוהן פלעגט די מתנות בעהאַלטען אין אַ זיכערען אָרט און קלייבען. דער אַנדערער פלעגט זיי גלייך אוועקטראָגען אין שענק און זיי אוועקגעבען פאַר משקה, אָדער פערשפּיעלען אין קאָרטען.

דער וואָס פלעגט די מתנות היטען, האָט מיט יעדער מתנה אַלץ ליעבער בעקומען זיין פאַטער און איז איהם געוועזן זעהר דאַנקבאַר. אָבער דער אַנדערער, וועלכער פלעגט די מתנות פערטרינקען און פערשפּיעלען אין קאָרטען, האָט ניט געהאַט אין זיך קיין געפיהל פון דאַנקבאַרקייט צו זיין פאַטער און האָט איהם גאָרניט געליעבט, ווייל אַלעס וואָס זיין פאַטער פלעגט איהם געבען, פלעגט בלייבען אין פרעמדע הענד.

### נמשל

דער אייבערשטער האָט אונז געשענקט ימים טובים. דער איד וואָס היט אָב די ימים טובים און פיהרט זיך אויף אין די ימים טובים ווי עס געהער צו זיין, דער איז דאַנקבאַר פאַר זיי צו דעם אייבערשטען, אָבער דער וואָס פערברייננגט די ימים טובים בלויז אין עסען און טרינקען, ער האָלט בלויז פון קניידלעך, אָבער ניט פון דער הגדה, דער ווייס גאָרניט פון דאַנקבאַרקייט.

## 66
## געוואָלט זיין זיכער

אין אַ שטאָדט איז געווען אַ רייכער מאַן, אַ גרויסער בעל צדקה. זיין צדקה איז בעשטאַנען אין דעם, וואָס ער פלעגט אויפקויפען אַלע זאָרטען געצייג פאַר פערשיעדענע אַרבייט און ער פלעגט די געצייג אויסלייהען צו בעלי מלאכה. איינמאָל קומט צו איהם אַריין אַן אָרימאַן און בעט ער זאָל איהם לייהען אַ זעג. „געה אַרויף, ברודערקע, אויבען, אויפ'ן בוידים, וועסטו דאָס געפינען." דער אָרימאַן איז אַרויף אויפ'ן בוידים, האָט זיך דאָרט געזאַמט עטליכע מינוטען און נאָכדעם איז ער צוריק אַרונטער, און געזאָגט אַז ער האָט דאָרט געזוכט איבעראַל, אָבער האָט די זעג ניט געקענט געפינען. „אויב אַזוי," האָט דער גביר געזאָגט, „מוז עס זיין אין קעלער. געה אַרונטער אין קעלער, וועסטו דאָרט געפינען די זעג."

דער אָרימאַן איז אַרונטער אין קעלער. אין אַ צעהן מינוטען אַרום איז ער אַרויף און האָט געזאָגט: „איך האָב איבערגעזוכט דעם גאַנצען קעלער, אין אַלע ווינקעלעך, און האָב קיין זעג דאָרט ניט געזעהן."

„דאַן מוז דאָס זיכער זיין אין שטאַל, וואו עס געפינט זיך די האַלץ," האָט דער גביר געזאָגט.

אַט אַזוי האָט דער גביר איהם אַרומגעשיקט פון איין אָרט צום אַנדערען, זוכען די זעג, און אַז דער גביר האָט געזעהן אַז דער אָרימאַן האָט זיך שוין גוט אָנגעמאַטערט, אַרומלויפענדיג פון בוידים צום קעלער און פון קעלער צו דער שטאַל, האָט ער צו איהם געזאָגט: „אַט איז די זעג. עס ליגט דאָ אויפ'ן טיש." האָט זיך דער אָרימאַן געוואונדערט

און האט דעם גביר געפרעגט: „איך פערשטעה ניט, אז די זעג איז די גאנצע צייט געלעגען דא ביי אייך אויפ'ן טיש, היינט צו וואס האט איהר מיך ארומגעשיקט און אומזיסט פערמאטערט?"

„איך וועל דיר דאס ערקלערען," האט דער גביר גע־ענטפערט. „איך האב ליעב צו געבען געצייג צו מענשען וואס נויטיגען זיך טאקע אין דעם, אבער עס קומען צו מיר א סך מענשען, וואס דארפען גאר ניט נויטיג די געצייג, נאר זיי האבען ליעב צו לייהען זאכען, סתם אזוי. דערפאר האב איך דיך ארומגעשיקט און פערמאטערט, צו זעהן אויב דו נויטיגסט זיך טאקע באמת אין דער זעג. און זעהענדיג אז דו מיינסט טאקע ערנסט און דו ווילסט נאר אלץ האבען די זעג, האב איך דיר זי געגעבען."

## נמשל

דורך ערנסטע מיה און ארבייט קען מען אלעס ערדייכען.

## 67
# עס העלפט ניט דער כעס

א שעהנער בעל־הבית איז ארוים איבער'ן שטאדט קלייבען געלד פאר א חשוב'ן מענשען, א יורד, וואס איז געווען אין גרוים נויט. געהענדיג אין גאס, האט ער זיך געטראפען מיט זיינעם א שונא, וואס האט אויף איהם געטראגען א כעס. און ווען דער שעהנער בעל־הבית האט איהם אבגעשטעלט און יענער האט איהם ניט געוואלט געבען, האט ער צו איהם געזאגט:

„מיר ווערסטו גארנישט אבטאהן ווען דו וועסט ניט געבען. דו וועסט מיר אויך קיין טובה ניט טאהן ווען דו

וועסט יא געבען. ווילסטו יענעם העלפען, טא גיב א נדבה פון יענעמס וועגען, ניט פון מיינטוועגען."

ווען יענער האט געהערט אזעלכע קלוגע רייד, האט ער שוין ארויסגענומען זיין טייסטער און האט געגעבען א שעהנע נדבה. און דערווייל האבען זיך די שונאים צורעדט און זיינען געווארען גוטע פריינד.

## נמשל

ווען איינער בעט עפעס פאר זיך, טרעפט עס אז א שטן מקטרג שטעלט זיך אויף און צייגט, אז ער האט ניט ווערטה דאס זיין געבעט זאל ערפילט ווערען. אבער ווען ער בעט פאר אן אנדערען, ווערט זיין געבעט אויך ערפילט צוזאמען מיט דעם אנדערענס. דאס איז „המתפלל בעד חברו".

## 68

# ניט זיין פעקעל

איינער, א בעל־הבית, איז געקומען פון וועג אהיים ערב שבת פארנאכט, ווען עס האט שוין אנגעהויבען ווערען פינ־סטערליך. האט ער איבערגעלאזען זיין פעקעל ביים בעל־עגלה און אליין איז ער געלאפען אהיים. און איידער ער איז אוועק אהיים האט ער געבעטען דעם בעל־עגלה, אז ער זאל איהם דעם פעקעל צושיקען מיט א גוי. דער בעל־עגלה האט אזוי געטאהן און האט דעם פעקעל צוגעשיקט. דער שליח איז געקומען, האט דעם פעקעל איבערגעלאזען אין קארידאר. נאכדעם איז ער אריין אין הויז פון דעם בעל־הבית, זיך געווישט דעם שווייס פון פנים מיט די ארבעל פון זיין העמד, און קוים וואס ער האט געאטהעמט פון גרויס מיעדקייט.

„וואו איז מיין פעקעל?" האט דער בעל־הבית געפרעגט.

„אין קארידאר," האט דער שליח געענטפערט. „א שווע־רער פאק! קוים דערטראגגען!"

„דאס איז ניט מיין פעקעל," האט דער בעל־הבית גע־זאגט.

„עס איז יא אייער פעקעל, און א שווערער פעקעל," האט דער שליח געזאגט. „געהט ארייז אין קארידאר וועט איהר זעהן, אז דאס איז אייער פאק."

„עס איז דאך ניט מיין פעקעל," האט דער בעל־הבית זיך געהאלטען ביי דאס זייניגע. „פון דעם ווי דו סאפעסט אזוי שווער און פון דעם ווי דו ווישט דעם שוויים פון דיין פנים, האב איך גלייך פערשטאנען, אז דו האסט מיר גע־בראכט א פרעמדען פעקעל. מיינער איז זעהר א לייכטער. א קינד קען איהם טראגען מיט איין האנד."

## נ מ ש ל

א סך אידען נעהמען אויף זיך ארויף שווערע פעקלעך, פרעמדע פעקלעך. זיי ווילען פערזארגען א וועלט וואס איז ניט זייערע. זיי מיינען אז זיי טוהען א גוטע זאך, אבער דער אייבערשטער זאגט צו זיי: דאס זיינען ניט מיינע פעקלעך. די תורה, וואס איך האב אייך געגעבען צו היטען, איז זעהר א לייכטע, אבער פון דעם ווי איהר סאפעט און זייט פער־שמירט פון שוויים, זעהט מען אז איהר טראגט פרעמדע פעקלעך — עבודה זרה.

## 69
## קיינער צאָהלט ניט פאָראויס

א סוחר איז געפאהרען מיט א בעל־עגלה אין א וויטען וועג. ווען זיי זיינען אנגעקומען ביי דער ערשטער איינ־פאהר־הויז, האט דער בעל־עגלה געבעטען אז דער סוחר זאל איהם בעצאהלען פאר דער רייזע.

„קיינער צאהלט ניט פאראויס," האט דער סוחר גע־ענטפערט. „אז מיר וועלען די רייזע ענדיגען, וועל איך בעצאהלען."

„אבער איך מוז דאך האבען געלד צו קויפען היי און האבער פאר מיינע פערד," האט דער בעל־עגלה גע'טענה'ט.

„אויף היי און האבער קריגסטו," האט דער סוחר גע־ענטפערט. „דעם באלאנס קריגסטו ווען די רייזע וועט זיין געענדיגט."

### נ מ ש ל

אויף דער וועלט גיט דער אייבערשטער צו זיינע גוטע און פרומע נאר געגוג צו דערהאלטען זייער לעבען. אבער דעם גרויסען שכר, וואס זיי קומט ארויס, דעם באלאנס, וועלען זיי קריגען אין גן־עדן.

## 70
# אַ קלוגע עצה

אַ רייכער אַדעלמאַן האָט געהאַט אַ זוהן, וועלכער איז אַוועק אויף אַ שלעכטען וועג. איינמאָל האָט דער פאַטער פערלאָרען זיין געדולד און האָט דעם זוהן אַרויסגעטריבען פון הויז. דער זוהן האָט געמוזט אַוועקגעהן גאַנץ ווייט, אין אַ פרעמדען לאַנד. אָבער אַזוי ווי דער רחמנות פון אַ פאַטער אויף זיין קינד איז זעהר זעהר גרויס, עס מאַכט ניט אויס ווי זינדיג דער קינד איז, פלעגט דער אַדעלמאַן איהם שיקען געלד, אום ער זאָל האָבען פון וואָס צו לעבען. די געלד פלעגט ער שיקען דורך פרעמדע מענשען און דורך אַלערליי זייטיגע וועגען, דאָס ניט זיין זוהן און ניט זיינע נאָהנטסטע פריינד האָבען געוואוסט ווער עס שיקט דאָס געלד.

אַ צייט איז אַוועק און דער פאַטער האָט זיך שטאַרק פערבענקט נאָך זיין זוהן, און די בענקשאַפט איז געווען אַזוי גרויס, דאָס דער פאַטער איז אַזש קראַנק געוואָרען. שרייבען צו זיין זוהן, אַז ער זאָל קומען צוריק אַהיים, האָט דעם פאַטער ניט געפּאַסט. דען ווען דער בחור וואָלט זיך דערוואוסט ווי שטאַרק זיין פאַטער האָט געבענקט נאָך איהם, וואָלט ער געוואָרען ביי זיך מעהר יחסן און וואָלט ווייטער זיך שלעכט אויפפיהרען. און אַזוי האָט זיך דער פאַטער געגעסען די האַרץ און איז אַרומגעגאַנגען ווי אַן אָבל.

איינמאָל האָט צו איהם איינער פון זיינע פריינד און ראַטהגעבער געזאָגט: „איך דערקען אַן דיר, אַז דו האָסט אַ גרויסען צער, און אַז דער צער איז קיין אַנדערער ווי די בענקשאַפט נאָך דיין זוהן. איך ווייס אַז דו ווילסט איהם האָבען צוריק, אָבער עס פּאַסט דאָך ניט, אַז אַ פאַטער זאָל

קומען איבערבעטען זיין זוהן. ער וויל ניט קומען דיך איבער־
בעטען, ווייל, ווי איך פערשטעה, דו שיקסט איהם געלד אויף
צו לעבען. דאס פערשטעה איך אליין, כאטש פון מיר האסטו
דאס בעהאלטען. הייגט צו וואס זאל ער ברעכען זיין נאַ־
רישען שטאָלץ פאַר דיר, אז עס פעהלט איהם קיין זאך ניט?
איז מיין עצה, אז ניט דו זאלסט איהם שרייבען און ניט דו
זאלסט איהם שיקען געלד. און ווען דיין זוהן וועט זעהן,
אז ער קריגט ניט מעהר קיין געלד און עס קומט איהם אוים
צו ליידען הונגער, וועט ער שוין אליין קומען צו דיר און
בעטען ביי דיר מחילה, און דו וועסט איהם ווידער קענען
האבען ביי זיך אין דער היים.

## נ מ ש ל

פאַר אונזערע גרויסע זינד האט דער פאַטער אין הימעל
אונז פערטריבען צו זיין אין דער פרעמד. אבער אזוי ווי
זיין רחמנות אויף אונז איז זעהר גרויס, האט ער אונז ניט
געלאזט הונגערען און האט אונז צוגעשיקט פרנסה דורך
זייטיגע וועגען, דורך אונדירעקטע מיטלען. און ווען עס
טרעפט אז עס קומט אויף אונז אן א שלעכטע צייט און די
קוואלען פון פרנסה נעהמען זיך אוים, איז דאס א סימן,
אז אונזער פאַטער אין הימעל האט זיך נאך אונז פערביינקט
און ער וויל אז מיר זאלען ביי איהם בעטען מחילה און ער
זאל אונז קענען ווידער צוריק ברענגען אין אונזער היים.

# 71
# די ווערקצייג

איינער א גוטער בעל־מלאכה, איז צוגענומען געווארען איז דעם מלך'ס הויף צו ארבייטען דארט שטענדיג. מען האט איהם דארט געגעבען א בעזונדער וואוינונג און אויך זיינע מאהלצייטען, פאר איהם, זיין ווייב און זיינע קינדער. דער בעל־מלאכה האט דארט געלעבט גאנץ גוט, ביז ער איז איינמאל פלוצלונג קראנק געווארען. זיין קראנקהייט האט זיך פערצויגען און זיינע פערדיענסטען זיינען פיעל קלענער געווארען. די נויטיגסטע זאכען צום לעבען האט מען איהם נאך געגעבען, אבער אויף לוקסוסען האט שוין געפעהלט. האבען זיינע קינדער אנגעהויבען אויסצופערקויפען פון הויז פערשיעדענע זאכען, ווי מעבעל, קליידער און ציערונג. אזוי האבען זיי געטאהן ביז זיי האבען אלעס אויספערקויפט. האבען זיי נאכדעם געוואלט פערקויפען אויך זיינע ווערקצייג. דאס האט שוין אבער דער בעל־מלאכה ניט צוגעלאזען. „הערט מיך אויס, קינדער,“ האט ער געזאגט, „איהר זאלט זיך ניט דערוועגען דאס צו טאהן. ווארום, חס וחלילה, אז איך בלייב אהן ווערקצייג, ביז איך דאך אויס בעל־מלאכה. אזוי האט נאך דער מלך אויף מיר רחמנות, ווייל ער רעכענט מיך נאך פאר זיין בעל־מלאכה. גיט ער אונז ניט וויפיעל ער האט אונז פריהער געגעבען, אבער אויף צו דערהאלטען דעם לעבען גיט ער דאך אונז. אבער, אז ער וועט זיך דער־וויסען, אז איך האב פערקויפט מיינע ווערקצייג, וועט ער דאך מיינען, אז איך דענק שוין מעהר קיינמאל ניט ווידער צו ארבייטען, וועט ער אונז די ביסעל, וואס ער גיט אונז יעצט, אויך ניט געבען.“

### נמשל

די תורה איז אונזער ווערקצייג. אמת, מיר זיינען אבגעשוואכט געווארען איז גלות, מיר האבען ניט מעהר קיין בית המקדש און קיין קרבנות, און דער אייבערשטער גיט אונז ניט אונזער פרנסה אזוי בשפע ווי אמאל, אבער ער האלט אונז דאך אויף ביים לעבען, און אזוי לאנג ווי מיר האלטען זיך נאך ביי אונזער ווערקצייג, דאס איז די תורה, וועט ער אונז ניט פערגעסען.

## 72
## אָנגעקליבענע גאַל

איינער האט ביי זיך געהאט א משרת, פלעגט ער דעם משרת ניט לאזען עסען ביים טיש מיט אלעמען גלייך, נאר ער פלעגט איהם געבען עסען בעזונדער, אין קיך, און גע־וואוינליך פלעגט ער איהם געבען ביליגע און איינפאכע מאכלים, אדער וואס עס פלעגט בלייבען פון טיש. דעם משרת האט עס פערדראסען, אבער ער האט ניט געהאט דעם מוטה זיך צו בעקלאגען. האט ער א לאנגע צייט געטראגען א ברוגז ביי זיך איז הארצען און האט פון דעם א ווארט ניט אויסגערעדט צו קיינעם.

ענדע יאהר, ווען דער בעל־הבית האט דעם משרת בע־צאהלט זיין געהאלט, האט ער איהם געגעבען וויינינגער ווי דעם פאריגען יאהר. האט דער משרת גע׳טענה׳ט: „פאר־וואס קומט עס מיר, אז איהר זאלט ביי מיר ארונטערנעהמען פון מיינע שכירות? אפשר פאר דעם טייערען עסען, וואס איהר גיט מיר? פאר די טרוקענע ראזעווע ברויט מיט די

זויערמילך? אדער פאר די ביינער, וואס בלייבען פון טיש? . . ."

דער משרת האט איז אנפאנג געמיינט צו מאהנען די עטליכע רובעל, וואס דער בעל־הבית האט ביי איהם ארונ־טערגענומען, אבער פאר איין וועג האט ער שוין איהם אויך ארויסגערעדט זיין גאנצע אנגעקליבענע גאל פאר די שלעכטע עסענס, וואס ער האט איהם די גאנצע צייט געגעבען.

## נמשל

א געדריקטער מענש קען א לאנגע צייט פערטראגען זיין יאך, אבער אז זיין גדולד פלאצט שוין אמאל, פלאצט עס מיט א גרויסער קראפט.

## 73
## די שעהנע כלי

א גרויסער שררה האט געשיקט זיין קנעכט אויף א יריד, ער זאל דארט פאר איהם קויפען א שעהנע כלי. און ער האט איהם אנגעזאגט, אז ליידיג זאל ער צוריק ניט קומען. ווי דער קנעכט איז געקומען אויפ'ן יריד, האט ער גענומען זוכען און זוכען, און האט מעהר ווי איין שעהנע כלי, אזא וואס פאסט זיך פאר זיין האר, ניט געפונען. אבער דער סוחר האט דערפאר געוואלט האבען א סך געלד. דער קנעכט האט זיך גענומען מיט איהם דינגען. נאך א רענדעל, נאך א רענדעל ארויפגעגעבען. געקומען און אוועקגעגאנגען, ביז ער האט שוין געהאלטען אין אויסגלייכען זיך מיט'ן סוחר. דאן איז געקומען צום סוחר א מעקלער, וועלכער האט גע־וואלט כאפען א פערדיענסטעל, און האט געזאגט צום סוחר: „איך ווייס אז די כלי האט א חסרון. וועסטו מיך בעפריע־

דינגען, וועל איך שווייגען, און טאמער ווילסטו מיר גארניט געבען, וועל איך יענעם אויסזאגען פון דעם חסרון." איז דער סוחר שטארק בייז געווארען און האט געזאגט צום מעקלער: „אוועק פון מיר! איך וועל דיר גארנישט געבען!" נעהט דער מעקלער אוועק צו יענעם קנעכט און דערצעהלט איהם פון דעם חסרון. ווען דער קנעכט האט זיך דערוואוסט פון דעם חסרון, האט ער שוין קיין חשק ניט געהאט צו קויפען, אבער שפעטער האט ער זיך בערעכענט, אז מיט ליידיגע הענד קען ער דאך צו זיין האר ניט קומען, איז ער געגאנגען און האט די כלי אבגעקויפט.

אבער ווען דער קנעכט איז מיט דער כלי געקומען צו זיין האר, האט איהם דער האר געזאגט, אז ער דארף דאס שוין ניט מעהר, ווייל ער האט שוין בעקומען א שעהנע כלי דורך אן אנדערען. איז דער קנעכט אוועק צום סוחר, ביי וועמען ער האט די כלי געקויפט, און האט געזאגט: „דיין כלי האט דאך א חסרון, טא נעהם עס צוריק און גיב מיר אב מיין געלד." האט דער סוחר געענטפערט: „דאס געלד דארף איך דיר צוריק ניט געבען, ווייל דו האסט שוין גע־וואוסט פון דעם חסרון נאך איידער דו האסט די כלי גע־קויפט."

## נ מ ש ל

די שעהנע כלי איז דער מענש, וועלכען דער אייבער־שטער האט בעשאפען צו בעציערען זיין וועלט. דער אייבער־שטער האט געוואוסט, אז דער מענש וועט זינדיגען און אז די מלאכים וועלען פאדערען, אז ער זאל איהם דערפאר פערניכטען. האט דער אייבערשטער, איידער ער האט דעם מענשען בעשאפען, געפרעגט די מלאכים, אויב ער זאל דעם מענשען בעשאפען. ער, כביכול, האט געוואוסט, אז די מלאכים וועלען ענטפערען אז דער מענש וועט זינדיגען, אבער ער וועט זיי ניט פאלגען און וועט דעם מענשען יא בעשאפען.

און שפּעטער, אַז דער מענש וועט זינדיגען, און די מלאכים וועלען זאָגען אַז מען דאַרף איהם פּערניכטען, וועט דער אייבערשטער זאָגען: „מיר האָבען דאָך געוואוסט אַז די שעהנע כּלי האָט אַ חסרון, דאַרום קענען מיר ניט חרטה האָבען אויפ'ן מסחר."

## 74

## פאַר'ן קאָנטראַקט און נאָכ'ן קאָנטראַקט

צו איינעם, אַ גביר, אין אַ גרויסער שטאָדט, איז געקומען אַ פרעמדער יונגער מאַן און האָט געבעטען ער זאָל איהם צונעהמען אויף אַ שטעלע. האָט דער גביר געזאָגט: „ווי קען איך דיר געבען אַ שטעלע, אַז איך קען דיך גאָר ניט און איך ווייס ניט אויב דו טויגסט אויף עפּעס?" האָט דער יונגער מאַן געענטפערט: „לאָמיך שטעהן ביי אייך איין געשעפט אַ חודש, אויף פּראָבע. וויפיעל איהר וועט מיר געבען פאַר דעם חודש, וועל איך זיין צופריעדען, און איהר וועט דערווייל זעהן אויב איהר קענט מיך האַלטען אויף ווייטער."

דער גביר האָט געטאָהן דעם פערלאַנג פון דעם יונגען מאַן און האָט איהם צוגענומען. די גאַנצע צייט פון דער פּראָבע זיינען ביידע, אי דער גביר, אי דער אַרבייטער, געווען צופריעדען איינער פון אַנדערען. דער יונגער מאַן האָט געטאָהן אַלעס וואָס ער האָט פערשטאַנען אַז ער דאַרף טאָהן און דער בעל־הבית האָט איהם געצאָהלט וויפיעל ער האָט געוואָלט. נאָכדעם, אַז דער חודש איז אַריבער, האָט דער גביר געזאָגט צום יונגען מאַן: „ביז אַהער איז ביי אונז געווען ברודערשאַפט, אָבער יעצט דאַרפען מיר אָבמאַכען האַנדעלשאַפט. ביז יעצט האָסטו געאַרבייט וויפיעל דו האָסט גע־

וואלט און איך האב דיר געצאהלט וויפיעל איך האב געוואלט. אמאל האסטו געארבייט צופיעל, אמאל צו ווייניג. אמאל האב איך דיר איבערגעצאהלט און אמאל האב איך דיר גע־געבען צו ווייניג. אבער יעצט וועלען מיר אבשרייבען א קאנטראקט, כדי מיר זאלען וויסען אויף ריכטיג וואס דיין ארבייט איז און וויפיעל שטונדען א טאג דו דארפסט אר־בייטען. און מיר וועלען אויך אבמאכען א בעשטימטע גע־האלט, וואס דו זאלסט קריגען פאר דיין ארבייט.״

### נ מ ש ל

אין אנפאנג איז אברהם געקומען דיענען גאט אויף פראבע. ער האט אליין, מיט זיין אייגענעם שכל, אנערקענט אז ער איז א בעשעפער אין הימעל און האט אליין אויף זיך גענומען איהם צו דיענען און צו לעבען ארענטליך, און דער אייבערשטער האט מיט איהם גוטעס געטאהן, געגעבען קינ־דער און רייכטימער און איהם אבגעהיט פון אונגליקען. אבער ווען אברהם איז שוין געווארען א נייז און נייניציגער, האט דער אייבערשטער זיך בעוויזען צו איהם און האט גע־זאגט: „אני אל שדי״ — יעצט בין איך דיין בעל־הבית. מיר וועלען יעצט מאכען א קאנטראקט . . . פון יעצט אז און ווייטער ביזטו ביי מיר א שטענדיגער ארבייטער און דו מוזט טאהן בעשטימטע ארבייט.

# 75
# זיי האָבן זיך געביטן

אמאָל איז געווען אַ איד, אַ גרויסער למדן און אַ מתמיד. ער פלעגט זיצן טאָג און נאַכט אין בית המדרש און לערנען. אָבער ער איז געווען אַן אָרימאַן און האָט פּשוט ניט געהאַט וואָס צו עסן. אין דערזעלבער שטאָדט האָט געוואוינט אַ פערד־הענדלער, וועלכער איז געווען זייער רייך, אָבער ער איז געווען אַ פּראָסטער מענטש, אַן עם הארץ. איז דער פערד־הענדלער איינמאָל געקומען צום למדן און האָט צו איהם געזאָגט: „לאָמיר מאַכען שותפות. איהר וועט מיר געבען אַ חלק פון אייער עולם הבא און איך וועל אייך דערפאַר אויסהאַלטען אייער גאַנצען לעבען מיט עסען און מיט קליידער און מיט אַלעם וואָס איהר דאַרפט.“

דער לערנער איז אויף דעם איינגעגאַנגען. ביידע זיינען געווען צופריעדען מיט דעם אָפּמאַך. דער לערנער האָט גע־האַט גענוג צו עסען און האָט מעהר ניט געוואוסט פון קיין נויט, און דער פערד־הענדלער איז געווען זיכער אַז אויף יענער וועלט וועט איהם ניט זיין ערגער ווי אויף דער וועלט.

איינמאָל האָט דער פערד־הענדלער איינגעלאַדען דעם למדן צו זיך אַהיים אויף וועטשער־ברויט. זיי האָבען געגעסען אַ רייכען מאַהלצייט, געטרונקען אַ סך וויין און צוזאַמען פערבראַכט ביז טאָג. אין דער פריה האָט דער פערד־הענ־דלער געזאָגט צום למדן: „הער צו, ברודערקע, איך בין זעהר מיעד און שלעפעריג פון זיין אויף אַ גאַנצע נאַכט, וויל איך אַז דו זאָלסט פאַר מיר געהן אין מאַרק מיט מיינע פערד און איך וועל געהן אין בית המדרש לערנען אַנשטאָט דיר.“

מען קען זיך פארשטעלען ווי מען האט געלאכט אין מארק ווען דער בטלן איז געקומען מיט די פערד אין מארק און ער האט ניט געוואוסט ווי זיי צו האלטען, פאר די צוימען אדער פאר די עקען. אבער נאך מעהר האט מען געלאכט, ווען דער פערד־הענדלער האט זיך אוועקגעזעצט אין בית מדרש זינגען איבער דער גמרא, ניט קענענדיג אפילו זאגען עברי . . .

נ מ ש ל

דער גוף מיט דער נשמה זיינען אויך שותפים און אזוי לאנג ווי יעדער פון די שותפים טהוט זיין אייגענע ארבייט, איז גוט: עס הייסט, ווען דער גוף בעזארגט אלעס וואס איז נוגע דעם קערפער און די נשמה גיט זיך אב מיט גייסטיגע זאכען, ווי לערנען און דאווגען. אבער עס טרעפט אמאל אז דער גוף פאסט א תענית און שאקעלט זיך און קלאפט זיך אין הארצען "על חטא", און בעת מעשה טראכט די נשמה וועגען מסחר, וועגען דעם וואס מען וועט עסען נאכ'ן תענית. דאן איז אך און וועה צו דעם מענשען!

## 76
## דער ערגסטער רשע

א פאר צדקה גבאים זיינען ארוים איבער'ן שטאדט קלייבען נדבות פאר אן ארימאן. זיי זיינען אריינגעקומען אין א הויז, האבען זיי דארט געטראפען צוויי בעלי־בתים, שכנים, זיצען ביי א גלעזעל טהעע. איינער פון זיי האט זיך גלייך ענטזאגט צו געבען א נדבה, ווייל ער האט געזאגט פשוט, אז ער האט פיינט צו געבען. ער וויל אליין האלטען זיין געלד און ניט אוועקגעבען צו אנדערע.

דער אנדערער האט פריהער גענומען אויספרעגן ווי אלט דער ארימאן איז, אויב ער האט א ווייב מיט קינדער, ווי אלט איז זיין ווייב און ווי אלט איז יעדער קינד. וואס פאר א דירה זיי האבען, און אזוי ווייטער און ווייטער. די שלוחים פון צדקה, זעהענדיג ווי דער בעל־הבית אינטערע־סירט זיך אזוי שטארק ווענגען דעם ארימאן, האבען זיי גע־מיינט, אט קומט ער ארויס מיט א גאנצען רובעל, און אפשר א פינפערל. אבער לא, ניט אזוי. נאכדעם ווי דער בעל־הבית איז פערטיג געווארען מיט אלע זיינע פראגען און ער האט די שלוחים גוט מיעד געמאכט, האט ער א זאג געטאהן:

„דער ארימאן פאר וועמען איהר קלייבט איז א פוילער, א שווינדלער און א שיכור. אז ער וואלט ניט געווען קיין שיכור און קיין פוילער, וואלט ער צו אזא לאגע ניט גע־קומען. הקיצור — איך גיב ניט פאר שיכורים. ניט א גראשען!“

„זעהט!“ האבען די גבאים פון צדקה געזאגט צו דעם בעל־הבית, „אז יענער האט ניט געוואלט געבען, האט ער געזאגט גאנץ פשוט, אז ער וויל ניט געבען. וויל ער ניט, דארף מען ניט. איז ער ניט קיין געבער. עס איז זיין זאך. אבער אז איהר ווילט ניט זיין קיין געבער, טא פארוואס דארפט איהר נאר בעליידיגען און ריידען לשון הרע אויף אן ארימען מענשען?“

## נ מ ש ל

א שלעכטער מענש, וואס וויל ניט געבען קיין צדקה, וועט מאכען בלבולים אויף די ארימע לייט און אויף די גבאים, כדי אנדערע זאלען אויך ניט געבען.

## 77

## פון א גילדען = א פערמעגענס

אמאל איז געווען א רייכער מאן, וועלכער איז געווען זעהר קארג. און אזוי ווי ער האט אימער מורא געהאט פאר גנבים, האט ער זיין געלד, זיין גאלד און זילבער, בעגראבען אין פערשיעדענע ערטער, אונטער דעם פוסבאדען פון זיין הויז. נאכדעם איז ער פלוצלונג געשטארבען, איידער ער האט וועמען געקענט זאגען וועגען זיינע פערבארגענע אוצרות.

די הויז איז אנגעקומען צו א קרוב, וועלכער איז געווען דער איינציגער יורש. דער יורש האט געמיינט, אז מעהר ווי די הויז איז פון דעם פערשטארבענעם ניט פערבליבען. נאר איינמאל איז ביי איהם פון דער האנד ארויסגעפאלען א גילדען, דער גילדען האט זיך געקייקעלט איבער'ן פוסבאדען און איז אריינגעפאלען אין א שפאלט צווישען די דילען. און אזוי ווי עס איז איהם געווען א שאד די מטבע, האט ער אויפגעהויבען א ברעט. אבער אנשטאט דעם פערלא־רענעם גילדען, האט ער געפונען א ליימענעם טעפעל מיט גאלדענע רענדלעך. איז ער געווארען מלא שמחה. אבער פון בעסטוועגען האט ער ניט אויפגעהערט צו זוכען דעם פערלארענעם גילדען. זוכענדיג האט ער געפונען נאך א טעפעל און נאך א טעפעל, מיט גאלד, מיט זילבער, און צו־לעצט, אז ער האט אויסגעפונען דעם גאנצען פערמעגען פון זיין קרוב, האט ער אויך געפונען דעם פערלארענעם גילדען. און זייט דאן האט ער דעם גילדען געהאלטען ביי זיך און ער איז איהם געווען זעהר טייער.

נמשל

א איד קוקט אמאל אריין אין א ספר, ווייל ער זוכט א שעהנע מעשה, אדער א משל, איהם צו אמוזירען. דערוויילערנט ער א ביסעל תורה, און נאך א ביסעל תורה, און ווערט מיט דער צייט א למדן. און דאן ווערט ביי איהם די מעשה, אדער דער משל, נאך טייערער ווי געוועז, ווייל צוליעב דעם משל איז ער דאך געווארען א למדן.

## 78

# א קינד'ס חכמה

א פאטער מיט א קליינעם זוהן זיינען געוועזען אויף א לאנגע רייזע. זיי האבען זיך אבגעשטעלט אין פערשיעדענע שטעדט און געגעסען און געשלאפען אין פערשידענע אכסניות. איינמאל, אז זיי זיינען געזעסען אין אן אכסניא און געגעסען, האט דער פאטער בעמערקט אז יעדען מאל וואס מען ברענגט א שיסעל מיט עסען צום טיש, פרעהט זיך זיין זוהן, און ווען מען נעהמט אוועק די שיסעל, איז ער אומעטיג. האט איהם דער פאטער געפרעגט: „זאג מיר, מיין זוהן, פארוואס איז דער היים, אז די מאמע פלעגט אוועקנעהמען די שיסעל פון טיש פלעגט עס דיך גאר ניט ארען?" האט דער זוהן אזוי געענטפערט:

„וואס פרעגסטו מיך וועגען דער מאמען? איך האב געוואוסט אז די מאמע נעהמט אוועק די שיסעל, ווייל זי מסתמא דעם עסען אביסעל אנווארעמען, אדער אבקיהלען, אדער צוגעבען עפעס אז אנדער זאך אין דעם, און נאכדעם וועט זי די שיסעל צוריקברייגגען. אבער דא אין דער פרעמד

אז מען נעהמט צו די שיסעל, ווייס איך אז איך וועל דאס מעהר אין די אויגען ניט זעהן.“

נ מ ש ל

די צדיקים גיט דער אייבערשטער א ביסעל אויף דער וועלט, און ווען ער נעהמט פון זיי אוועק, ווייסען די צדיקים אז ער וועט זיי פערבסערען און צוריק געבען אויף יענער וועלט. ארט זיי ניט אז זיי האבען ווענינער אויף דער וועלט. אבער די רשעים, אויב עס ווערט פון זיי אוועקגע־נומען די שיסעל מיט עולם הזה, נעמען זיי זיך שטארק צום הארצען, ווייל זיי ווייסען, אז זיי וועלען אויף יענער וועלט גארנישט האבען.

## 79
## ווען א קארגער פרעהט זיך

אמאל איז געווען א רייכער מאן וועלכער איז געווען זעהר קארג. יעדען מאל אז ער האט אויסגעגעבען א ביסעל קליינגעלד, האט ער געהאט גרויס פערדרוס. אז ער פלעגט דארפען אויסגעבען א גילדען, פלעגט ער פיהלען ווי א שטיק לעבען פעהלט איהם, און אז עס פלעגט איהם אויסקומען זיך צו שיידען מיט א רענדעל איז געווען אזוי ווי ער וואלט זיך געדארפט שיידען מיט זיין נשמה.

איינמאל, שפעט ביינאכט, זיינען געקומען גנבים, האבען אויפגעבראכען דעם אייזערנעם קאסטען וואו ער האט געהאלטען זיין געלד און האבען צוגענומען זיין גאנצען פער־מעגען. ווען דער קארגער האט אויף מארגען אויסגעפונען, אז מען האט איהם בדלות געשטעלט, האט ער געדונגען מענ־שען, זיי זאלען לויפען זוכען די גנבים. נאכדעם ווי מען

האט די גנבים געזוכט א פאר טעג, האט מען זיי געפונען און אבגענומען ביי זיי דעם גאנצען פערמעגען. דער קאר־נער האט געמוזט אויסצאהלען עטליכע הונדערט רענדלעך צו די מענשען וואס האבען איהם געהאלפען כאפען די באנ־דיטען, אבער דיזען מאל האט ער ניט געוויינט וואס ער האט געמוזט אויסגעבען אזוי פיעל געלד. אדרבה, ער האט זיך שטארק געפרעהט און האט דאס געלד בעצאהלט מיט דאנק.

נ מ ש ל

א סך קליינע אונגליקען זיינען גארנישט אין פערגלייך מיט גרעסערע אונגליקען. און א מענש דארף קיינמאל זיך ניט בעקלאגען ווען איהם טרעפט עפעס א צרה. ער דארף טראכטען: עס האט נאך געקענט זיין ערגער.

## 80

## אן אנשטעל פאר דער שטיפמאמע

ביי איינעם איז געשטארבען זיין פרוי, האט ער גענו־מען א צווייטע. פון דער ערשטער האט ער געהאט א זוהן וועלכער איז געווען א גרויסער ארימאן און דער פאטער האט זעהר געוואלט איהם העלפען, אבער זיין פרוי האט ניט גע־לאזט. האט זיך דער פאטער בעראטהען מיט מענשען און זיי האבען איהם אן עצה געגעבען, אז ער זאל זיין זוהן ארויס־געבען א וועקסעל, כלומר׳שט ער איז איהם שולדיג געלד, נאך פון זיין נדן. און דאן וועט די פרוי דאך ניט קענען האבען א העזה צו זאגען אז איהר מאן זאל ניט בעצאהלען א חוב וואס ער איז שולדיג.
אבער די עצה האט ניט געהאלפען. ווען דער ארימער

זוהן איז געקומען מיט'ן וועקסעל מאהנען ביי זיין פאטער דאס געלד, האט איהם די שטיפמוטער ארויסגעטריבען, שרייענדיג, אז ער האט געמאכט א פאלשען וועקסעל אויף זיין אייגענעם טאטען.

דער זוהן איז אנטלאפען און האט שוין מורא געהאט זיך צו צייגען נאך אמאל. עטליכע טעג שפעטער בעגעגענט זיך דער זוהן איז גאס מיט'ן פאטער. פרעגט דער פאטער: „ווארום קומסטו ניט מאהנען געלד אויף'ן וועקסעל?" דער־צעהלט איהם דער זוהן ווי די שטיפמוטער איז איהם בע־פאלען און האט איהם ארויסגעטריבען. זאגט דער פאטער: געה און קלאג מיך ביים רב וועל איך זיין געצוואונגען דיר צו בעצאהלען".

„אבער, טאטע, ווי פאסט עס זיך אז א זוהן זאל קלא־גען זיין אייגענעם פאטער?" האט דער זוהן גע'טענה'ט. „וואס וועלען לייט זאגען אויף דעם?"

„נאר איינער", האט דער פאטער געענטפערט. „צי איז דען גאר נויטיג אז די זאך זאל טאקע פארקומען פאר'ן רב? עס איז דאך געגוג, אז דו וועסט מיר שיקען דעם שמש. דאן וועל איך שוין האבען א גוטען אויסרייד פאר מיין פרוי, אז איך זאל דיר בעסער בעצאהלען און פערמיידען די שאנדע אז מען זאל מיך דארפען שלעפען צום רב. פאר מיין פרוי וועט עס אויסזעהן, אז דו צווינגסט מיך צו בעצאהלען, אבער ווי נאר דער שמש וועט ארויסגעהן פון מיין הויז, וועל איך שוין אליין לויפען צו דיר און בעצאהלען".

## נ מ ש ל

דאס איז א משל אויף דעם פסוק „משכנו — אחריך נרוצה".

מיר ווילען בעצאהלען אונזערע חיובים צום רבונו של עולם, אבער דער שטן, דער יצר הרע, לאזט ניט. דארום בעטען מיר דעם אייבערשטען: „משכני, דו גיב אונז נאר

א שלעפּ צו דיר. אחריך גרוצה, וועלען מיר שוין האבען אן אויסרייד פאר'ן שטן און דיר נאכלויפען."

## 81
# אַ סחורה פאר אַ קאַרגען

אין א שטאדט איז געווען א בעקער וועלכער איז גע־ווען א גרויסער קינסטלער אין זיין ארבייט. יעדען טאג פלעגט ער אויסטראכטען א נייעם מין געבעקס וואס פלעגט פשוט צוגעהן אין מויל. מענשען פלעגען עס קויפען און הנאה האבען.

אין דער זעלבער שטאדט איז געווען איינער, א גרויסער גביר, וועלכער איז געווען זעהר קארג. און פון אלע פער־שיעדענע געבעקס, וואס דער בעקער האט אויסגעבאקען, האט דער גביר קיינמאל נים געקויפט. ער האט זיך פשוט נים פערגונען.

איינמאל האט דער בעקער ערפונדען אזא מין קוכען, וואס איז געווען צוזאמענגעקאנטען פון א טייג מיט פער־שיעדענע געהרענדע שפייזען, אז דער וואס פלעגט אויפעסען איין קליינעם קוכען, פלעגט זיין זאט פאר עטליכע טעג כסדר. ווען דער בעקער איז ארויס אין מארק מיט זיין קארב צו פערקויפען זיין נייעם מין קוכען, איז גראדע דורכגעגאנגען יענער קארגער גביר. „קומט אהער, ר' נגיד!" האט דער בעקער איהם גערופען. „קומט, קויפט א נייעם סארט קוכען!"

דער נגיד איז צוגעקומען און בייז געזאגט:

„דו ווייסט דאך, אז איך קויף קיינמאל נים דיין געבעקס, היינט צו וואס רופסטו מיך קויפען?"

„איך ווייס אז איהר קויפט קיינמאל נים, ווייל איהר זשאלעוועט זיך דעם עסען." האט דער בעקער געענטפערט.

„אבער דאס איז א מין קיבעל, וואס איז צוגעפּאסט צו אייך. אז איהר וועט עסען איין קיבעל, וועט איהר דריי טעג זיין זאט און ניט וועלען עסען.“

נ מ ש ל

דאס איז א משל געגען אידען וואס ווילען ניט דאווענען יעדען טאג, ווייל די צייט איז ביי זיי צו טייער . . . זיי זיינען שרעקליך קארג אויף דער צייט. אבער אז עס קומען די ימים נוראים, לויפען זיי אין שוהל, און אין די עטליכע טעג בעטען זיי זיך אוים אל דאס גוטס אויף א גאנץ יאהר. א טייערער קיבעל!

## 82
## ענטדעקט דעם רשע

געווען אמאל א שלעכטער מענש, א רשע, א ניט־פער־גינער, וואס האט שטילערהייד געגראבען אויף מענשען, גע־מאכט אויף זיי מסירות און זיי אנגעטאהן גרוים שאדען. א סך רייכע מענשען האט ער פערארימט און זיי געבראכט צו אזא מדרגה, אז זיי האבען געמוזט ארומגעהן איבער די הייזער. אבער קיינער האט ניט געוואוסט פון וואנען דער אונגליק איז געקומען, דען דעם רשע איז געלונגען זיך צו בע־האלטען, אז קיינער זאל ניט וויסען אז די אונגליקען קומען דורך איהם.

איינמאל האט זיך דער רשע צוקריעגט מיט איינעם פון זיינע שטאדט־לייט און ער האט איהם געסטראשעט, אז ער וועט איהם פער׳מסר׳ן ביי דער רעגיערונג. דער רשע האט אויף איהם געמאכט א בלבול, און אז זיין ארבייט איז גע־לונגען, האט ער זיך נאך גענומען רייצען מיט זיין קרבן:

„אהא, איך האב זיך גוט אבגערעכענט מיט דיר!“ אבער יענער האט איהם אזוי געענטפערט:

„איך דארף זיך פרעהען אויף דיין מפלה, וואס איז פיעל גרעסער פון מיינער. ווייל פון יעצט אז און ווייטער וועלען שוין אלע וויסען, אז דו ביזט עם דער מסור, וואס האט אזוי פיעל מענשען אונגליקליך געמאכט, און מען וועט זיך פון דיר היטען אזוי ווי פון א בייזע שלאנג.“

## נמשל

א שלעכטער מענש טהוט זיך מעהר שלעכטס ווי צו אנדערע.

# 83

# וואס האט איהם וועה געטאהן

איז א שטעדטעל האט אויסגעבראכען א קראנקהייט. א סך מענשען זיינען געוועזן אנגעגריפען פון דער קראנקהייט, אבער קיין דאקטאר איז ניט געווען זיי צו היילען. דער גביר פון דער שטעדטעל האט געוואוינט איין אן אנדער שטאדט און ער האט ביי זיך געהאט א גרויסען דאקטאר, אבער דיזען דאקטאר פלעגט ער לאזען פאהרען נאר דאן, ווען דער גביר פון שטאדט פלעגט איהם דארפען. צוליעב אן ארימאן האט ער איהם קיינמאל ניט געוואלט לאזען געהן אין שטעדטעל.

האט זיך גראדע איינמאל געמאכט, אז דער גביר האט בעקומען א לייכטען קאפוועהטאג. ער האט אפילו דערצו געהאט א מיטעל, פון וועלכען דער קאפוועהטאג פלעגט גלייך פערשווינדען, גאר אהן א דאקטאר. אבער דער גביר האט זיך בערעכענט, אז ווען ער וועט שיקען נאכ'ן דאקטאר, וועט דער דאקטאר אויך העלפען די אנדערע חולאים פון שטעדטעל.

האט דער גביר געשיקט א שליח צום פריץ און איהם גע־בעטען, אז ער זאל איהם גלייך שיקען זיין דאקטאר. און איידער דער דאקטאר איז געקומען, האט דער גביר גענומען זיך גרייטען צו זיין אנשטעל. ער האט גענומען אכצען און קרעכצען, „וועה איז מיר, וועה איז מיר!" און ער האט זיך אריינגעלייגט אין בעט. האט איהם זיין פרוי געפרעגט: „וואס איז מיט דיר? דיר טהוט דאך גאר ניט אזוי וועה!" האט איהר דער מאן געענטפערט: „מיינסט איך שריי דאס פון מיינע וועהטאגען? ניין — מיין הארץ איז מיר צוואוועהטאגט פון דעם וואס די ארימע מענשען ליידען נעבעך."

## נ מ ש ל

א גוטער מענש פיהלט דעם צער פון אנדערע, אזוי ווי דאס וואלט געווען זיין אייגענער צער.

## 84

## אלץ איז די ווייב שולדיג

אמאל איז געווען א סוחר, וואס האט געהאט די גרעס־טע קראם אין שטאדט, און פון אלע שטעדטלעך ארום פלעגען קומען גרויסע און קליינע סוחרים ביי איהם קויפען. זיין שטייגער איז געווען צו זיצען אין שוהל ביז מיטאג־צייט, ווייל נאכ'ן דאווענען פלעגט ער לערנען א פרק משניות, זאגען א ביסעל תהלים, און דערצו א ביסעל שמועסען מיט אנדערע בעלי־בתים וועגען פאליטיקע.

איינמאל קומט צו איהם אהיים א פרעמדער מענש פון אן אנדער שטאדט און פרעגט אויף איהם. זאגט איהם דעם סוחר'ס פרוי, אז איהר מאן איז יעצט ניט אין דער היים.

נעהמט יענער און געהט אוועק און זאגט ניט קיין ווארט. ווען דער סוחר איז געקומען אהיים, דערציילט איהם זיין פרוי, אז דא איז געווען א מאן און געפרעגט אויף איהם. איז דער סוחר געווארען אין כעס און האט גענומען שרייען אויף זיין פרוי: „אז דו האסט געהערט, אז מען דארף מיך האבען, האסטו גלייך געדארפט שיקען א קינד נאך מיר און איך וואלט געקומען און ריידען מיט'ן מאן. מסתמא האט ער געוואלט מיט מיר מאכען א געשעפט, און יעצט איז ער זיכער אוועק צו אן אנדער סוחר!"

די פרוי האט זיך דאס אריינגענומען אין קאפ, אז דעם אנדער מאל וועט זי שוין זיין קליגער. אין א וואך ארום, בעת דער סוחר איז נאך געזעסען אין שוהל, איז ווידער גע־קומען צו איהם אהיים א פרעמדער מאן און געפרעגט אויף איהם. די פרוי האט איהם געבעטען זיצען, איהם דערלאנגט א גלעזעל טהעע, און געזאגט: „מיין מאן וועט גלייך קומען." און זי האט אוועקגעשיקט א קינד איהם רופען.

דער סוחר האט זיך טאקע ניט געזאמט. ער איז תיכף געקומען אהיים. ווי ער איז אריינגעקומען, האט ער גע־געבען דעם גאסט א ברייטען שלום עליכם און האט איהם געפרעגט, וואס נטס ער האט צו זאגען. ענטפערט דער גאסט:

„ליידער האב איך קיין סך גוטעס ניט צו דערציילען. איך בין א איד אן ארימאן, איך האב זיבען טעכטער. די עלטערע דריי האבען שוין לאנג געדארפט חתונה האבען, און איך האב ניט וואס זיי צו געבען נדן. בכן, אזוי ווי איך בין אייערער א קרוב, א ווייטער, אבער דאך א קרוב, בין איך צו אייך געקומען, אז איהר זאלט מיר אויסהעלפען."

דעם סוחר איז געבעך געווארען ניט פרעהליך אויף'ן הארצען. הערענדיג די טרויעריגע געשיכטע, האט ער דעם קרוב געמוזט געבען א שעהנע נדבה, און אז יענער איז אוועק, האט ער גענומען שרייען אויף זיין פרוי:

„צו וואס האסטו געדארפט שיקען נאך מיר? איך האב געהאלטען איז לערנען משניות און דו האסט מיר מפסיק געווען צוליעב אזא שלאק, אז אנשיקעניש!"

„וואס שרייסטו?" האט די פרוי גע'טענה'ט. „דו אליין האסט דאך מיר אנגעזאגט, אז אויב עס וועט ווער קומען פרעגען אויף דיר און דו ביזט אין שוהל, זאל איך גלייך שיקען דיך רופען. טא וואס שרייסטו יעצט?"

נ מ ש ל

ניט יעדער רעגעל האלט אויס אין פראקטישען לעבען.

## 85

## פרעגען קשיות איז אונגעזונד

איינער איז שטארק קראנק געווארען אויפ'ן מאגען. האט ער גערופען א בעריהמטען דאקטאר. דער דאקטאר האט דעם חולה בעטראכט און האט געזאגט: האב קיין מורא ניט, מיין פריינד. מען האט מיך ניט לאנג צוריק גערופען צו יענעם און יענעם, און ער איז אויך געווען אזוי קראנק ווי דו, אבער איך האב איהם געזונד געמאכט. אבער קודם כל וועל איך דיר איינגעבען א שלאפטרונק, אז דו זאלסט ליגען רוהיג, און דאן וועל איך דיך ניט קענען היילען."

„וואס וועט איהר מיר טאהן נאכדעם ווי איהר וועט מיר איינגעבען דעם שלאפטרונק?" האט דער חולה געפרעגט.

„צו וואס דארפסטו עס וויסען?" האט דער דאקטאר געזאגט. „עס איז פיעל געזונטער פאר דיר, אז דו זאלסט ניט וויסען."

„אויב אזוי, וועל איך געהן צו יענעם און יענעם," האט דער חולה געזאגט, „און איך וועל איהם פרעגען."

„אויב דו וועסט גערן צו יענעם," האט דער דאקטאר איהם געווארנט, „וועסטו שטארבען."

און דער דאקטאר איז אוועק שטארק בייז.

האבען מענשען דעם דאקטאר פארגעהאלטען: „ווי זאגט איהר עס א קראנקען מענשען אזא זאך, אז אויב ער וועט פרעגען ביי יענעם וועט ער שטארבען?" האט דער דאקטאר אזוי ערקלערט: „יענעם מאן, וואס איך האב אויסגעהיילט, האב איך געמאכט א שווערע אפעראציאן, נאכדעם ווי איך האב איהם איינגעגעבען דעם שלאפטרונק. און ווען דיזער חולה וועט גערן צו יענעם און וועט זיך דערוויסען, אז איך האב איהם געעפענט זיין בויך און אויסגעגלייכט זיינע גע־דערים, וועט ער זיך שרעקען און זיך ניט לאזען מאכען די אפעראציאן, און ממילא, אז ער האט אין מיר קיין אמונה ניט, וועט ער מוזען שטארבען פון זיין קראנקהייט."

## נ מ ש ל

אין ארץ ישראל האבען געלעבט זעהר שטארקע גבורים, ריעזען, מיט וועלכע קיין פאלק האט ניט געקענט מלחמה האלטען, נאר דער אייבערשטער אליין האט זיי געקענט בייר קומען. און די אידען האבען געדארפט האבען אמונה אין דעם אייבערשטענס מאכט, נאכדעם ווי ער האט זיי געצייגט זיינע גרויסע נסים אין מצרים און אין מדבר. אבער זיי האבען ניט געגלויבט, און האבען געשיקט מרגלים צו פארשען די לאנד און איהרע איינוואוינער, צו זעהן אויב מען קען זיי בייקומען מיט זייער אייגענער מאכט. האט דער אייבער־שטער געזאגט: „וויבאלד איהר האט אין מיר קיין אמונה ניט און איהר שרעקט זיך פאר יענע ריעזען, וועט איהר שוין צוליעב דעם שרעק אליין זיי ניט קענען בייקומען. דארום וועט איהר פריהער אלע מוזען אויסשטארבען אין דעם מדבר און אייערע קינדער וועל איך פיהרען אין ארץ ישראל."

## 86
# דער דאָקטאָר ווערט אַ מגיד

איינער האָט שטאַרק געליטען אויף דער האַרץ און ער איז געוואָרען אַזוי שוואַך, דאָס ער האָט געמוזט ליגען איז בעט. מען האָט געבראַכט אַ דאָקטאָר און דער דאָקטאָר האָט צום חולה געזאָגט: „איהר דאַרפט אויף זיך נעהמען קיינמאָל ניט צו ווערען בייז אָדער אויפגערעגט אויף קיינעם, נאָר לעבען רוהיג און פריינדליך מיט אַלעמען. אויך דאַרפט איהר ניט זיין שטאַרק פערקאָכט אין געשעפט. איהר דאַרפט זיך ניט נאָכיאָגען נאָך געלד, נאָך רייכטימער. איהר דאַרפט זיין צופריעדען מיט דעם וואָס איהר האָט און ניט זוכען צו פערכאַפּען די גאַנצע וועלט. זאָל אייך קיינמאָל ניט אַרען אויב איהר האָט פערדיענט אָדער פערלאָרען געלד. געלד מאַכט ניט אַ מענשען גליקליך. אַ רוהיגער לעבען אָהן דאגות איז דער גרעסטער גליק.“

אַזוי האָט דער דאָקטאָר גערעדט צום חולה. צווישען די פריינד וואָס זיינען געקומען איהם מבקר חולה זיין און האָבען געהערט וואָס דער דאָקטאָר האָט אָנגעזאָגט דעם חולה איז גע־ווען איינער, אַ נאַר, וואָס האָט געפרעגט אַזאַ קשיא: „וואָס איז דאָס פאַר אַ דאָקטאָר? אנשטאָט צו געבען דעם חולה אַ מעדיציין, זאָגט ער איהם נאָר מוסר, אַזוי ווי אַ מגיד. איז ער אַ מגיד, האָט ער געדאַרפט אַרומגעהן איבער די שוהלען און זאָגען מוסר פאַר'ן עולם. איז ער אַ דאָקטאָר, האָט ער דעם חולה געדאַרפט פאַרשרייבען אַ רעצעפּט. וואָס טויג אַ קראַנקען מוסר?“

„דו נאַר איינער!“ האָט איהם געענטפערט אַ קליגערער, „אַט דער מוסר וואָס דער דאָקטאָר האָט דעם חולה געזאָגט

איז טאַקע די בעסטע רפואה פאַר איהם. ער האָט אָנגעזאָגט דעם חולה ער זאָל זיך ניט קריגען מיט קיינעם און זיך ניט נאָכיאָגען נאָך געלד, ניט צוליעב דעם, אַז דער חולה זאָל האָבען עולם הבא, נאָר כדי ער זאָל זיך ניט ערגערען, זיך ניט עסען די האַרץ, און ממילא וועט ער זיין געזונד."

נ מ ש ל

דאָס וואָס איז גוט פאַר דעם מענשענס נשמה איז אויך גוט פאַר זיין גוף.

## 87
# די מרשעת

איינער האָט גענומען אַ פרוי, וואָס האָט געהאַט קינדער פון איהר ערשטען מאַן. איז די פרוי געווען אַ גרויסע מרשעת און זי פלעגט דעם מאַן דערגעהן די יאָהרען און איהרע קינדער פלעגען איהם אויך מעיז פנים זיין און פערביטערען זיין לעבען. דער מאַן האָט געזעהן, אַז ער איז אַריינגעפאַלען, האָט ער זיך אַזוי געטראַכט: ווען איך וועל זיך מיט איהר קריגען, וועל איך גאָר נישט אויספיהרען און וועל בלויז אָנמאַכען לייטישע געלעכטער. עס איז דאַרום בעסער איך זאָל פּרובירען מיט גוטען. האָט ער זיך אַרויסגעוויזען זעהר פריינדליך צו דער פרוי און צו איהרע קינדער, און אַזוי גוט איז ער צו זיי געווען, דאָס זייטיגע מענשען האָבען געמיינט, אַז ער ליעבט די קינדער אַזוי ווי זיי וואָלטען געווען זיינע אייגענע.

די פרוי און איהרע קינדער זיינען אָבער פון דעם ניט בעסער געוואָרען. זיי האָבען ווייטער פערביטערט זיין לע־

בען, ביז זיין גדולד האָט נעפּלאַצט און ער האָט ענדליך בע־שלאָסען די פרוי אָבצו'גט'ן."

ווען די פרוי האָט זיך פון דעם דערוואוסט, איז זי גע־גאַנגען צו זיינע פריינד און זיי געבעטען, אַז זיי זאָלען זיך אריינמישען פון שלום בית וועגען און אָבריידען איהר מאַן, אַז ער זאָל זי ניט גט'ן. דער מאַן האָט אָבער די פריינד ניט געוואָלט הערען. אבער איינער פון זיינע שכנים האָט גע־זאָגט: „איך וועל שוין איהם איבעררעדען. מיך וועט ער פאָלגען!"

דער שכן איז געקומען צו דעם מאַן און האָט צו איהם געזאָגט:

„הער צו, מיין פריינד, אלע ווייבער האָבען גרויסע מיילער און האָבען ליעב זיך צו קריגען און צו שעלטען. מיינסטו, אַז איך לייד ניט פון מיין ווייב אַזוי ווי דו פון דיינער? אָבער פון דעסטוועגען, גט'ן זיך, וויל איך ניט."

„וואָס גלייכסטו דיין ווייב צו מיינער?" האָט דער מאַן געענטפערט. „דו האָסט קיין רעכט ניט דיין ווייב צו גט'ן, וויל דו האָסט מיט איהר קינדער, וועלכע זיינען דיר ליעב און טהייער, אָבער איך האָב דאָך ניט קיין קינדער פון איהר."

„איך פערשטעה ניט," האָט דער שכן גע'טענה'ט, „דאַכט זיך דו ליעבסט איהרע קינדער אַזוי ווי זיי וואָלטען געוועזען דיינע אייגענע."

„דו נאַר איינער!" האָט דער מאַן אויסגערופען. „פער־שטעהסטו דען ניט, אַז איך בין געוועזען געצוואונגען צו מאַ־כען זיך אַזוי ווי איך ליעב זיי, דאָס האָב איך אַלץ געטהאַן צוליעב איהר, צוליעב שלום בית. אָבער יעצט, אַז איך האָב בעשלאָסען פון איהר פּטור צו ווערען, זאָל דער רוח נעהמען זי מיט איהרע קינדער צוזאַמען!"

## נ מ ש ל

אַז די גוים ליעבען חטאים און זיי קענען זיך ניט שיי־

דען פון זיי, איז דאס גאנץ פערשטענדליך, ווייל זיי זיינען מיט די חטאים געבוירען און זיי זיינען זייערע אייגענע, אבער אידען זינדיגען בלויז, ווייל דער יצר הרע רעדט זיי אן צו זינדיגען, איז זיי לייכט פטור צו ווערען פון די חטאים.

## 88

## צוקער איז קיין רפואה ניט

ביי א רייכען מאן איז קראנק געווארען זיין בן יחיד. האט ער אראבגעבראכט דעם גרעסטען דאקטאר פון לאנד, וועגען וועמען מען פלעגט דערצעהלען גרויסע וואונדער. דער דאקטאר האט דעם אינגעל געגעבען זעהר טייערע פילען, און ווייל ער האט געוואלט, אז דער אינגעל זאל די פילען נעהמען מיט חשק, האט ער זיי איינגעדעקט אין צוקער. עס זיינען אריבער דריי פיער טעג און דער אינגעל ווערט גאר ניט בעסער. דער דאקטאר האט זיך ניט געקענט אבוואונדערען וואָרום די פילען האבען ניט קיין ווירקונג אויף דעם חולה. האט ער גענומען דעם אינגעל אויספרעגען און ער האט אויסגעפונען, אז דער אינגעל פלעגט די פילען ניט אראבשלינגען, נאר ער פלעגט זיי האלטען אין מויל ביז דער צוקער פלעגט צוגעהן און נאכדעם פלעגט ער די פילען בשתיקה אויסשפייען. אט דערפאר האבען די פילען ניט געהאלפען.

### נמשל

דאס איז א משל אויף אידען, וואס קומען אין שוהל הערען א מגיד בלויז צוליעב די שעהנע משלים און מעשה'לער וואס ער דערצעהלט. די שעהנע מעשה'לער געדענקען זיי, אבער דעם מוסר פערגעסען זיי.

## 89

# דער ניגון איז דער עיקר

א רייכער מאן, וואס האט אוועקגעשיקט זיין זוהן לער־נען אין אן אנדער שטאדט, האט איינמאל בעקומען פון איהם א בריעף. בעט ער זיין סעקרעטאר, אז ער זאל איהם פאר־לעזען דעם זוהנס בריעף. נעהמט דער סעקרעטאר און לעזט הויך, מיט א גראבער שטימע און אין א חוצפה'דיגען טאן: „פאטער! שיק מיר גלייך געלד. איך דארף האבען א פאר שיך און א נייעם אויבערמאנטעל!" ווען דער פאטער האט געהערט דעם חוצפה'דיגען טאן, אין וועלכען דער סעקרע־טאר האט עס פארגעלעזען, האט ער מיט כעס אויסגערופען: „אפילו אן איינציגע קאפיקע וועל איך איהם ניט שיקען. עס איז א חוצפה פון א זוהן צו שרייבען צו א טאטען מיט אזא עזות!"

שפעטער א ביסעל, אז דער סעקרעטאר איז אוועק, איז געקומען דעם גביר'ס פרוי. זאגט דער מאן צו איהר: „נא, זעה, וואס דער זוהן אונזערער, דער שעהנער תכשיט, שרייבט." נעהמט די פרוי דעם בריעף אין האנד, און ווי זי דערזעהט איהר זוהנ'ס האנדשריפט ווערט איהר הארץ פול מיט ליעב־שאפט און זי לעזט דעם בריעף שוין מיט א ווייכער שטימע און מיט א ניגון פון געבעט: „פאטער! שיק מיר געלד! איך דארף האבען שיך און א נייעם אויבערמאנטעל!" און ווען דער פאטער האט יעצט געהערט דעם בריעף לעזען, האט ער געזאגט: „נו, אז ער בעט ווי א מענש, וועל איך איהם שיקען דאס געלד וואס ער פערלאנגט."

נמשל

אזוי איז אויך מיט דעם דאַוונען. דער וואָס דאַוונט שטיל, מאַכט אַ בעסערען איינדרוק ווי דער וואָס שרייט און ליאַרעמט.

## 90

# געבליבען ביי דער מרשעת

איינער האָט גענומען אַ שלעכטע פרוי, וועלכע איז געווען אי מיאוס אי בייז, אָבער ער האָט זיך געלאָזט פער־בלענדען זיינע אויגען צוליעב דעם פעטען נדן, וואָס איהר פאָטער האָט געגעבען. עס זיינען אריבער עטליכע יאָהר נאָך דער חתונה און פון דעם נדן איז גאָרנישט געבליבען, ניט אַ פרוטה. ער האָט אַלעס פערלאָרען אין ניט געלונגענע אונ־טערנעהמונגען. איינמאָל איז צו איהם געקומען צו־גאַסט אַ פריינד וועלכער האָט איהם ניט געזעהן זייט פיעלע יאָהרען, זייט זיי זיינען געוועזן איינגלעך און האָבען געלערנט אין איין חדר. און ווען דער גאַסט האָט געזעהן די פרוי און האָט גע־הערט ווי זי בייזערט זיך און שילט איהר מאַן, האָט ער איהם אָבגערופען אָן אַ זייט און האָט איהם געפרעגט:

„זאָג מיר, איך בעט דיך, ווי קומט עס, אַז דו האָסט אויסגעקליבען אַזאַ מיאוסקייט, וועלכע איז נאָך דערצו אַזאַ גרויסע מרשעת?“

„מיידעלווייז, ווען איך האָב זי גענומען,“ האָט דער חבר געענטפערט, „האָט זי ניט אויסגעזעהן אַזוי מיאוס, ווייל זי האָט געהאַט אַ גרויסען נדן.“

„טאַ וואו איז דער נדן יעצט?“ האָט דער גאַסט גע־

פרענט. „איך זעה דאך, אז דו לעבסט ווי אן ארימאן, א קבצן."

„דאס געלד האב איך פערלארען. זי אליין, מיט איהר רשעות, האט א גוטען חלק אין דעם, וואס דאס געלד איז פערלארען געגאנגען, און יעצט מוז איך זיך האלטען מיט דער בראנד," האט דער חבר געענטפערט.

נ מ ש ל

דער נמשל איז דער יצר הרע. ער איז שלעכט און מיאוס, אבער ער פערבלענדעט דעם מענשענס אויגען מיט דעם וואס ער רעדט איהם איין, אז זינד און די תאוות עולם הזה זיינען געשמאק און זיס. שפעטער, ווען דער מענש ווערט עלטער און קליגער, זיינען די תאוות גאר ניט אזוי געשמאק און זיס, ווי זיי האבען אויסגעזעהן אמאל. ער בלייבט בלויז ביי דער ביטערער חרטה און ער זעהט ווי מיאוס און שלעכט עס איז דער יצר הרע, וואס האט איהם אזוי פערפיהרט.

## 91

## א קלוגער איינפאל

איינער האט געהאט א קראם פון טייערע אנטיקען און פון דער גאנצער שטאדט פלעגען מענשען קומען אנקוקען די טייערע זאכען. דארט איז אויך געווען איינער, א פריינד פון דעם קרעמער, און אויף איהם איז איינמאל דער קרעמער אין כעס געווארען און האט געשווארען, אז ער וועט איהם מעהר אין זיין געשעפט ניט אריינלאזען. עס איז אריבער א וואך, צוויי, און דער פריינד האט געהערט, אז צום קרע־מער, דעם אנטיקווארען הענדלער, זיינען אנגעקומען נייע

אנטיקען. איז ער געקומען זיך בעטען, אַז ער זאָל איהם אַריינלאָזען אין קראָם אַנקוקען.

„ניין, מיין פריינד, האָט דער קרעמער געענטפערט. „אַ נדר איז אַ נדר, און אַ נדר מוז מען האַלטען."

דער פריינד האָט איהם אָבער אַזוי דאַקוטשעט, דאָס דער קרעמער האָט זיך בעשלאָסען איהם נאָכצוגעבען, און דאָך ניט ברעכען זיין נדר. ער האָט אַזוי געטאָהן: ער האָט אַריינגעשטעלט אַלע נייע אַנטיקען אין אַ גלעזערנעם קאַסטען און דאָס אַרויסגעשטעלט אין דרויסען, אַז זיין פריינד זאָל זיי קענען זעהן און ניט דאַרפען אַריינגעהן אינווענינ.

## נ מ ש ל

אַזוי איז אויך געווען מיט משה רבינו, וועלכער האָט געוואָלט זעהן ארץ ישראל, און דער אייבערשטער האָט זיך פערשוואָרען, אַז משה זאָל אין דעם לאַנד ניט אַריינקומען. אָבער ווען משה רבינו האָט זיך איבערגעבעטען מיט דעם אייבערשטען, האָט ער ווידער אָנגעהויבען צו בעטען, אַז ער זאָל איהם לאָזען זעהן דאָס לאַנד, וואָס ער גיט צו די אידען. האָט איהם דער אייבערשטער געהייסען אַרויפגעהן אויפ'ן שפּיץ באַרג, ער זאָל פון דאָרט זעהן ארץ ישראל.

## 92

# אַריין דורכ'ן טהיר, אַרויס דורכ'ן פענסטער

אַ סוחר איז געקומען אין אַ שטאָדט און האָט מיטגע־בראַכט אַ סך פערשיעדענע סחורות. זיין פּלאַן איז געווען געהן מיט די סחורות פון הויז צו הויז און פון קראָם צו קראָם און פערקויפען. האָבען די אַנדערע סוחרים פון שטאָדט זיך צוזאַמענגענומען און איהם פערקלאָגט ביים

שטאָדט־ריכטער, היות ווי זיי צאָהלען צינזען און שטייערען אין דער שטאָדט־קאַסע און דאָ קומט אַ מאַן, אַ ווילד־פרעמ־דער און נעהמט אוועק זייער לייזונג! דער ריכטער האָט זיך איבערגעלייגט און גע׳פּסקנ׳ט, אַז אין גאַנצען פערבאָטען דעם פרעמדען סוחר צו האַנדלען אין שטאָדט קען ער ניט, אָבער ער קען אַרויסגעבען רעגעלען אונטער וועלכע ער מעג יאָ האַנדלען. ערשטענס, טאָר ער ניט געהן צו קרעמער, נאָר צו בעלי בתים. צווייטענס, מעג ער אריין נאָר אין אַזאַ הויז וואו די טהיר איז אָפען, אַנקלאַפּען אַז מען זאָל איהם עפענען טאָהר ער ניט. דריטענס, אַז ער געפינט שוין יאָ אַן אָפענע טהיר און ער געהט אריין אין הויז, טאָהר ער זיין סחורה ניט לויבען און ניט צוריידען, אַז מען זאָל עס קויי־פען, און ניט אפילו צייגען די סחורה, סיידען איינער פרעגט איהם אויף דעם. און פערטענס, אַז ער איז שוין אריין אין אַ הויז, און מען פיהרט איהם אריין אין די אינעווענינגסטע צימערען, און מען דינגט זיך שוין מיט איהם, און מען וויל איהם הייסען געהן, דאַרף מען איהם ניט אַרויסטרייבען גראַדע דורך דער טהיר פון וועלכער ער איז אריינגעקומען, נאָר מען מעג איהם אַרויסוואַרפען פון פענסטער.

## נמשל

אזוי דאַרף מען אויך האַנדלען מיט׳ן יצר הרע.

## 93
# אַ שלעכטער עסק

צו אַ שניט־קרעמער איז פֿאַר פּסח געקומען זיינער אַן אָרימער קרוב און האָט געזאָגט: „אַלע מאָל, אַז איך פֿלעג צו דיר קומען פֿאַר יום טוב פֿלעגסטו מיר געבען אַ שטיקעל טוך אויף אַ בגד גאַנץ אומזיסט, אָבער יעצט, אַז מיין צו־שטאַנד האָט זיך ברוך השם אַ ביסעל פֿערבעסערט בין איך ביי דיר געקומען קויפֿען טוך, פֿאַר געלד."

דער שניט־קרעמער האָט דעם קרוב געלאָזט אויסקלייבען אַ שטיק טוך, האָט איהם געזאָגט דעם מקח, אַזוי פֿיעל ווי עס קאָסט איהם אַליין. דער קרוב האָט צוגענומען די סחורה, געזאָגט, אַז ער וועט אַריינקומען אין עטליכע טעג אַרום און וועט בעצאָהלען, און איז אַוועק.

ווען דער קרוב איז אַרויס, האָט דער שניט־קרעמער אַ זיפֿץ געטאָהן.

„וואָס זיפֿצסטו?" האָט איהם זיין פֿרוי געפֿרעגט. „דאַרפֿסט זיין צופֿריעדען, אַז ער קויפֿט יעצט ביי דיר פֿאַר געלד. פֿריהער פֿלעגסטו איהם דאָך מוזען געבען אומזיסט."

„פֿערשטעהסטו מיך אַזוי," האָט דער קרעמער ער־קלערט. „דאַמאָלס, אַז ער איז געווען זעהר אָרים און איך פֿלעג איהם געבען אומזיסט, פֿלעג איך פֿערדיענען אַ מצוה און עס פֿלעגט מיך כמעט גאָרנישט קאָסטען, ווייל דאָס וואָס איך פֿלעג איהם אַוועקשענקען איז געווען אַזאַ שטיקעל סחורה, וואָס איז סאַי ווי געווען שווער צו פֿערקויפֿען. אָבער יעצט, אַז ער איז געקומען קויפֿען פֿאַר געלד, האָב איך איהם געמוזט לאָזען אויסקלייבען די פֿיינסטע שטיקעל סחורה, אַ מקח האָב איך איהם געמוזט שטעלען, וואָס איז נאָך אפֿשר

וועניגער ווי עס קאָסט מיך אַליין. און יעצט איז נאָך מעגליך, אַז ווי באַלד ער האָט גענומען אויף באָרג וועט ער גאָר ניט בעצאָהלען... הייסט עס, אַז קיין מצוה האָב איך ניט פערדיענט און איך וועל נאָך האָבען אַ שאָדען" . . .

נ מ ש ל

אַ סך מענשען וועלען בעסער גנב'ענען און שווינדלען, איידער אָנקומען צו נדבות.

## 94

# בעריהמט געוואָרען

אַמאָל איז געווען אַ פרוי, אַ גרויסע מרשעת, אַ מויל פעך און שוועבעל, וואָס האָט ליעב געהאַט צו שרייען און צו שילטען . . . איז זי געווען בעריהמט אין איהר גאַנצע נאָכבאַרשאַפט, אָבער אין שטאָדט האָט מען פון איהר וועניג געוואוסט. דען וועמען קימערט עס וואָס עס איז דאָ ערגעץ אַ פרוי, אַ מכשפה? האָט זיך אַמאָל געמאַכט, אַז אַ גרויסער רב, אין אַן אַנדער שטאָדט איז, ניט פאַר קיין אידען געראַכט, געוואָרען אַן אַלמן. איז געקומען אַ שדכן און האָט איהם גערעדט אַ שדוך מיט דער מרשעת. דער רב איז געקומען זי זעהן. ער האָט אַ קוק געטאָהן: אַ פיינע, בכבוד אויסזעהענדע אידענע. און גראָדע האָט זי זיך פאַר'ן רב איינגעהאַלטען און יענעם טאָג קיינעם ניט געשאָלטען. האָט דער רב געלאָזט שטעלען אַ חופה און האָט זי אַוועקגעפיהרט צו זיך אַהיים.

אָבער באַלד נאָך דער חתונה האָט די אידענע ווידער אָנגעהויבען שילטען אַלעמען מיט טויטע קללות, און איהר מאַן, פאַרשטעהט זיך, האָט זי אויך ניט געשאָנעוועט. יעצט,

אַז זי איז שוין געוואָרען אַ רביצין, האָט מיט איהר אָנגע־הויבען צו קלינגען די גאַנצע וועלט. דען יעדען מאָל, אַז מען האָט דערצעהלט די גרויסע מעלות פון דעם רב, פון זיינע גאונות, זיין חכמה, זיין פרומקייט און גוטסקייט, האָט מען צוגעלייגט: „אָבער אַ ווייב האָט ער — איז דאָס אַ געפעהר־ליכע ארורה!"

נ מ ש ל

בעריהמטקייט צו בעריהמטקייט איז ניט גלייך.

## 95

## דער גרעסטער נצרך

איינער האָט אמאָל פערלאָזען זיין קליין שטעדטעל און איז אוועקגעפאָהרען אין אַ גרויסער שטאָדט זוכען פרנסה. דאָרט האָט איהם אָבגעגליקט און ער איז געוואָרען אַ גרוי־סער עושר. זיינע אָרימע קרובים, פון דער קליין שטעדטעל, פלעגען איהם פערוואָרפען מיט בריעף און בקשות, אַז ער זאָל זיי אויסהעלפען. דער האָט געבעטען געלד אויף אַ ציעג, דער האָט געדאַרפט חתונה מאכען אַ טאָכטער, יענער האָט געדאַרפט אַ דאָקטאָר פאַר דער קראַנקער ווייב, און יענער צו קויפען האָלץ אויף ווינטער. דער עושר איז מיעד גע־וואָרען פון שיקען און שיקען. האָט ער זיך בערעכענט, אַז ער וועט אליין אריבערפאָהרען אין יענעם שטעדטעל און זעהן „הכצעקתה." אויב זיינע קרובים זיינען טאַקע אַזוי גענויטיגט ווי זיי שרייבען.

גלייך ווי ער איז געקומען אין שטעדטעל האָט ער פון דער אכסניא געלאָזט מעלדען, אַז אַלע זיינע קרובים זאָלען קומען און יעדער איינער זאָל פאָרלייגען זיין בקשה. אָבער

בלויז איין זאך זאָל יעדער איינער בעטען. יעדער קרוב האָט זיך גלייך גענומען מישב זיין מיט זיין ווייב, וואָס ער זאָל בעטען ביי דעם רייכען קרוב, ווייל אַזאַ געלעגענהייט דאַרף מען גוט אויסניצען.

צווישען די קרובים איז געווען איינער, וואָס איז געווען אַ קראַנקער מענש. ניט ער און ניט זיין פרוי און קינדער האָבען געהאַט אַ גאַנצען בגד אויף זיך. די אַלטע חורבה אין וועלכער זיי האָבען געוואוינט איז געווען פול מיט לעכער. בקיצור, ער האָט געהאַט אַזוי פיעל צו בעטען, אַז ער האָט ניט געוואוסט, וואָס צו בעטען. איז ער געקומען, זיך אַוועקגעשטעלט ביים טהיר פון דעם עושר׳ס צימער, און זיך צו־וויינט. „וואָס וויינסטו? רעד ווערטער! זאָג, וואָס דיר פעהלט אויס און דו וועסט עס קריגען!״ אַזוי האָט דער רייכער קרוב געזאָגט.

„מיין טייערער קרוב!״ האָט דער גרויסער דלפון גע־ענטפערט. „ווען איך זאָל דיר זאָגען, אַז איך פערלאַנג בלויז איין זאַך, וועסטו דאָך מיינען, אַז מעהר ווי די איין זאַך פעהלט מיר ניט. אָבער איך דאַרף האָבען אַזוי פיעל זאַכען, אַז איך וויים ניט וואָס פריהער צו בעטען. אָט דערפאַר וויין איך.״

## נ מ ש ל

אַנדערע פעלקער, אַז זיי בעטען גאָט, בעטען זיי מיט ווערטער, דאָס וואָס זיי פערלאַנגען.

אונז, אידען, פעהלט אַזוי פיעל, אַז מיר ווייסען ניט וואָס צו בעטען, דאַרום וויינען מיר און שרייען צו אונזער קרוב אין הימעל.

## 96
# קיינער איז ניט זיכער מיט זיך

א קאמפאניע סוחרים זיינען געפאהרען מיט זייערע סחורות איבער'ן ים. דער וועג איז געווען א געפעהרליכער, פול מיט ים־רויבער, וועלכע זיינען ארומגעפאהרען מיט זיי־ערע שיפלעך און פלעגען בעפאלען שיפען, וואס האבען גע־פיהרט פאסאזשירען און סחורה, און זיי בערויבען.

אין דער קאמפאניע סוחרים איז געווען איינער א זעהר רייכער מאן, דער רייכסטער פון אלעמען און ער האט זיך צואווערטעלט מיט איינעם א קליינעם סוחר, א קאראבעלש־ציק, וואס איז אויך געפאהרען אויף דער זעלבער שיף. דער קאראבעלשציק האט איהם ניט געשווינגען און האט איהם שטארק מעיז פנים געווען. האט דער רייכער סוחר געזאגט: „ווי דערוועגסטו זיך צו ריידען צו מיר מיט אזא חוצפה? ווער ביזטו און ווער בין איך?" האט דער קאראבעלשציק געענטפערט: „דא אויף דער שיף זיינען מיר אלע גלייך. אין א מינוט קענען אונז בעפאלען די ים־רויבער און מאכען פון אונז ביידען גלייכע ארימע לייט. אט, אז מיר וועלען, אם ירצה השם, קומען אויף דער יבשה, וועלען מיר וויסען ווער איז גרעסער און ווער איז קלענער."

### נ מ ש ל

אזוי זאגען די רשעים צו די צדיקים: אזוי לאנג ווי מיר לעבען נאך אויף דיזער זינדיגער וועלט, קען נאך קומען דער יצר הרע און אייך איינריידען און מאכען גלייך מיט אונז. ערשט אויף יענער וועלט וועלען מיר וויסען ווער עס איז א צדיק און ווער א רשע.

## 97
# שוין אָבגעשפּיעלט די חתונה

איינער, א סוחר, איז געפאָהרען אין וועג וועגען זיין געשעפט. ווען ער איז דורכגעפאָהרען א שטעדטעל, האָט ער זיך געטראָפען מיט א יונגען בחור, זיינער א קרוב, וועלכער איז געווען זעהר אָרים און איז אַרומגעגאַנגען זעהר אָבגעריסען. דערצעהלט איהם דער אָרים בחור, אַז ער איז מיט מזל געוואָרען א חתן, אָבער ער קען ניט געהן צו דער חופּה ווייל ער האָט ניט קיין שעהנע קליידער. האָט איהם דער סוחר צוגעזאָגט, אַז ווען ער וועט קומען צוריק אין דעם שטעדטעל, וועט ער איהם ברייננען דעם בעסטען געוואַנט אויף קליידער. אין א קורצע צייט, ווען דער סוחר איז געפאָהרען צוריק אהיים און האָט זיך אָבגעשטעלט אין דעם שטעדטעל, בעגעגענט ער זיין אָרימען קרוב אַרויסגעהן פון שוהל מיט א טלית זעקעל אונטער'ן אָרעם.

„וואָס איז דאָס?“ האָט דער סוחר געפרעגט.

„איך האָב שוין חתונה געהאַט,“ האָט דער אָרימער קרוב געענטפערט. „איך האָב זיך פערלאָזען אויף דיין גוטע הארץ, אַז דו וועסט מיר ברייננען שעהנע קליידער, ווי דו האָסט מיר פערשפּראָכען. האָב איך דערווייל גענומען און האָב חתונה געהאַט.“

„אויב דו האָסט שוין חתונה געהאַט,“ האָט דער סוחר געזאָגט, „דאַרפסטו שוין ניט קיין שעהנע קליידער. צוליעב דעם וואָס דו האָסט ניט קיין שעהנע מלבושים וועט שוין ניט ווערען אויס שידוך.“

נ מ ש ל

איידער דער שלאנג האט צוגערעדט דעם מענשען צו זינדיגען, איז ער ארומגעגאנגען גלייך ווי א מענש און האט געהאט לשון, ווי עס פאסט זיך פאר איינעם, א סוחר, וועל־כער דארף צוריידען מענשען צו קויפען סחורה. אבער נאכ־דעם, אז דער מענש האט שוין געזינדיגט, האט דער אייבערש־טער פערשאלטען דעם שלאנג, אז ער זאל קריכען אויפ'ן בויך ווי א נידעריגע חיה, ווייל ער האט שוין זיין גיפט ארייננגע־לאזען אין דעם מענשען, און ער דארף מעהר ניט האבען א שעהנעם אויסזעהן אום צו מאכען א ווירקונג אויף דעם מענשען.

## 98
## גאר אן אנדער טעם

אמאל איז געווען א רייכער מאן, א גרויסער עושר, וואס איז געווען געבענשט מיט אלעם גוטעס, אבער א ווייב האט ער געהאט א שלעכטע, א געפעהרליכע מרשעת, וואס פלעגט איהם דערגעהן די יאהרען מיט איהר מענה לשון און מיט איהר רשעות. ביי יעדען מאהלצייט פלעגט זי איהם אזוי פיעל יאדען, אז דער עסען פלעגט איהם ניט איינגעהן.

איינמאל איז די פרוי ערגעץ אוועקגעפאהרען צוגאסט, און דער מאן האט זיך אזוי געפרעהט מיט זיין ווייבס אוועק־פאהרען, דאס ער האט געהייסען זיינע דיענער מאכען א גרויסע סעודה און ער האט איינגעלאדען א סך פון זיינע פריינד זיך צו פרעהען מיט איהם. און אין מיטען דער סעודה, בעת די פרעהליכע געזעלשאפט איז געזעסען, געגעסען און געטרונקען, און יעדער איינער איז געווען אין א געהויבענע

שטימונג. — ווער קומט אריין? טאקע זי, די מרשעת אליין, די פרוי פון דעם בעל שמחה. גאר אזוי — אונגעריכט! קען מען זיך שוין פארשטעלען וואס דארט איז פארגעקומען. דען די פרוי האט גלייך פערשטאנען, אז די שמחה איז געווען צוליעב איהר אוועקפאהרען. דער מאן איז געווארען רויט און ווייס און האט געציטערט ווי א בלאט, און די געסט האבען זיך שנעל אבגעטראגען.

אויף מארגען האט די פרוי געהייסען איהרע דיענער מאכען נאך א בעסערען מאהלצייט און זי האט געהייסען איינלאדען די זעלבע פריינד. און נאכדעם ווי מען האט אבגעגעסען און אבגעטרונקען און די געסט זיינען אוועק, האט די פרוי געפרעגט ביי איהר מאן: „זאג מיר דעם אמת, לייקען מיר ניט, האט דיר דער היינטיגער מאהלצייט געשמעקט אזוי גוט ווי דער נעכטיגער?“

האט דער מאן געענטפערט: „ווי באלד דו בעטסט אליין, אז איך זאל דיר זאגען דעם אמת, וועל איך דיר טאקע זאגען. די היינטיגע געריכטען זיינען טאקע געווען געשמאקער, אבער מעהר הנאה האב איך געהאט פון דעם נעכטיגען מאהלצייט, ווייל דו ביזט דערביי ניט געווען.“

## נמשל

די ארימסטע מאכלים האבען דעם בעסטען טעם, ווען אין הויז הערשט רוה און פריעדען.

## 99
# ניט דערקענט דעם קרוב

אמאל איז געווען אז ארימאן, וואס פלעגט ארומפאהרען איבער דער מדינה און קלייבען נדבות. אין איין שטאדט האט ער געהאט בעקאנטע און קרובים, וועלכע פלעגען איהם געבען גרויסע נדבות צוליעב זיין יחוס, ווייל זיינע עלטערען זיינען געווען זעהר שעהנע מענשען. איינמאל איז דער ארי־מאן קראנק געווארען אין מיטען וועג. האט ער זיך גע־איילט מיט אלע כחות וואס שנעלער אנצוקומען אין יענער שטאדט וואו עס האבען געוואוינט זיינע בעקאנטע און קרובים. ער איז געווען זיכער, אז זיי וועלען איהם אויס־האלטען ביז ער וועט געזונד ווערען. אבער אז ער איז אנ־געקומען אין יענער שטאדט, האבען איהם די קרובים און די בעקאנטע גארניט דערקענט, דען דורך זיין קראנקהייט איז ער אזוי פערענדערט געווארען, אז עס איז איהם גארניט גע־ווען צו דערקענען. האבען די קרובים זיך ענטזאגט פון איהם און איהם ניט געוואלט העלפען. און דער ארימאן איז ארומ־געגאנגען איבער די גאסען און האט געוויינט און געקלאגט: „וועה איז מיר! קיינער וויל מיך גאר ניט קענען!“

### נמשל

אזוי לאנג ווי מיר אידען האבען זיך געהאלטען ביי די שעהנע זיטען פון אונזערע עלטערען, האבען מיר איינע די אנדערע געקענט און געהאלטען זיך ווי אייגענע, אבער צו־ליעב דעם גלות האבען א סך פון אונז פערגעסען די טייערע מדות פון אונזערע עלטערען און האבען זיך אזוי פערענדערט אז איין ברודער דערקענט ניט דעם אנדערען.

## 100
## דעם מלך'ס כונה

ביי א מלך איז געווען א זינגער און דער מלך האָט איהם זעהר ליעב געהאַט. האָט איהם דער מלך געגעבען א וואוינונג אין זיין הויף און האָט איהם אָנגעטאָהן אין די טייערסטע קליידער, אזעלכע ווי עס טראָגען די פרינצען און די הויף־הערען.

איינמאָל האָט דער מלך געהערט, אז זיין ליעבלינג, דער זינגער, געהט ארום איבער די שענקען, חבר'ט זיך דאָרט מיט שכורים, און מאַכט זיך צו שאַנד. האָט דער מלך געגעבען אַ בעפעהל, אז מען זאָל פון דעם זינגער אַבנעהמען די פירשט־ליכע קליידער, מען זאָל ביי איהם אַוועקנעהמען אַלעס וואָס ער פערמאָגט און מען זאָל איהם פערטרייבען אויסען שטאָדט. און מעהר זאָל דער זינגער זיך ניט וואגען צו ציינגען זיין פּנים פאַר איהם.

דער בעפעהל איז דורכגעפיהרט געוואָרען.

ווען דער זינגער האָט איינגעזעהן, אז ער איז אין א זעהר בּיטערער לאַגע, אז ער איז געבליבען נאַקעט און באָר־פוס און אז קיינער וויל איהם אין א הויז ניט אריינלאָזען, ווייל אַלע האָבען געוואוסט, אז דער מלך האָט איהם פיינד בעקומען, האָט ער אָנגעשריבען צום מלך א לאַנגען בריעף און האָט אין שעהנער מליצה בעשריבען זיין גרויסע חרטה, וואָס ער האָט אויף זיינע שלעכטע מעשים, און אז ער נעהמט אויף זיך דאָס להבא וועט ער שוין מעהר אַזעלכע זאַכען ניט טאָהן.

אז דער מלך האָט געלעזען דעם בריעף, האָט ער שטאַרק רחמנות בעקומען אויף דעם זינגער און האָט איהם ערלויבט

צוריק צו קומען. דער מלך האט איהם צוריקגעגעבען די שעהנע קליידער אין קעניגליכען הויף, און ער האט איהם בע־וויזען נאך מעהר ליעבשאפט ווי פריהער.

שפעטער א ביסעל, ווען דער זינגער האט צוריקבעקומען זיין אלטען מוטה, האט ער געפרעגט דעם מלך: „זאג מיר, אדוני המלך, אמת, איך האב געזינדיגט און עס האט מיר געקומט א שטראף, אבער אזא שטראף איז שוין געווען צו־פיעל. איך קען נאך יעצט די שאנדע ניט פערגעסען.“

דער מלך, וועלכער איז געוועזן א גרויסער חכם האט איהם אזוי געענטפערט:

„זאלסט וויסען זיין, אז איך האב דיר ניט געמיינט צו טאהן שלעכטס, אדרבה, איך האב דיר געטאהן א גרויסע טובה. לאמיך דיר דאס ערקלערען. ווען איך וואלט ביי דיר ניט צוגענומען די שעהנע קליידער, וואלסטו זיי סאי ווי א ביסעל שפעטער פערלארען. דו וואלסט זיך פער'שיכור'ט, און דו וואלסט זיי פערקויפט פאר משקה. וואס וואלט דאן געוועזן? צו מיר אין פאלאסט וואלסטו מעהר ניט געקענט קומען, וואלסטו דאך געמוזט ענטלויפען, און ענטלויפען פון מלך הייסט שוין א מורד במלכות, א פעררעטהער. און דער־פאר קומט דאך די ערגסטע שטראף. דו וואלסט דיין גאנצען לעבען ניט קענען קומען צוריק. וואלסט זיך רק געדארפט בעהאלטען פון שטראף. אבער גאנץ אנדערש איז די זאך ווען איך אליין האב געהייסען ביי דיר צונעהמען די שעהנע קליי־דער און דיך ארויסטרייבען פון לאנד, דאן האט די שטראף אבגעווישט דיין זינד און דו ביזט ווידער אויף דיין פריי־הערדיגען ארט, און ביזט ווידער אזוי געאכטעט ווי פריהער.“

נמשל

ווען דער אייבערשטער וואלט ניט חרוב געמאכט דעם בית המקדש און וואלט אונז ניט פערטריבען פון אונזער לאנד, וואלטען מיר, סוף כל סוף, דורך אונזערע שלעכטע

מעשים געפיהרט צו דעם, אז מיר וואָלטען אליין אָלעס אָנ־געוואָרען, און אונזערע זינד וואָלטען נאָך גרעסער געוואָרען. אָבער אז דער אייבערשטער האָט אונז אַזוי מיט זיין אייגע־נער האנד געשטראָפט, וועט די שטראָף אָבווישען אונזערע זינד און מיר וועלען אַמאָל צוריק קומען צו אונזער לאַנד און צו אונזער אַמאָליגען שטאַנד.

## 101
## די אייגענע נחלה

אַ פאָטער האָט איבערגעלאָזען צו זיינע קינדער אַ גרויסע הויז. די קינדער האָבען ניט געהאַט קיין פּרנסה, האָבען זיי די הויז פערדונגען צו אַ פרעמדען און אַליין האָ־בען זיי געדונגען אַ וואוינונג אין אַן אָרימע שטיבעל. איינ־מאָל האָט אין שטאָדט אויסגעבראָכען אַ פייער, האָבען די יתומים געגאַסען וואַסער אויף דער הויז וואו זיי האָבען גע־וואוינט און געאַרבייט מיט אַלע כחות צו לעשען דעם פייער. איז אָנגעקומען אַ מאַן, וואָס האָט זיי געקענט און ער האָט צו זיי געזאָגט: „איהר נאַרישע מענשען! וואָס זוכט איהר צו ראַטעווען פרעמדע פערמעגען? געהט בעסער ראַטעווען אייער אייגענע נחלה, די ירושה וואָס איהר האָט בעקומען פון אייער פאָטער.“

### נ מ ש ל

דאָס קען מען געברויכען אַלס משל געגען די היינטיגע אידען, וואָס גיבען אוועק זייערע כחות און זייערע טאַלאַנטען פאַר פרעמדע נאַציאָנען, אָבער זיי גיבען גאָרנישט צו זייער אייגענעם פאָלק.

## 102

# משוגע פאר וואָלטאַג, משוגע אויס נויטה

אמאָל איז געווען א איד, א סוחר, וואָס האָט געשפּיעלט א שעהנע ראָלע אין זיין שטעדטעל. נו, האָט זיך איינמאָל דער רעדעל איבערגעדרעהט און דעם סוחר האָט אָנגעהויבען צו געהן שלעכט. עס איז איהם געגאַנגען ערגער און ערגער ביז ער האָט זיין פערמעגען אין גאַנצען פערלאָרען און איז געבליבען אַן אָרימאַן. ער האָט זיך דאַן געוואָרפען צו אַנדערע מסחורים, אבער צו וואָס ער האָט זיך גענומען איז איהם ניט געגאַנגען. עס איז איהם אויסגעקומען פשוט צו געהן איבער די הייזער, אָדער ווערען א משרת ביי אַן אַנדערען, אבי צו האָבען אויף ברויט פאַר זיין ווייב און קינדער.

אָבער אַזוי ווי אין זיין שטעדטעל האָט איהם ניט גע־פּאַסט צו געהן דינען ביי יענעם, אָדער טאָהן עפּעס עהנליכעס, האָט ער זיך געלאָזט געהן איבער דער וועלט זוכען פּרנסה. ער איז אוועק ווייט, גאַנץ ווייט, וואו ער איז גע־ווען זיכער, אַז ער וועט ניט טרעפען קיין פריינד און קיין בע־קאַנטען, און אפילו קיין מענשען, וואָס האָט געהערט פון איהם. דאָרט איז ער געווען גרייט צו טאָהן יעדע זאַך, אבי נאָר צו האָבען פּרנסה.

ער איז געקומען אין איין שטאָדט, אין אויסלאַנד, און איז ארומגעגאַנגען איבער די גאַסען זוכען אויב עס וועט זיך איהם מאַכען עפּעס צו פערדיענען. ביי א וויינהויז האָט ער געזעהן ווי איינער, א שיכור, טאַנצט אין מיטען גאַס, דערצו פּאַטשט ער מיט זיינע הענד און שפּרינגט לעבעדיג, פרעהליך. דער עולם, וואָס איז געשטאַנען ארום דעם שיכור

האט שטארק אנגעקוואלען פון איהם, געלאכט, און איהם צוגעווארפען קופערנע און זילבערנע מטבעות.

„אט דאס איז אפילו ניט קיין שעהנע פרנסה,“ האט דער געוועזענער סוחר געזאגט צו זיך, „אבער וואס טהוט מען ניט אוים נויטה?“

איז ער אוועק אין אן אנדער גאס. האט זיך אויסגעקלי־בען אן ארט נעבען א וויינהויז און האט גענומען טאנצען אין מיטען דער גאס, אזוי ווי יענער שיכור.

עס האט זיך באלד אנגעקליבען ארום איהם א היבשער עולם, מען האט געלאכט פון זיינע טענץ, ווייל קיין טענצער איז ער דאך ניט געווען, אבער מען האט איהם ניט געקארגט קיין געלד. קופער און זילבער מינצען האבען אנגעהויבען צו פליהען פון עולם, און דער ארימער איד האט שוין אנגעהויבען צו טאנצען א ביסעל פרעהליכער.

מעשה שטן דארף אנקומען א מאן, וואס האט מיט יאה־רען צוריק געוואוינט אין זיין שטעדטעל און האט דעם טענ־צער דערקענט. ער קוקט אויף'ן טענצער און ער פרעגט זיך: „זאל עס זיין יענער שניט־קרעמער, יענער שעהנער מענש, יענער פיינער בעל־הבית? ניין, עס קען ניט זיין!“ קוקט ער איהם אן שארפער — עס איז דאך ער! טא ווי קומט ער אהער? און ווי שיקט עס זיך עפעס, אז ער זאל זיך בעשעפ־טיגען מיט אזא פרנסה? סיידען ער איז משוגע געווארען!

געהט ער צו איהם צו נעהנטער און רופט איהם שטי־לערהייד ביים נאמען. דער טענצער גיט זיך א צאפעל פאר שרעק. ער קוקט אן דעם מאן און דערקענט איהם אויך. ער וויל ענטלויפען, אבער עס איז שוין פערפאלען. יענער האט איהם אנגעכאפט פאר'ן ארבעל און זאגט:

„ערקלערט מיר, איך בעט אייך, וואס איז מיט אייך גע־שעהן? ווי קומט איהר, אזא שעהנער בעל הבית, זיך צו מאכען משוגע אזוי ווי יענער שיכור?“

„גאנץ פשוט,“ האט דער געוועזענער סוחר געענטפערט.

„יענער איז משוגע פאר וואוילטאג און איך בין משוגע פאר נויטה...“

נמשל

ווען א רייכער מאן זינדיגט, טהוט ער עס ווייל ער איז משוגע פון צופיעל וואוילטאג. ווען אן ארימאן זינדיגט, איז ווייל די נויטה איז זעהר גרויס, און ער גערט פשוט אראב פון זינען פאר צרות . . .

## 103
## ניט קיין לצנות

איינער, א פיינער מענש, איז געשטאנען צווישען א געזעמעל אנדערע מענשען אין גאס. אין דעם געזעמעל זיינען געווען זיינע פריינד און אויך פרעמדע, גאנץ אונבעקאנטע מענשען. צווישען די אונבעקאנטע איז געווען איינער, א לץ, וואס פלעגט איהם יעדע ווייל געבען א זעץ איבער'ן קאפעליוש, אדער א טורקע אין זייט. דער לץ האט געוואלט פערפיהרען מיט איהם א קריעג, אדער א געשלעג, אבער די פריינד פון דעם פיינעם מענשען האבען צו איהם געזאגט: „לאז איהם צורוה. עס איז ניט פאר דיין כבוד צו פיהרען קריעג מיט איהם!“ און דער פיינער מענש האט זיי געפאלגט, ווייל ער האט זיך געטראכט, עס איז דאך נאר אויף א ווייל, באלד וועט דער לץ אוועק און איך ווער פון איהם פטור.

א ביסעל שפעטער איז פערבייגעגאנגען א סוחר און האט מיט דעם פיינעם מענשען געוואלט עפעס ריידען. איז דער סוחר צו איהם צוגעגאנגען און האט איהם א ציה געטאהן פאר'ן ארבעל אלס א צייכען, אז ער וויל מיט איהם

ריידען וועגען עפּעס, אַז אַ זייט, די אַנדערע מענשען זאָלען ניט הערען. אָבער דער פיינער מענש האָט געמיינט, אַז דער סוחר איז אויך אַ לץ, און ער שלעפּט איהם פאַר'ן אַרבעל, ווייל ער וויל זיך מיט איהם רייצען. האָט דער פיינער מענש זיך געמאַכט ניט ווייסענדיג. נעהמט דער סוחר און גיט איהם צום צווייטען מאָל אַ ציה פאַר'ן אַרבעל, און נאָכדעם אַ דריטען מאָל, און זעהענדיג, אַז דאָס האָט אויך ניט געהאָלפען, האָט דער סוחר אויסגערופען, שוין אַ ביסעל בייז: „וואָס מיינסטו, איך בין אַזוי ווי יענער לץ? מיינסט איך האָב קיין אַנדער זאַך ניט צו טאָהן ווי נאָר דיך צו ציהען פאַר'ן אַרבעל? איך האָב מיט דיר עפּעס וויכטיגעס צו ריידען!"

## נ מ ש ל

ווען אויף אַ מענשען קומט אַ שטראָף פון הימעל מיינט ער, אַז די שטראָף איז דער גאַנצער צוועק פון דעם אייבערשטען. עס איז אָבער ניט אַזוי. דאָס איז אַ סיגנאַל, אַז דער אייבערשטער וויל, אַז דער מענש זאָל קומען צו איהם מיט תשובה און חרטה.

## 104
## דער לוין פון גוטסקייט

אַ פּרינץ איז אַמאָל געפאָהרען אין וועג. איינמאָל האָט ער זיך אָבגעשטעלט אין אַן איינפאָהר־הויז. דער בעל אכסניא האָט איהם אָבגעגעבען דעם שעהנסטען צימער, האָט געמאַכט פּלאַץ פאַר זיינע קנעכט און בעגלייטער און האָט פאַר זיי אַלעמען געמאַכט אַ שעהנעם מאָהלצייט. דער פּרינץ האָט געגעסען, געטרונקען, האָט זיך דאָרט די נאַכט אויסגערוהט, און אויף מאָרגען אין דער פריה, אַז ער האָט גע־

דארפט אוועק ווייטער, האט ער געפרעגט, וואס עס קומט ארויס פון איהם פאר עסען און נאכטלעגער. דער בעל אכסניא האט איהם געגעבען א רעכנונג. דער פרינץ האט בעצאהלט, אוועקגעפאהרען, און האט מעהר ניט געטראכט פון דעם בעל אכסניא.

פאהרענדיג ווייטער, איז דעם פרינץ אויסגעקומען זיך אבשטעלען אויף אן אנדער אכסניא, און יענער האט פאר דעם פרינץ געמאכט נאך א גרעסערען פאראד ווי דער ערש־טער. אבער אויף מארגען, ווען דער פרינץ האט דעם בעל אכסניא געפרעגט פיעל עס קומט איהם ארויס פאר עסען און נאכטלעגער, האט יענער געענטפערט:

„פאר מיר איז גענוג די גרויסע עהרע, וואס דער פרינץ איז איינגעשטאנען אין מיין הויז. דאס איז שוין פאר מיר דער גרעסטער לוין.“

דעם פרינץ איז דאס זעהר געפעלען געווארען. ער האט זיך מיט דעם בעל אכסניא זעהר פריינדליך געזעגענט און האט פון איהם געטראכט א גאנצען וועג. און שפעטער האט דער פרינץ געזאגט צו זיך: „פאר וואס זאל איך איהם ניט בעלוינען פאר זיין גוטסקייט? פאר וואס זאל ער ניט קריגען בעצאהלט כאטש צום וועניגסטען ווי יענער? אויב ער וויל פון מיר קיין געלד ניט נעהמען, דארף איך איהם ארייבשיקען כאטש א שעהנע מתנה.“

און דער פרינץ האט איהם ארייגעשיקט מתנות, וואס זיינען געווען ווערט פינף מאל אזוי פיעל ווי דאס געלד, וואס ער האט בעצאהלט צו דעם ערשטען בעל אכסניא.

## נ מ ש ל

דאס גוטעס, וואס מיר טהוען צו אונזערע מיטמענשען, אבוואהל מיר ערווארטען דערפאר קיין לוין ניט, קומט דאך צוריק צו אונז פיעלפאך מעהר.

## 105
## ווייס ניט ווי צו ריידען

איינער איז געווען אוועקגעפאָהרען פון דער היים און האָט זיך געזאמט אין אַן אַנדער שטאָדט אַ לאַנגע צייט ווע־גען געשעפט. איין טאָג האָט ער אין גאַס געטראָפען אַ מענ־שען פון זיין שטאָדט. האָט ער איהם געפרעגט: „וואָס הערט זיך עפּעס אין דער היים?"

„אי," האָט יענער געענטפערט, „מיר האָבען געהאַט אַ שרפה אין שטאָדט."

דער סוחר האָט זיך דערשראָקען. ער האָט אָנגע־כאַפּט יענעם פאַר'ן האַנד און אַ געשריי געטהאָן: „וואָס האָט אָבגעברענט? זאָגט מיר, שנעל!"

„עס האָט אָבגעברענט..." האָט יענער גענומען ציהען, „עס האָט אָבגעברענט, פערשטעהט איהר מיך, בלויז די אַלטע חורבה, וואָס געפינט זיך ניט ווייט פון באָד. אָבער די באָד אַליין איז גאַנץ געבליבען."

דער סוחר האָט זיך בערוהיגט. נאָכדעם האָט ער גע־פרעגט:

„און וואָס הערט זיך אַזוי נייעס ביי אונז אין שטעד־טעל?"

„אייער ברודער האָט טויזענד רענדלעך, יאָ, גאַנצע טוי־זענד רענדלעך, אַט ווי איהר זעהט מיך אַ לעבעדיגען, גאַנצע טויזענד רענדלעך האָט ער—"

„וואָס האָט ער?" האָט דער סוחר אונגעדולדיג גע־פרעגט. „ער האָט פערלאָרען?"

„ניין, פערדיענט!" האָט יענער געענטפערט.

„זעהט, וואָס פאַר אַ שוטה איהר זייט," האָט איהם

דער סוחר פאַרגעהאַלטען. „צו וואָס האָט איהר מיר געדאַרפט אַזוי לאַנג ציהען די עצמות און מיר פערשאַפען אומזיסטע שרעק? צו וואָס האָט איהר מיר פריהער געדאַרפט זאָגען סתם אַזוי, אַז עס איז געווען אַ שרפה? איך האָב דאָך גע־מיינט, אַז מיין הויז האָט אָבגעברענט. און צו וואָס האָט איהר געדאַרפט אַזוי לאַנג באַלעמוטשען וועגען מיין ברודערס טויזענד רענדלער? איך האָב דאָך פון אָנפאַנג געמיינט, אַז ער האָט פערלאָרען אַזוי פיעל געלד. איהר האָט גלייך גע־דאַרפט ארוים מיט לשון און דערציילען פון דעם עיקר, פון די פרעהליכערע זייט.“

## נ מ ש ל

אָנפאַנגען דאַרף מען אימער מיט גוטעס.

# 106
# אָנגעלערנט דעם רב

איינער, אַ רייכער בעל הבית, האָט חתונה געמאַכט זיין זוהן. און אין די אַמאָליגע יאהרען איז געווען אַ מאָדע, אַז ווען אַ וואוילער בחור האָט חתונה געהאָט, פלעגט איהם אַריינשיקען דער רב פון שטאָדט אַ „מורינו בריעף“, עס הייסט אַ בריעף אין וועלכען ער קרוינט איהם מיט׳ן טיטעל „מורינו“. און אַזוי ווי דיזער בחור איז טאַקע געווען אַ וואויל לערנער און דערצו פון אַ זעהר פיינער משפחה אויך, האָט איהם דער רב ניט געקאַרגט צו געבען נאָך עטליכע שעהנע טיטלען און מיט אַ סך מליצה. אָבער איין פעהלער האָט דער בריעף געהאַט און דאָס איז, וואָס ער איז געווען גע־שריעבען אויף אַן אַלטען, ניט ריינעם שטיקעל פאַפיער, וועל־כער איז געווען פול מיט פלעקען. ווען דער גביר האָט דער־

זעהן דעם פאפיער האט עם איהם אביסעל פערדראסען, אבער אז ער האט איבערגעלעזען, וואס דארט איז געשטאנען, האט ער זיך געפרעהט. דאך האט ער זיך בערעכענט, דארף מען דעם רב א ביסעל אנלערנען, אויף א פיינעם אופן.

נאך דער חתונה, אז דער גביר האט געדארפט אבשיקען דעם רב זיין רח"ש, האט ער גענומען א פיינעם טארט מיט אלערליי פיינע געבעקס און דערצו א 20-רובעלדיגע אסיג־נאציע. ער האט די זאכען ארייגעלייגט אין אן אלטע, צו־שפאלטענע שיסעל וועלכע איז געווען ניט גאנץ ריין, ער האט די שיסעל צוגעדעקט מיט א שמוציגען טיכעל און דאס צוגעשיקט מיט א אינגעל. וואס איז געוועזן ניט ריינער פון טיכעל... אז דער רב האט דערזעהן די שמוציגע שיסעל האט עס איהם פערדראסען, אבער אז ער האט פערזוכט די גע־בעקס און האט דערזעהן די אסיגנאציע איז איהם געווארען פרעהליכער אויפ'ן הארצען.

עטליכע טעג שפעטער האבען זיך דער רב מיט'ן גביר בעגעגענט אין גאס. האט איהם דער רב געפרעגט: „וואס בעדייט עס, וואס איהר האט מיר געשיקט אזעלכע שעהנע מתנות אין א מיאוס'ער כלי?" האט איהם דער גביר גע־ענטפערט: „זאגט מיר, רבי, לאנג לעבען זאלט איהר. ווי קומט עס, אז איהר האט מיין זוהן געשיקט אזא שעהנעם „מורינו בריעף" אויף א שמוציגע שטיקעל פאפיער?"

## נמשל

איידער מיר בעקלאגען זיך אויף אונזערע פריינד, דאר־פען מיר צוערשט וויסען, אויב זיי האבען נים קיין טענ.ת צו אונז.

## 107
## ווען אַ שלעפּער איז אויך אַ יחסן

א גרויסער גביר האָט געוואָלט ווערן פּרנס חודש פון שטאָדט. האט ער גענומען ארבייטען אויף אלע כלים, אז אלע זאָלען פאר איהם שטימען ווען עס וועט קומען דער טאָג פון די וואהלען. ער האָט זיך אָנגעהויבען צוצושמייכלען צו אָרי־מע אזוי ווי צו רייכע, און אפילו מיט גאַנץ נידעריגע מענשע־לער פלעגט ער זיך אָבשטעלען אין גאס ריידען, פרעגען „וואָס זשע מאכסטו גוטער ברודער?, וואָס מאכט דיין ווייב און די קינדערלעך דיינע?"

איינמאָל האָט זיין פרוי צו איהם געזאָגט: „מיין מאַן! נעכטען האָב איך דיך געזעהן אין גאס ריידען מיט א שלעפּער, אַן אָבגעריסענעם, אַן אָבגעשליסענעם, און דו האָסט איהם געפּאַטשט אין פּלייצע, אזוי ווי ער וואָלט געווען דיי־נער א גלייכען, א גוטער ברודער. וואָס האָסטו צו טאָהן מיט אַזעלכע שלעפּער?"

„פערשטעהסטו מיך אזוי מיין ווייב," האָט דער מאַן געענטפערט. „יעצט פאר די וואהלען איז יעדער שלעפּער פּונקט אזא יחסן ווי דער גרעסטער גביר. די שטימע פון איין אָרימאַן קען אמאָל אריבערוועגען די וואָהלען פון מיין טובה וועגען. און, חלילה, איין שווארצע גאלקע וואָס א שלעפּער קען אריינוואַרפען קען מאכען, אַז איך זאָל פערלירען. דארום, מיין ווייב, דאַרף איך זיך היטען מיט דעם אָרימס־טען פון די אָרימע."

### נמשל

ווען עס קומט די עשרת ימי תשובה, דאַן מוז א איד זיך

היטען אפילו פון די קלענסטע עבירה, ווייל איין אײנציגע עבירה קען אמאל אריבערוועגען דעם וואגשאל ניט פון זיין טובה וועגען.

## 108
# אלט און נײ

צוויי אינגלעך האבען זיך אמאל געקריגט אין גאס. האט איינער פון זיי געזאגט: „מיט וואס פאר א העזה רעדסטו צו מיר אזוי חוצפה'דיג? ווייסטו דען ניט, אז מיין טאטע איז דער ראש הקהל, דער פיהרער פון שטאדט?"

„עס איז נאר ניט אזא גרויסער יחוס." האט דער אנדער אינגעל געענטפערט. „היינטיגע צייטען זיינען דא א סך באד־יונגען און זיי וועהלען אוים אזא ראש הקהל ווי זיי אליין זיינען, כדי ער זאל האלטען מיט זיי."

„דו נאר איינער!" האט דער ערשטער אינגעל אויסגערופען. „מיין טאטע איז דען ערשט געווארען א ראש־הקהל? ער איז דאך שוין לאנג א ראש הקהל, נאך פון אלטע צייטען אן, ווען די באד־יונגען האבען קיין דעה ניט געהאט, און נאר שעהנע מענשען האבען אויסגעוועהלט."

### נמשל

דאס אידישע פאלק מעג טאקע זאגען „אתה בחרתנו", ווייל זיי זיינען אויסערוועהלט געווארען פון דעם אייבערשטען אליין, שוין לאנג צוריק, ניט אזוי ווי אנדערע פעלקער, וואס האבען זיך אליין גרוים געמאכט דורך בלוט־פערגיסען.

## 109
# אַ ביישפּיעל פון ליעבשאַפט

אַ בעריהמטער גאון איז פאַר פיעלע יאהרען געווען רב אין אַ גרויסער שטאָדט. ווען ער איז שוין געוואָרען אלט האָט ער געוואָלט אַנקומען אין אַ קלענערען אָרט, אַ שטעד־טעל, וואו ער זאָל קענען לעבען רוהיג, פריי פון די פיעלע קהל'שע עסקים מיט וועלכע ער האָט זיך געמוזט אָבגעבען אין דער גרויסער שטאָדט. ווי דער שטייגער איז, האָט דער רב פריהער אַנגעפרעגט ביי די בעלי בתים. ער האָט זיי צוזאַמענגערופען צו זיך אויף אַ בעראַטהונג און האָט זיי געזאָגט, אַזוי און אַזוי איז די מעשה: „איך בין אַלט און מיעד. איך וויל מיינע עלטערע יאָהרען אָבלעבען רוהיג, און בכן איז ביי מיר געבליבען, אַז פאַר מיר איז די בעסטע זאַך זיך אויסצוזוכען אַ קליין שטעדטעל וואו איך וועל קענען לעבען מיט אַ רוהיגען קאָפּ. דאָך, אָהן אייער ערלויבנים וויל איך ניט אַוועק."

די בעלי בתים האָבען איינגעזעהן, אַז די רבנות אין זייער שטאָדט איז טאַקע געוואָרען צו שווער פאַר'ן רב, האָ־בען זיי איהם געגעבען די ערלויבנים אַנצונעהמען אַ רבנות־שטעלע אין אַן אַנדער אָרט, און דער רב האָט ניט לאַנג גע־וואַרט און האָט אָוועקגעשריבען אין אַ נאָהנטער שטעדטעל וועלכע האָט זיך גראָדע געוואַנטיגט אין אַ רב, אַז ער איז גרייט אַנצונעהמען ביי זיי די שטעלע און ער איז צופריעדען צו נעהמען די קליינע שכירות, וואָס זיי קענען געבען, ווייל דער עיקר ביי איהם יעצט איז צו קענען לעבען רוהיג.

ווען דער בריעף איז אַנגעקומען אין דער קליין שטעדטעל איז דאָרט געווען ששון ושמחה: ס'עפּעס אַ קלייניגקייט!

דער גרויסער וועלט־בעריהמטער גאון פון דער גרויסער שטאדט וויל זיין ביי זיי! האט מען געמאכט אן אסיפה, אויסגעקליבען די שעהנסטע בעלי בתים פון שטעדטעל און זיי געשיקט מיט א פאר פיינע קארעטעס צו ברענגען דעם אלטען רב מיט זיין גאנצע פאמיליע. אבער ווי די שלוחים מיט די קארעטעס זיינען אנגעקומען אין דער גרויסער שטאדט האבען זיך צוזאמענגעקליבען מענשען ארום די קא־רעטעס און געשריען, אז זיי וועלען זייער בעליעבטען רב ניט לאזען פאהרען. האט דער רב גע'טענה'ט: „וואס איז מיט אייך, רבותי? איך האב דאך אייך פריהער אנגעפרעגט און איהר אליין האט דאך געזאגט, אז איך קען פאהרען, טא ווארום האט איהר יעצט חרטה געקראגען?"

„איהר האט רעכט, רבי," האבען די שטאדטלייט גע־ענטפערט און זיי האבען געלאזט די קארעטעס צורוה.

שפעטער א ביסעל, ווען די בעלי עגלות האבען גענומען צורעכט מאכען די קארעטעס אום אוועקצופיהרען דעם רב מיט זיין הויזגעזינד נאך זייער שטעדטעל, האבען די מענשען פון דער גרויסער שטאדט זיי בעפאלען, זיי געשלאגען, צו־ביילט און צוואוואונדעט און געשריען: „אונזער טייערען רבי זייט איהר געקומען פון אונז אוועקנעהמען? אומזיסט אייער מיה — מיר וועלען איהם ניט לאזען פאהרען!"

זיינען די בעלי בתים, וואס זיינען געקומען פון דער קליינער שטעדטעל געגאנגען זיך קלאגען ביים רב אויף דעם, וואס מען האט געשלאגען זייערע בעלי עגלות. דער רב איז אוועק צו די שלעגער און האט זיי געפרעגט: „וואס איז מיט אייך ווידער? איהר האט דאך געזאגט, אז איהר וועט מיך לאזען פאהרען, טאר ווארום האט איהר שוין ווידער חרטה? און פאר וואס קומט די מענשען שלאגען?"

„רבי!" האבען די שלעגער געענטפערט. „מיר האבען ניט געמיינט די מענשען צו פערשאפען יסורים, אבער אונ־זער כונה איז געוועזן פון דיין טובה וועגען. מיר האבען זיך

געטראכט, אפשר וועלן אמאל די קליינשטעדטעלדיגע אידען דענקען, אז דו ביזט אוועק פון אונז, ווייל מיר האבען דיך מעהר ניט געוואלט האבען ביי אונז, און זיי וועלען דיר ניט געבען דעם כבוד וואס דיר קומט. האבען מיר זיי געוואלט צייגען ווי טייער דו ביזט ביי אונז, אז מיר האבען דיך ניט געוואלט לאזען אוועקפאהרען פון אונז."

## נמשל

אזוי האבען אויך געטאהן די מלאכים אין הימעל ווען דער אייבערשטער האט געוואלט געבען די תורה צו די אידען. זיי האבען געמאכט פראטעסטען און זיך שטארק ארויסגע־שטעלט דאגעגען, אז מען זאל די תורה צונעהמען פון הימעל און אוועקגעבען אויף דער ערד. און פראטעסטירט האבען זיי, כדי די אידען זאלען ניט מיינען, אז דער אייבערשטער האט זיי אוועקגעגעבען א זאך, וואס אין הימעל האט מען עס ניט געוואלט מעהר האבען.

# 110
## כבוד קאסט טייער

א בירגערמייסטער פון א גרויסער שטאדט האט אויס־געקליבען דריי אנגעזעהענע בעלי בתים אלס פארשטעהער פון שטאדט. יעדער איינער זאל האבען צו זאגען אויף א בעזונ־דער קווארטאל. איז דארט געווען איינער, א בעל הבית, וועלכער האט שטארק חשק געהאט צו דעם כבוד צו זיין א שטאדט פארשטעהער, און עס האט איהם זעהר פערדראסען, וואס דער בירגערמייסטער האט איהם ניט אויסגעוועהלט. איז דער בעל הבית, וועלכער איז געווען זעהר רייך, אוועק־געפאהרען צום מלך און האט דורך געלד און איינפלוס אויס־

געווירקט, אז דער קעניג זאָל שרייבען צום בירגערמייסטער, אז ער זאָל איינעם פון די דריי פאָרשטעהער ארונטערזעצען און יענעמס אמט אָבגעבען צו דעם בעל־הבית.

דער בעל הבית איז יעצט געפאָהרען אהיים מיט א פרעה־ליכען הארצען, אי ער האָט זיינס אויסגעפיהרט, אי ער וועט האָבען א נקמה אָן דעם בירגערמייסטער. אינצווישען האָט זיך געמאכט, אז די שטאָדט איז געוואָרען הינטערשטעליג אין צינזען, און לויט דעם אמאָליגען מנהג פלעגען די פאָר־שטעהער, אָדער פּרנסים, זיין פעראַנטוואָרטליך פאר דער שטאָדט. האָט דער בירגערמייסטער די אלע דריי ארייגגע־זעצט אין געפענגנים. דערווייל איז אָנגעקומען יענער בעל־הבית מיט א בריעף פון קעניג, וועלכער בעפעהלט דעם ביר־גערמייסטער, אַז ער זאָל איהם מאכען פאר א פאָרשטעהער. וואָס האָט דער בירגערמייסטער געטאָהן? ער האָט בע־פרייט איינעם פון די אַלטע פאָרשטעהער פון תפיסה און האָט אויף זיין אָרט ארייגגעזעצט דעם נייעם פאָרשטעהער.

נ מ ש ל

ווען איינער זוכט כבוד דאַרף ער זיין גרייט צו צאָה־לען פאר'ן כבוד.

## 111

## ווען האָט ער געמיינט?

א מגיד איז אמאָל געקומען אין א שטעדטעל אויף שבת און האָט דאָרט, אין שוהל, געהאַלטען א מוסר דרשה פאַר'ן עולם, ער האָט זיי געשטראָפט פאר זייערע שלעכטע מעשים און אויסגערעכענט אַלע זייערע חטאים. נאָכדעם, אז דער מגיד האָט זיין דרשה געענדיגט, האָט איינער פון די צוהע־

דער געזאָגט צו אַן אַנדערען: „דער מגיד האָט דען געזאָגט אַ ליגען? עס איז דען ניט אמת, אַז דו ביזט מחלל שבת? האָט מען דען ביי אידען געזעהן אַזאַ שרעקליכע זאַך?" און דער אַנדערער האָט איהם צוריק געענטפערט: „און דו עסט ניט קיין טרפות? און דיין ווייב מישט ניט פליישיגע געשיר מיט מילכיגע?"

ווען דער מגיד האָט געהערט פון דעם ווי די צוויי מענ־שען האָבען זיך געקריגט, האָט ער געלאַכט און געזאָגט: „אַ מאָדנע זאַך ווי מענשען זעהען נאָר פרעמדע פעהלערען. אָבער זייערע אייגענע פעהלערען זעהען זיי ניט."

נ מ ש ל

דאָס איז אַ משל אויף דעם, וואָס שלמה המלך האָט גע־זאָגט: „אם תכשוט את האויל במכתש בתוך הריפות בעלי לא תסור מעליו אולתו", עס הייסט: ווען דו וועסט שטויסען דעם נאַר אין אַ מערזע, צוזאַמען מיט די גרויפען, מיט אַ שטויסעל, וועט ער דאָך ניט ווערען קליגער. ער וועט זיך טראַכטען, אַז ניט איהם מיינט מען עס, נאָר די גרויפען.

## 112

# אַרויף און אַראָב

אַ שטאָדט פרנס איז איינמאָל אין כעס געוואָרען אויף אַ פּראָסטען מענשען און האָט איהם אויסגעפּאַטשט דעם פּנים. עס איז אַוועק אַ צייט, דער מזל האָט זיך איבערגע־דרעהט, דער פרנס האָט פערלאָרען זיין גאַנצען פערמעגען און איז געוואָרען אַן אָרימאַן, און דער געשלאָגענער פּראָס־טער מענשעל איז געוואָרען רייך און די שטאָדט האָט איהם געמאַכט פאַר אַ פרנס.

דער נייער פרנס האָט ניט געקענט פערגעסען וואָס דער אַלטער פרנס האָט איהם אַמאָל בעליידיגט. האָט ער פער־רופען אַן אסיפה פון די שעהנסטע בעלי בתים פון שטאָדט און זיי דערצעהלט, אַז יענער אַרימאַן, יענער שלעפער האָט אויסגעפּאַטשט איהם — דעם שטאָדט פרנס! דער עולם איז געוואָרען שטאַרק צוקאָכט אויף דער חוצפה און אַלע, בפה אחד, האָבען געשריען, אַז דעם חצוף קומט אַ גרויסע שטראָף.

אַז מען האָט געבראַכט דעם בעשולדיגטען צו הערען זיין שטראָף, האָט ער גענומען טענה'ן: „עס איז טאַקע אמת, אַז איך האָב איהם געפּאַטשט, אָבער ניט אַ פרנס האָב איך גע־פּאַטשט, נאָר אַ פּראָסטאַק, אַ קליין מענשעל, וויל די פּעטש האָב איך איהם געגעבען מיט יאָהרען צוריק, ווען איך בין געווען אַ פרנס, אַ חשוב'ער מענש, און ער איז געווען אַ שלעפער, אַ גאָרנישט. בכן קומט מיר קיין שטראָף ניט, צום וויינינגסטען, ניט אַזאַ גרויסע שטראָף.“

אָבער איינער פון די בעלי בתים האָט גע'טענה'ט: „ניין, מיר מוזען משפּט'ן לויט דעם שטאַנד פון דעם קלע־גער אין דער יעצטיגער צייט, ווען דער משפּט קומט פאָר. יעצט איז ער אַ פרנס, אַ חשוב'ער מענש, דער שעהנסטער בעל הבית אין שטאָדט, און דו ביזט אַן אַרימאַן, אַ קבצן, אַ גאָרנישט. טאַ, ווי קומסטו, דו שלעפער איינער, צו פּאַ־טשען אונזער פרנס?“

## נמשל

דאָס איז אַ משל געגען אונזערע עלטערען אין מצרים. ווען דער אייבערשטער וואָלט זיך אָנגענומען זייער קריוודע ווען זיי זיינען נאָך געווען קליין און ניעדריג, וואָלטען די מצרים ניט געהאַט אַזאַ גרויסע שטראָף. דארום האָט דער אייבערשטער געוואַרט ביז די אידען וועלען דערהויבען ווע־

רען און דאן האט ער זיך אנגענומען זייער קריוודע, און ערשט דאן האט ער געקענט די מצרים שטראפען אזוי שווער מיט די עשרה מכות.

## 113
## עס האט זיך ניט געלוינט

א שמש פון א קליינער שטעדטעל איז געווען שטארק אונצופריעדען פון זיין קליינע געהאלט, און אזוי ווי זיין ארימע קהלה האט איהם ניט געקענט געבען קיין הוספה, האט ער אוועקגעשריבען א בריעף צו קרובים וועלכע האבען גע־וואוינט אין א גרויסער שטאדט, און זיי האבען פאר איהם בעקומען א שטעלע אין א גרויסע שוהל מיט א געהאלט, וואס איז געווען צוויי מאל אזוי גרוים ווי ער האט בעקומען אין זיין שטעדטעל.

דער שמש האט ניט לאנג געטראכט. ער האט פערקויפט זיין ביסעל ארימקייט פאר א שיבוש, גענומען זיין ווייב און קינדער און האט זיי אוועקגעפיהרט נאך דער גרויסער שטאדט. ער איז אהין אנגעקומען גראדע אום ערב שבת. די בעלי בתים פון דער שוהל האבען פאר איהם אנגעגרייט אלעם אויף שבת, און דער שמש האט זיך א גאנצען שבת געפרעהט צוזאמען מיט זיין געזינד, וואס זיי וועלען מעהר ניט דארפען ליידען דחקות.

אבער זונטאג, אז די שמש'טע איז ארוים אין מארק איינקויפען וואס זי דארף האבען אין הויז צו קאכען און צו באקען, האט זי געזעהן אז אלעס איז דא צוויי מאל אזוי טהייער ווי אין זייער קליינער שטעדטעל. און ווען דער שמש האט זיך דערפון דערוואוסט, האט ער איינגעזעהן, אז ער האט גארנישט געוואונען מיט דעם וואס ער נעהמט יעצט א

גרעסערע געהאַלט, טאָפּעלט ווי ער האָט געהאַט אין זיין שטעדטעל.

נמשל

דער למדן, דער תלמיד חכם, פרעהט זיך וואָס ער שטעהט העכער פון דעם פּראָסטאַק, פון דעם עם הארץ, אָבער דער למדן דאַרף ניט פערגעסען, אַז מיט איהם איז דער אוי־בערשטער פיעל שטרענגער, און אויב ער פערזינדיגט זיך אַמאָל וועט עס איהם קאָסטען אַ סך טייערער ווי דעם עם הארץ.

## 114
## אַ מענש פערגעסט שנעל

אַ גרויסער פריץ וואָס האָט געהאַט אַ סך שטעדט און דערפער האָט איין שטעדטעל געמאַכט אַ מתנה צו זיינעם אַ פריינד, אַז ער זאָל דאָרט זיין דער הערשער און נעהמען צינזען און שטייערען פון די איינוואָהנער. און דער פריץ האָט דעם פריינד געגעבען אַזאַ שרייבען, וואָס האָט איהם געמאַכט פאַר דעם גזועצליכען אייגנטימער פון דער שטעד־טעל.

אַ צייט שפּעטער האָט דער זעלבער פריץ געוואָלט טאָהן אַ טובה זיינעם אַן אַנדער פריינד, האָט ער דעם פריינד אַרויסגעגעבען אַ שרייבען אַז ער האָט דאָס רעכט צו וואוי־נען וואו ער וויל, אין אַלע שטעדט און דערפער וואָס גע־הערען צום פריץ, און דער פריינד איז פּטור פון צאָהלען צינזען און שטייערען.

האָט דער אַנדער פריינד זיך גראַדע בעזעצט אין יענער שטעדטעל וואָס דער פריץ האָט אוועקגעשענקט צו דעם

ערשטען פריינד. און נאָכדעם ווי ער איז דאָרט אָבגעזעסען אַ קורצע צייט, איז דער נייער אייגענטהימער פון שטעדטעל געקומען ביי איהם מאַהנען צינזען און שטייערען.

„איך האָב אַ שרייבען פון אונזער פריינד דעם פריץ, אַז איך קען וואוינען אין אַלע זיינע שטעדטלעך און איך בין פריי פון צו צאָהלען צינזען,“ האָט דער ניי־אָנגעקומענער געזאָגט.

„וואָס האָט דער פריץ דאָ פאַר אַ דעה?“ האָט דער ערשטער אויסגערופען מיט חוצפה. „די שטעדטעל האָט ער מיר אוועקגעשיינקט און איך בין דאָ דער גאַנצער הערשער, און ער האָט מעהר דאָ ניט וואָס צו זאָגען!“

## נ מ ש ל

אַ מענש האָט אַ שוואַכען זכרון. ער פערגעסט, אַז אַלעס וואָס ער האָט, איז איהם געגעבען געוואָרען ניט פאַר איהם אליין, נאָר ער זאָל אנדערע אויך לאָזען געניסען פון זיין האָב און גוטס.

## 115
# חרטה אויפ׳ן שידוך

אַ פראַסטער מענשעל האָט זיך אַרויפגעאַרבייט און איז געוואָרען זעהר רייך. האָט ער געהאַט אַ טאָכטער. זיינע געקומען שדכנים און האָבען פאַר איהם פאָרגעלייגט צוויי שידוכים: איינער מיט אַ גביר׳ישען בחור, וועלכער איז געווען אַ שלעכטער, אַ צולאָזענער און אַ פוסטער יונג; דער אנדערער איז געווען מיט אַ רב׳ס אַ זוהן, אַ וואוילער בחור און אַ גרויסער לערנער. אָבער מען האָט איהם געזאָגט, אַז דער רב איז אַ גרויסער אָרימאַן און ער קען ניט געבען קיין

כלה מתנות. האט דער אויפגעקומענער גביר געזאגט: „מיר געפעלט בעסער דער שידוך מיט'ן רב, אבער עפעס מוז ער דאך געבען. ער דארף מאכען זיין זוהן חתונה־קליידער, ווי עס פיהרט זיך ביי לייטען, און פאר דער כלה איז גענוג, אז ער זאל צום ווייניגסטען קויפען א פאר אוירינגלעך.“ אבער דער רב האט געענטפערט: „איך וועל גארנישט געבען. און אויב מיין זוהן געפעלט איהם, זאל ער איהם נעהמען אזוי ווי ער שטעהט און געהט.“

ווען דער אויפגעקומענער גביר האט דאס געהערט, האט ער געענטפערט: „אויב אזוי, וועל איך טאהן א שידוך מיט דעם גביר. ער וועט מיין טאכטער מאכען שעהנע כלה־מתנות. וואס טויג מיר א מחותן וואס איז א קבצן?“

אבער די פריינד פון דעם אויפגעקומענעם גביר האבען צו איהם גענומען ריידען און מיט איהם טענה'ן: „ס'טייטש! דו לאזט ארויס פון האנד אזא גרויסען יחוס־שידוך? וואס דארפסטו כלה־מתנות? ווייניג האסטו?“ און זיי האבען אזוי לאנג גערעדט, ביז דער אויפגעקומענער גביר האט איינגעזעהן, אז זיי האבען רעכט. איז ער אוועק צום רב און האט געוואלט שליסען מיט איהם דעם שידוך.

„ניין, מיין פריינד!“ האט דער רב געזאגט. „יעצט האב איך חרטה. פריהער זייט איהר מיר געפעלען געווארען שוין צוליעב דעם, וואס איהר האט בעסער אויסגעוועהלט אן ארים בחור, וואס קען לערנען, איידער א פוסטען יונג, וואס האט א רייכען טאטען; אבער וויבאלד איהר האט חרטה געהאט, האב איך אויך חרטה געהאט און וועל שוין בלייבען ביי מיין חרטה. יעצט, אז איהר וועט מיר אפילו אבוועגען מיין זוהן מיט גאלד, וועל איך איהם אייך אויך ניט געבען פאר קיין איידים!“

## נמשל

אזוי איז געווען מיט די מרגלים. נאכדעם ווי זיי האבען אנגערעדט שלעכט אויף דער הייליגער לאנד און די אידען

האבען געזאגט, אז עס וואלט בעסער געווען זיי זאלען געהן צוריק אין מצרים, האט דער אייבערשטער געזאגט:

„וויבאלד עס פעהלט אייך דער פיינער געפיהל צו בע־גרייפען די שעהנקייט און די הייליגקייט פון לאנד, וויל איך מיט אייך קיין שידוך ניט מאכען, און אייך וועל איך דאס לאנד ניט געבען."

## 116
## ווער דארף צאהלען?

א מאן איז געקומען אין א וויין־געשעפט און האט זיך געהייסען געבען עטליכע פלעשער פון דעם בעסטען וויין. דער וויינהענדלער איז ארונטער אין קעלער, האט ארויפגע־טראגען די פלעשער וויין און ארויפגעשטעלט פאר'ן קונה אויפ'ן טיש. אזוי ווי דער קונה רעדט מיט איהם, איז אריינ־געקומען א שיכור, וואס האט זיך ניט געקענט האלטען אויף די פיס און האט זיך געשאקעלט אין אלע זייטען. דער שיכור איז צוגעגאנגען גלייך צום טיש, און איידער מען האט איהם געקענט אבהאלטען, האט ער א פאל געטאן, מיטשלע־פענדיג דעם טיש צו דער ערד, און די פלעשער וויין האבען זיך צובראכען.

דער וויינהענדלער האט געכאפט א שטעקען און האט דעם שיכור געשלאגען, צוקיילט און צובייזלט, און געשריען אויף איהם: „זעה, דו שיכור איינער! זעה, וואס פאר א גרויסען שאדען דו האסט אנגעמאכט!" דער קונה זיצט און קוקט זיך צו ווי דער וויינהענדלער שלאגט דעם שיכור, און ער איז זעהר נייגעריג צו וויסען פארוואס דער וויינהענדלער שלאגט דעם שיכור: צי ער שלאגט איהם פאר זיין איינגע־נעם שאדען און ער רעכענט ניט, אז דער קונה דארף איהם

בעצאהלען, אדער ער רעכענט אז דער קונה דארף איהם יא בעצאהלען, און ער איז זיך נוקם פון שיכור פאר דעם שאדען, וואס ער האט געטאהן צום קונה.

פרעגען האט דער קונה ניט געוואלט, ווייל אז מען פרעגט א שאלה איז דאך טריף. האט דער קונה זיך גע־קלינגט און האט צוגערופען דעם וויינהענדלער'ס א אינגעלע, וואס איז דארט געשטאנען, און האט איהם געזאגט: „פרעג דעם טאטען פארוואס ער האט דעם שיכור אזוי געשלאגען.“ דער קונה האט זיך געטראכט, אז פון דעם ענטפער וועט ער קענען וויסען וועמעס שאדען דאס איז. וועט דער וויינ־הענדלער זאגען: „זעהסט ניט, מיין קינד, וואס פאר א שאדען ער האט מיר געמאכט?“ וועט עס זיין א סימן, אז ער וועט ניט דארפען צאהלען. אבער אויב ער וועט ענט־פערען: „זעהסטו דען ניט וואס פאר א שאדען ער האט געמאכט דעם קונה?“ איז א סימן, אז דער וויינהענדלער ריכט זיך, אז דער קונה וועט איהם בעצאהלען.

דער אינגעלע איז צוגעגאנגען צו זיין פאטער און האט געפרעגט. „וואס פרעגסטו פאר א קשיות?“ האט דער פא־טער אויסגערופען. „זעהסטו ניט וואס פאר א שאדען ער האט געמאכט צו דעם הערר?“ דא האט דער קונה פער־שטאנען, אז דער וויינהענדלער ערווארטעט אז ער זאל בע־צאהלען פאר די וויין.

אבער ווען דער וויינהענדלער האט דעם קונה דערלאנגט א רעכנונג און געבעטען בעצאהלט, האט דער קונה געענט־פערט: „אויב איך בעצאהל דארף איך דאך קריגען וויין. געלד אהן סחורה גיב איך ניט.“

איז ביי זיי געבליבען, אז זיי זאלען געהן צום רב אויף א דין תורה. נאכדעם ווי דער רב האט אויסגעהערט ביידענס טענות, האט ער געזאגט: „די זאך איז אזוי: מען דארף צוערשט וויסען וועד עס האט דעם שיכור געבראכט אין שענק. אויב ער איז דעם קונה'ס א בעקאנטער און ער

איז געקומען זעהן דעם קונה, איז דאס זיין שיכור און זיין שאדען, און ער דארף בעצאהלען. אבער אויב דער שיכור איז א בעקאנטער פון דעם וויינהענדלער און ער איז געקומען צו איהם, איז דאס דעם וויינהענדלער'ס שיכור און זיין שאדען."

## נמשל

משה האט געוואוסט אז די מדינים דארפען קריגען א גרויסע שטראף פאר דעם וואס זיי האבען אראבגעפיהרט די אידען פון גלייכען וועג און זיי געבראכט צו זינד. אבער משה האט ניט געוואוסט אויב די מדינים קומט א שטראף פאר דעם וואס זיי האבען אליין געזינדיגט געגען גאט, אדער פאר דעם וואס זיי האבען געמאכט אז די אידען זאלען זינ־דיגען. אין לעצטען פאל וואלטען דאך די אידען געוועז פטור פון שטראף, ווייל זיי זיינען דאך ניט געווען שולדיג אין דעם וואס די מדינים האבען זיי פערפיהרט.

און ווען דער אייבערשטער האט געזאגט צו משה'ן, אז די אידען וועלען בעשטראפט ווערען פאר דעם וואס זיי האבען זיך געלאזט פערפיהרען פון די מדינים און געזינדיגט, האט משה גע'טענה'ט: „רבונו של עולם! ווען מיר וואלטען נים נעהים דיין תורה און דיינע מצוות, וואלטען די מדינים אונז גאר קיין שונאים נים געווען. זיי האבען אונז שלעכטס געטאהן נאר צוליעב דיין תורה, דארפסטו זיי שטראפען ווייל זיי האבען דיר געטאהן שאדען. דיין טייערען ווייז האבען זיי פערגאסען, און דערפאר דארפסטו זיי שטראפען, ווייל דער שאדען איז אינגאנצען דיינער."

## 117
## דער נאַר מיט׳ן זייגער

א נאר האט איינמאל געקויפט א זייגער. ער איז אבער געווען אזוי נאריש, דאס ער האט ניט געוואוסט אז א זייגער דארף מען אנציהען, אום די ספּראַנזשינע זאל בעוועגען דעם האמערל, און דער האמערל זאל בעוועגען די קלענערע רעדעלעך, און די קלענערע רעדעלעך זאלען בע־וועגען די גרעסערע. וואס פלעגט דער נאר טאהן? אז ער האט בעגעגענט א מענשען אין גאס, האט ער איהם געפרעגט וויפיעל האלט זיין זייגער, און נאכדעם ווי יענער פלעגט איהם זאגען, פלעגט ער מיט זיין האנד אננעהמען דעם ווייזער און ארויפשטעלען אויפ׳ן ציפערבלאט אויף יענער שטונ־דע. דער נאר האט געמיינט אז דער גאנצער שכל פון א זייגער איז אליין צו שטופען די ווייזערס . . .

איינמאל האט א קלוגער מענש געזעהן ווי דער נאר שטעהט ביים שטאדט־זייגער און ארבייט מיט די ווייזערס פון זיין זייגער. „דו נארישער מענש! האט אויסגערופען דער חכם. „ביי דיר קומט אויס אז דער זייגער־מייסטער האט אומזיסט זיך בעמיהט צו מאכען די אלע רעדעלעך מיט דער גאנצער וואונדערליכער מאשין, וואס ארבייטען אלע אינ־איינעם, אין דער בעסטער ארדנונג, פאר איין צוועק, פאר איין ציעל! און דערפאר דרעהסטו אליין די ווייזערס און דו ווייסט ניט אויף וועלכער וועלט דו ביזט!“

### נ מ ש ל

דער רשע, וואס האט ליעב נאר זיך אליין, פערשטעהט ניט אז די וועלט איז אזוי איינגעארדענט, אז יעדער מענש

העלפט איינער דעם אנדערען, און יעדער מענש טוהט זיין טייל ארבייט פון דער וועלט פאר'ן גאנצען כלל. דער רשע לעבט נאר פאר זיך, פאר זיין אייגענעם נוצען, און ער דרעהט אליין די ווייזערס פון זיין לעבען, ווי יענער נאר.

## 118
## די שטראף פון א פרעסער

אמאל איז געווען א איד א עושר, וואס האט שטארק געהאלטען פון הכנסת אורחים. ער האט ליעב געהאט צו געבען מענשען עסען, סאי היגע און סאי פרעמדע. ער האט פאר דעם צוועק געהאט א בעזונדער הויז, וואוהין די געסט פלעגען קומען און קריגען צו עסען וויפיעל זיי האבען געוואלט. און פאר יעדען גאסט האט ער געהאט בעזונדערע מאכלים, לויט דעם שטאנד פון דעם גאסט, לויט דעם ווי ער איז געוואוינט געווען צו עסען ביי זיך אין דער היים. אז א גאסט פלעגט אריינקומען און דער בעל־הבית פלעגט בלויז אויף איהם א קוק טאהן, פלעגט ער שוין וויסען וואו איהם אוועקצוזעצען און וואס איהם צו געבען עסען.

איינמאל איז געקומען א שעהנער בעל־הבית, זעהר בכבוד'יג אנגעטאהן, און אז דער מכנים אורח האט איהם דערזעהן, האט ער באלד זיך אנגעשטויסען אז דאס איז א פיינער, איידעלער מענש. האט ער דעם שעהנעם גאסט אוועקגעזעצט אויבען־אן, צווישען די פיינסטע מענשען, און מען האט פאר איהם דערלאנגט געבראטענע הוהן און געקאכטע רייז מיט זאפרען. דער גאסט האט געגעסען. עסענדיג האט ער בעמערקט, אז א ביסעל ווייטער זיצען געסט און עסען פאסאליעס נעקאכט מיט מארך־ביינער. דאס זיינען געווען שוין ניט אזעלכע געהויבענע געסט. און נאך ווייטער

האט ער געזעהן זיצען ארימע, אזעלכע וואס שלעפען זיך ארום איבער די הייזער, און פאר זיי איז געווען געגרייט בולבע מיט הערינג.

דער שעהנער גאסט האט זיך פערקוקט אויף די ארימע־לייט, וואס האבען געגעסען די בולבע מיט הערינג מיט גרויס אפעטיט, האט עס צורייצט זיין גומען און עס האט איהם אנגענומען א שטארקער חשק צו געניסען דעם גראבען מאכל. האט ער אויסגעשטרעקט זיין האנד, זיך אריבערגעבויגען איבער דער לענג פון טיש און מיט זיין גאפעל איז ער אריינ־געקראכען אין דער שיסעל בולבע מיט הערינג, געגעסען מיט גרויס אפעטיט און זיך אזש פאסמאקעוועט.

ווען דער בעל־הבית, דער מכנים אורח, האט דאס דער־זעהן, האט ער א כאפ געטאהן דעם שעהנעם גאסט פאר'ן קאלנער, האט איהם אויפגעהויבען פון זיין ארט און איהם אריבערגעשלעפט צום ברעג טיש, צווישען די ארימע לייט, און האט צו איהם געזאגט:

„איך האב געמיינט אז דו ביזט אן איידעלער מענש, האב איך דיך אוועקגעזעצט צווישען פיינע, איידעלע מענשען און געהייסען אז מען זאל דיר געבען פון דאס בעסטע וואס איך האב, אבער זעהענדיג אז די גראבע אכילות געפעלען דיר בעסער, טא געה זיץ צווישען די שלעפער. דא איז דיין ריכטיגער ארט!"

נמשל

אזוי איז מיט אונז אידען. דער אייבערשטער האט אונז אוועקגעזעצט אין א שעהנער לאנד און האט אונז גע־געבען א תורה מיט א בית המקדש, אבער מיר האבען בע־קומען חשק צו עבודה זרה און צו אלע גראבע עבירות. האט דער אייבערשטער אונז פערטריבען פון אונזער לאנד און האט געזאגט: „איהר ווילט דיענען עבודה זרה, טא געהט צווישען די גוים. דא איז אייער ריכטיגער ארט."

## 119
# דער מיטעל און דער צוועק

א רייכער מאן האט געהאט צוויי זיהן. ווען דער עלטסטער איז געווארען א חתן און דער מחותן האט איינגעלייגט דעם נדן ביי א שליש, האט דעם חתן'ס פאטער אויך איינגעלייגט א גרויסע סומע געלד, נדן פון חתן'ס צד. דער אינגערער ברודער האט געזעהן ווי זיין פאטער גיט דעם עלטערען ברודער אזוי פיעל געלד, האט ער דעם פאטער געפרעגט: „פארוואס זאלסטו מיר אויך ניט געבען אזוי פיעל געלד? מיט וואס בין איך ערגער פון מיין ברודער?" האט דער פאטער איהם געענטפערט: „דו, נארעלע! דיין ברודער איז דאך געווארען א חתן און דאס געלד וואס איך האב פאר איהם איינגעלייגט איז נדן־געלד, אבער דו ביזט נאך זעהר יונג. אז דו וועסט ווערען א חתן וועל איך דיר אויך געבען. אדרבה, נעהם און פערשרייב אלעס וואס איך גיב צו דיין ברודער און איך וועל זיך אונטערשרייבען, אז אלעס וואס איך גיב יעצט צו דיין ברודער זאל איך דיר אויך געבען ווען עס וועט קומען דיין צייט חתונה צו האבען."

דער אינגעל האט אזוי געטאהן. ער האט גענומען א ביכעלע און האט אין דעם פערשריבען וויפיעל געלד דער פאטער האט איינגעלייגט פאר דעם עלטערען ברודער. נאכדעם אז עס זיינען געקומען די שניידער מיט טייערע קליידער־שטאפען און האבען אראבגענומען א מאס פון דעם חתן און געשניטען די שטאפען, אום צו מאכען פאר איהם פערשיעדענע מלבושים, האט דער אינגערער ברודער פערשריבען אין זיין ביכעלע די פערשיעדענע קליידער־שטאפען, וואס זיי האבען געקאסט, און וויפיעל אנצוגען מען האט פון זיי גע־

מאכט. דאס האט ער אַלץ געטאָהן אום צו וויסען וואס ער וועט האבען צו מאכען ווען ער וועט אַליין ווערען אַ חתן.

נאָכדעם אַז מען האט געקויפט מתנות פאַר דער כלה: אויריינגלעך, בראסלעטען, שנירלעך פערל און דאס גלייכען, האט דאס דער אינגערער ברודער אויך פערשריבען אין זיין ביכעל, אום ער זאָל געדענקען וואס צו מאַהנען פאר זיין כלה.

ווען די חתונה־קליידער זיינען פארטיג געוואָרען, האט דער פאטער זיי אויפגעהאנגען אין אַ קליידער־אַלמער און פערשלאָסען. אָבער גנבים האבען אַ פאר טעג שפעטער דעם שלאָס אויפגעבראָכען און האבען די קליידער ארויסגע׳גנב׳עט.

דער פאַטער האט גלייך געקויפט אַנדערע קליידער־שטאָפען און די שניידער האבען זיך ווידער גענומען צו דער ארבייט צו נייהען אנדערע קליידער פאר דעם חתן. דער אינגערער ברודער האט ווידער ארויסגענומען זיין ביכעלע און האט ווידער גענומען איינשרייבען וואס פאר אַ קליידער מען מאכט פאר זיין ברודער. און ווען דער פאטער האט איהם געפרעגט: „וואס שרייבסטו יעצט איין?“ האט דער אינגעל געענטפערט: „מיר האבען דאך אָבגעמאכט אַז אַלעס וואס דו וועסט מאכען פאר מיין ברודער, וועסטו מאכען אויך פאר מיר. מאַכסטו איהם מעהר קליידער, וועסטו מיר אויך מוזען מאכען מעהר קליידער.“

עטליכע טעג פאר דער חתונה האבען גנבים ווידער בע־גנב׳עט די הויז און צוגענומען די נייע קליידער. האט מען שנעל געמוזט זיך נעהמען צו דער ארבייט און מאכען צום דריטען מאָל קליידער פאר׳ן חתן. קוים מיט צרות האט מען די קליידער פארטיג געמאכט עטליכע שטונדען פאר דער חופה.

און דער אינגערער זוהן האט צוגעשריבען אין זיין ביכעלע אויך די לעצטע קליידער, וואס מען האט געמאכט פאר זיין ברודער.

מען האט מיט מזל אָבגעפראוועט די חתונה. אויף דעם

אנדערען טאג, נאך דער חתונה, אז דער חתן מיט די מחותנים זיינען ארוים אביסעל שפאציערען אין דעם מחותן'ס וויינ־גארטען, און דער קליינער ברודערל האט זיך נאכגעשלעפט, האט דער חתן גענומען דערציילען פון זיין פאטערס ליעב־שאפט און גוטסקייט, ווי ער האט איהם גענייהט חתונה־קליידער דריי מאל, ווייל צוויי מאל האבען גנבים די קליידער צוגע'גנב'עט.

„דו זאגסט ניט ריכטיג," האט דער אינגערער ברודער זיך ארייגעמישט.

„ווארום זאג איך ניט ריכטיג?" האט דער עלטערער געפרעגט. „דער טאטע האט מיר געמאכט אנדערע קליי־דער, ווייל די ערשטע האט מען גע'גנב'עט. ניט אזוי?"

„ניין, ניט אזוי," האט דער אינגערער ברודער געענט־פערט. „דערפאר האט מען די ערשטע קליידער גע'גנב'עט, כדי דער פאטער זאל מ י ר מאכען אנדערע קליידער. איך אליין האב אנגעשיקט די גנבים, אז זיי זאלען צו'גנב'ענען דיינע קליידער און דורכדעם וועט דער טאטע מיר דארפען מאכען דריי מאל אזוי פיעל חתונה־קליידער."

## נ מ ש ל

מיט דעם משל ווערט ערקלערט דער מדרש, וואס זאגט אז די נסים, וואס דער אייבערשטער האט געטאהן צו די אידען אין מדבר, האט ער ניט געמוזט טאהן ווייל די אומ־שטענדען האבען דאס געפאדערט. ניין; דער אייבערשטער האט די אידען בכיון געפיהרט אין אזא ארט, וואו זיי וועלען דארפען אנקומען צו נסים, אום זיי זאלען זיך קענען איבער־צייגען אין זיין גרויסקייט. די נסים זיינען געגען א צוועק און א מיטעל צוזאמען.

## 120
# אַ נאַר טאָהר מען ניט ווייזען קיין האַלבע אַרבייט

אַ פאַטער האָט געהאַט צוויי זיהן. איינער איז געווען אַ קלוגער, דער אַנדערער אַ נאַר. אַז דער נאַר איז שוין געוואָרען אַ גרויסער בחור און עס איז צייט געווען פאַר איהם צו טאָהן אַ שידוך, האָט איהם קיינער ניט געוואָלט. און ניט אַזוי צוליעב זיין נאַרישקייט האָט איהם קיינער ניט געוואָלט, נאַר ווייל עס איז מיט איהם געווען נאָך אַן ערגערע צרה: ער האָט זיך געהאַלטען פאַר אַ גרויסען חכם און די גאַנצע וועלט פאַר משוגעים.

האָט דער פאַטער גענומען זוכען אַן עצה ווי אַרויסצוטרייבען פון דעם נאַרישען זוהן זיין משוגעת. האָט ער געהייסען דעם קלוגען זוהן, אַז ער זאָל זיין נאַרישען ברודער נעהמען אויף אַ רייזע איבער דער וועלט. אַז ער וועט זעהן די גרויסע וועלט און זיך צוקוקען צו דעם לעבען פון פערשיעדענע מענשען וועט ער אפשר ווערען קליגער. צום ווענינגסטען וועט ער זיך דערוויסען, אַז ער איז ניט אַזאַ חכם און לייטען זיינען ניט אַזוי נאַריש.

איינמאָל זיינען די צוויי ברידער אָנגעקומען אין אַן אָרט און זיי האָבען געזעהן אַ גרויסע געביידע, אַ פאַבריק, וואו עס האָבען זיך געפונען די טייערסטע געהילצען ווי קליאָן־האָלץ, טענענהאָלץ און מאַהאַגאָני און אַ מענש שטעהט און האַקט די האָלץ אין שטיקלעך. רופט זיך אָב דער נאַר: „נו, ברודער, וואָס זאָגסטו צו דעם? בין איך ניט גערעכט, אַז איך זאָג דאָס די וועלט איז משוגע?“ דער קלוגער ברודער שווייגט און זאָגט קיין וואָרט ניט.

זיי געהען ווייטער. זיי געהען פערביי א הויז און זע־הען דורך דעם אפענעם פענסטער ווי אויף א טיש ליגען אנ־געווארפען זיידענס און סאמעטס און א מאן שטעהט און שניידט עס אויף שטיקער. האט דער נאר אויסגערופען: „זעה, קוק אן דעם משוגענעם! ער נעהמט אזעלכע גוטע סחורה און פיהרט עס איבער!"

זאגט צו איהם דער קלוגער: „אפשר ביזטו גערעכט, נאר לאמיר אריינגעהן אינוועניג, און די זאך בעסער בע־טראכטען." ווען זיי זיינען אריין אינוועניג, האבען זיי גע־זעהן ווי שניידער נעהמען צוזאמען די צושניטענע שטיקער זיידענס און סאמעט און מאכען פון זיי חתונה־קליידער און יום־טוב'דיגע מלבושים. דער נאר האט זיך פערקלערט.

„און איצטער לאמיר געהן צוריק אין יענער הויז," האט דער קלוגער געזאגט און האט איהם אוועקגעפיהרט צו דער פאבריק. ווען זיי זיינען אריין אינוועניג, האבען זיי גע־זעהן ווי סטאליארעס קלייען צוזאמען די צושניטענע שטי־קער האלץ און מאכען פון די שטיקלעך די פיינסטע מעבעל. דא האט שוין דער נאר אראבגעלאזען זיין קאפ. ער האט פערשטאנען, אז מען קען ניט מאכען קיין מעבעל פון האלץ און קיין קליידער פון זייד, איידער מען צושניידט דעם מא־טעריאל אין שטיקער. און זייט דאן האט ער אויפגעהערט צו שרייען, אז די וועלט איז משוגע.

## נ מ ש ל

מיר נארישע מענשען זיינען בלינד צו זעהן און פער־שטעהן די וועגען פון דער השגחה. אונז דוכט זיך אויף פיעלע זאכען, אז זיי זיינען א רעה פאר אונז. אבער פון דער רעה וואקסט אונז אויס א טובה.

## 121
# אי געלד פערלוסט, אי בויכווייטאג

א בעקער איז געשטאנען אין מארק מיט א טישעל זיסע געבעקס. א לץ איז צו איהם צוגעקומען און האט געפרעגט: „פיעל ווילסטו פאר דיין גאנצען טישעל סחורה?" דער בעקער האט א טראכט געטאהן און געענטפערט: „איך קען דאס ניט פערקויפען אונטער צוויי רענדלעך." האט דער לץ געזאגט: „איך וועל דיר געבען צוויי רענדלעך, בתנאי, אז דו זאלסט אליין אויפעסען אלעס וואס איז דא אויפ'ן טישעל. א קיכעל זאל ניט פערבלייבען." דעם בעקער איז דער עסק געפעלען געווארען און ער האט גענומען עסען. פון אנפאנג איז דאס איהם געגאנגען לייכט. איין קוכען, איין טארט, ווידער א קוכען און ווידער א שטיק שטרודעל. נאכדעם האט עס אנגעהויבען צו געהן א ביסעל שווערליך. אבער וואס טוהט ניט א איד צוליעב פרנסה? טוהט ער זיך אן כח און שטופט זיך אין האלז, איבערגוואלד. קוים מיט צרות, ער האט אבגעליידיגט דעם טישעל. „עס זיינען נאך דא ברעקלעך," צייגט איהם דער לץ אויפ'ן טיש. נעהמט דער בעקער און שארט צוזאמען די ברעקלעך און שטופט זיי אויך אריין צו זיך אין האלז.

אבער ווי דער ארימער בעקער שטעלט אוים זיין האנד צו נעהמען די צוויי רענדלעך, צולאכט זיך דער לץ הויך אויפ'ן קול, ענטלויפט און ווערט פערשוואונדען. דער בעקער בלייבט שטעהן מיט אויסגעגלאצטע אויגען און ווייס ניט וואס צו טאהן. טראכט ער זיך: פערפאלען! שרייען וועט מיר ניט העלפען. איך וועל זיך בלויז אנמאכען לייטישע גע־

לעכטער. איך בין אליין שולדיג. ניט געזאָלט מאַכען נע־שעפטען מיט א ליץ.

א ביסעל שפּעטער האָט דער בעקער בעקומען גרויס בויכווייטאַג. זיין מאַגען האָט ניט געקענט פערטראַגען אזא שווערע מאַסע זיסעס. דאַ האָט ער געמוזט שרייען. דער ווייטאַג איז געווען גרעסער פון די שאַנדע.

נ מ ש ל

אַזוי איז מיט דעם זינדיגען מענשען. דער יצר הרע, דער ליץ, נאַרט איהם אָב. ער רעדט איהם איין זיך איבער־צופּאַקען מיט עולם הזה, און כאָטש דער מענש זוכט אין אַנפאַנג פערשוויינען זיין פעהלער, מוז ער דאָך סוף כל סוף שרייען און קלאָגען אויף דעם, וואָס ער האָט זיך בענאַרישט, וויל ער הויבט אָן צו פיהלען דעם ווייטאַג וואָס איז נאָך ער־גער פון דער שאַנדע.

## 122
## דער אָרימאַן און דער בעל עצה

אַז אָרימאַן איז געקומען אויף א ירידֿ. האָט איהם בעגעגענט א ליץ, א שפּאַס־טרייבער, און האָט איהם געגעבען שלום עליכם. נאָכדעם האָט דער ליץ געפרעגט: „פון וואַנען קומט א איד און וואָס טהוט איהר דאַ?“ האָט דער אָרימאַן פאַר איהם אויסגעגאָסען זיין ביטער הארץ און געזאָגט, אַז ער האָט שוין צוויי טעג ניט געגעסען און אַז ער האָט ניט וואו איבערצונעכטיגען די נאַכט און זיך אָברוהען פון זיין לאַנגען וועג. „קום צו מיר אהיים,“ האָט דער ליץ געזאָגט, „און איך וועל דיר געבען א צימער און עסען און אַלץ וואָס דו ווילסט.“ דער אָרימאַן האָט זיך דערפרעהט, מיינענדיג,

אז ער האט געטראפען א גוטען מענשען, א בעל צדקה. איז ער מיט דעם ליץ געגאנגען. דער ליץ האט איהם אוועקגע־פיהרט אויף אן אכסניא און האט דארט געזאגט צו די דינער: „גיט איהם א שעהנעם צימער און עסען און אלעם וואס ער פערלאנגט." נאכדעם איז דער ליץ אוועק.

דער ארימאן איז דארט אבגעשטאנען א פאר טעג, און נאכדעם האט ער זיך בערעכענט, אז עס איז שוין צייט פאר איהם צו געהן ווייטער. ווען ער האט גענומען זיינע פעקלעך און האט געוואלט ארויסגעהן, האט איהם דער בעל אכסניא אבגעהאלטען און געזאגט: „רבי קרוב! זייט אזוי גוט און בעצאהלט פריהער פאר אייער צימער און פאר'ן עסען."

„ס'טייטש!" האט דער ארימאן אויסגעשריען און הענד און פיס האבען ביי איהם געציטערט. „יענער האט דאך מיר געזאגט אז דאס איז זיין הויז און איך קען דא זיצען און עסען פריי."

דער בעל אכסניא האט ביי ז'עם ארימאן צוגענומען זיי־נע זאכען און געזאגט, אז וואו ער וועט ניט בעצאהלען וואס פון איהם קומט, וועט ער איהם די זאכען ניט אבגעבען.

מיט א פערביטערטע הארץ איז דער ארימאן ארויס אין גאס און ניט געוואוסט וואס צו טאהן. און אזוי ווי ער געהט קומט אן ווידער יענער ליץ, אבער דער ליץ האט זיך געהאט איבערגעטאהן אין אנדערע קליידער און האט אבגעפארבט זיין בארד, אז איהם איז גאר ניט געוועזן צו דערקענען, און דער ארימאן האט איהם טאקע ניט דערקענט. שטעקט איהם אב דער ליץ א שלום עליכם און פרעגט איהם וואס ער איז אזוי צוטראגען. האט איהם דער ארימאן דערצעהלט די גאנצע געשיכטע. זאגט דער ליץ: „זעהר רעכט אויף אייך! ווי איז דאס א מענש אזוי נאריש און גלויבט א ליץ, א חוזק מאכער, און זעצט זיך אוועק אין אן אכסניא, מיינענדיג, אז עס וועט איהם גארנישט קאסטען? אבער אזוי ווי איהר זייט שוין אריינגעפאלען און דער בעל אכסניא גיט אייך ניט איי־

ערע זאַכען, איז מיין עצה, אַז איהר זאָלט צוריק געהן אויף דער אכסניא און דאָרט ווייטער זיצען און עסען ביז איהר וועט אבעסען דעם ווערטה פון אייערע זאַכען.״

נ מ ש ל

דער לץ איז דער יצר הרע. אין די איינגערע יאָהרען פון דעם מענשען רעדט ער איהם צו ער זאָל זינדיגען, און זאָגט איהם, אַז עס וועט איהם קיין בייז געשעהן. ווען דער מענש ווערט עלטער און זעהט, אַז ער איז געוואָרען אַ גרויסער בעל עבירה און אַ גרויסער בעל חוב, קומט דער יצר הרע שוין מיט אנדערע רייד און זאָגט: „סיי ווי וועט מען דיך שמייסען אויף יענער וועלט, טאָ זינדיג ווייטער פאַר די זעל־בע שמיץ.״

## 123

## ער בעט פאַר'ן צווייטען

אַ מלך האָט געהאַט צוויי שאַצמייסטערס. איינער האָט געהאַט אויפצופאַסען אויף זיין אוצר פון קופערנע מטבעות און דער אַנדערער אויף זיין אוצר פון בריליאַנטען.

איינמאָל האָט דער שאַצמייסטער פון דעם קופערנעם אוצר געפעלשט אין זיין אמט, נעמליך, ער איז ערגעץ אַוועק, און דערווייל האָבען גנבים בע'גנב'עט דעם אוצר. דער מלך איז אויף איהם שטאַרק בייז געוואָרען און האָט איהם אריינ־געזעצט אין תפיסה. נאָכדעם האָט ער געזאָגט צו דעם אַנ־דער שאַצמייסטער: „אַזוי ווי יענער האָט מעהר ניט צו טאָהן מיט דעם אוצר קופער, מאַך איך דיך יעצט פאַר שאַצ־מייסטער פוןביידע אוצרות.״ אָבער אַזוי ווי דער שאַצ־מייסטער איז געווען אַ גוטער פריינד פון יענעם, וועמען דער מלך האָט אריינגעזעצט אין תפיסה, האָט ער געזאָגט צום

מלך: „איך מוז זיך מודה זיין, אז ביי מיר איז אויך עפּעס פערלאָרען געגאַנגען. עס איז אַפילו אַ קליינער שטיינדעל, אָבער דער שטיינדעל האָט מעהר געהאַט די ווערטה ווי די גאַנצע קופּער, וואָס געפינט זיך אין יענעם אוצר. בכן, אדוני המלך, אויב דו בעשטראָפסט יענעם, דאַרפסטו מיך אויך בעשטראָפען; אָבער אויב דו ווילסט מיר מוחל זיין, דאַרפסטו יענעם אויך מוחל זיין.“

און זיין כוונה איז געווען אַ קלוגע — ווייל ער האָט געוואוסט דאָס איהם וועט דער קעניג ניט בעשטראָפען, ווייל קיין אַנדערען אַרענטליכען שאַצמייסטער, אַזאַ ווי ער, קען דער מלך ניט געפינען.

## נ מ ש ל

אזוי האָט משה רבנו געבעטען ביי דעם אייבערשטען פאַר די אידען. ער האָט געזאָגט: „ועתה אם תשא חטאתם, ואם אין מחני נא מספרך אשר כתבת“ — „ווילסטו די אידען מוחל זיין, איז גוט, אַז ניט מעק מיך אויס פון דיין בוך צוגלייך מיט זיי.“ עס הייסט: ווייל איך האָב אויך געזינדיגט מיט דעם וואָס איך האָב צובראָכען די לוחות.

## 124
# דער זכות פון אַ זיידען

אַ יונגער פּריץ האָט גע׳ירשנ׳ט פון זיין פאָטער אַ שטאָדט, און ווייל דער יונגער פּריץ האָט זיך ערצויגען אין פאַריז און איז געווען פרעמד אין זיין שטאָדט, און האָט ניט געוואוסט פון זיין פאָטערס גיטער און געשעפטען, האָט ער אויך ניט געוואוסט אַז די שטאָדט־לייט דאַרפען איהם צאָהלען צינזען און שטייערען, ביז עס איז איינמאָל אָראָבגע־

קומען א גרויסער ריכטער און ער האט די שטאדט־לייט ערקלערט, אז זיי מוזען דעם פריץ צאהלען זייערע שטייערען. דער פריץ האט שוין יעצט בעשטימט מענשען, שטייער־איינמאהנער, וועלכע האבען אויפגעפאסט אז די שטאדט־לייט זאלען צאהלען אין דער צייט וואס עס קומט פון זיי.

א צייט שפעטער האט זיך געמאכט אז אן אייניקעל פון יענעם ריכטער האט ניט געקענט בעצאהלען זיינע שטייערען. האט איהם דער שטייער־איינמאהנער אריינגעזעצט אין תפיסה. האט זיך אין דער שטאדט געפונען אן אלטער מאן, וואס האט געדענקט יענעם ריכטער וואס האט די שטייערען צוריק איינגעפיהרט. איז דער אלטער מאן אוועק צום פריץ און האט צו איהם געזאגט: „אמת, דער יונגער מאן פערדיענט טאקע א שטראף פאר ניט צאהלען שטייערען; אבער איך וויל דיך דערמאנען ווער זיין זיידע איז געווען. דאס איז געווען יענער ריכטער, וואס האט איינגעפיהרט אז מען זאל דיר צאהלען די שטייערען, און ווען ניט יענער ריכטער, וואלסטו פון קיינעם גארנישט בעקומען, ניט קיין צינזען און ניט קיין שטייערען. בכן, דארפסטו ארויסצייגען א ביסעל חסד צו זיין אייניקעל און איהם בעפרייען פון שטראף."

## נמשל

איידער אברהם אבינו איז געקומען, האט דער אייבערשטער כביכול גאר קיין הכנסה ניט געהאט פון די מענשען. קיינער האט איהם ניט געצאהלט קיין שטייערען, עס הייסט קיינער האט איהם ניט געדיענט. ביז אברהם אבינו איז געקומען און האט די וועלט געלערענט, אז מען דארף דיענען גאט, איהם צאהלען צינזען מיט תורה און מצוות. דעריבער איז א יושר, אז מיט אברהם'ס אייניקלעך זאל דער אייבערשטער זיך פיהרען מיט חסד און זיי ניט שטראפען, טאמער פערפעהלען זיי אמאל צו צאהלען צינזען . . .

## 125
# מענשען פערגעסען שנעל

אמאל איז געווען א גרויסער עושר, וואס האט געלעבט זעהר גליקליך מיט זיין פרוי און קינדער צוזאמען. ער האט אבער געהאט שונאים, וואס האבען איהם ניט פערגונען זיין גליקליכען לעבען, האבען זיי אויף איהם געמאכט א בלבול, אז ער פערקויפט געפעלשטע סחורה. ער איז ארעטירט געווארען און מען האט איהם אריינגעזעצט אין תפיסה. באלד ווי דער אונגליק האט געטראפען, האבען זיינע קינדער געמאכט א גרויסען טומעל, א רעש. זיי זיינען ארומגעלאפען זוכען עצות, מיטלען, ווי אזוי זייער פאטער צו העלפען; אבער אז עס איז אוועק א שטיק צייט, האבען די קינדער זיך צוגעוואוינט צו זיין אהן דעם טאטען און זיי האבען איהם אנגעהויבען צו פערגעסען. און שפעטער האבען זיי אינגאנצען פערגעסען אז איהם, אזוי ווי זיי וואלטען קיינמאל ניט געהאט קיין טאטען.

איינמאל זיינען די קינדער געזעסען ביי א מאהלצייט, געגעסען און געטרונקען און זיך משמח געווען. אינמיטען דער סעודה קומט אריין איינער, א איד א חכם, און ווי ער האט געזעהן ווי זיי הוליען, האט ער א פאטש געטאהן מיט די הענד און אויסגעשריען: „ווי קען אייך איינגעהן עסען און טרינקען? ווי קענען אייך איינגעהן די אלע פערגניגענס? ווי האט איהר געקענט פערגעסען אייער פאטער, וועמען מען האט אזוי אונגליקליך געמאכט? ווייסט איהר דען ניט, אז ער האט אויף זיך א גרויסען משפט און אז עס איז גאנץ מעגליך, אז ער וועט פער'משפט ווערען צו א גרויסער שטראף?“

ווען די קינדער האבען געהערט די רייד, האבען זיי זיך דערמאנט און זיי האבען אויסגעבראכען אין א גרויס געוויין.

נ מ ש ל

ווען עס קומען די ימים נוראים, לויפען מיר אין שוהל און מיר בעטען רחמים און מיר פאסטען. אבער נאכדעם ווי די ימים נוראים געווען אוועק, פערגעסען מיר בישלעכווייז אז עס איז דא א דין ומשפט אין הימעל, און מיר נעהמען זיך צוריק צו אונזער אלטען לעבען: מיר עסען און טרינקען און לעבען א טאג, און דער שטן מאכט דערוויל אויף אונז בלבולים, און אין הימעל פערשרייבט מען אויף אונז א לאנגען צעטעל מיט חטאים. און פלוצלונג הערען מיר דעם שופר, און גוטע, פרומע לייט דערמאנען אונז אויף דעם יום הדין, אז עס קומט ווידער אן א יום הדין. אט דאן בעדענקען מיר זיך און מיר טוהען תשובה.

## 126

# די פרינצליכע קליידער

א גרויסער פירשט איז איינמאל אין כעס געווארען אויף זיין זוהן. האט ער איהם פערטריבען נאך אן אנדער לאנד, א פיינדליכע, וואו די דארטיגע מענשען האבען שטארק פיינד געהאט די מענשען פון זיין לאנד. און געטאהן האט ער דאס כדי זיין זוהן זאל ליידען וואס מעהר פערפאלגונג און זאל שטארקער פיהלען דעם גלות. דער פירשט האט זיך פערשווארען, אז ער וועט קיין מיטלייד ניט האבען מיט זיין זוהן און וועט איהם לאזען ליידען אין דעם פרעמדען לאנד.

דער זוהן האט דארט געליטען א לאנגע צייט און די איינוואוינער פון לאנד האבען איהם רודף געווען און גע-

מאכט צו שאנד. איינמאל האט דער פירשט זיך דערוואוסט אז זיין זוהנ'ס קליידער האבען זיך שוין צוריסען פון אלט־קייט און ער געהט ארום כמעט נאקעט און בארפוס, האט דער פירשט גלייך גענומען און האט דעם זוהן ארויסגעשיקט אנדערע קליידער, נייע און שעהנע, אזוי ווי עס פאסט זיך פאר א פרינץ. האבען מענשען געפרעגט דעם פירשט:

„ווי אזוי שיקסטו איהם נייע קליידער, אז דו האסט זיך פערשווארען דאס דו וועסט אויף איהם מעהר קיין רחמנות ניט האבען?"

„אט דערפאר וויל איך וויל איהם שווער שטראפען האב איך איהם געשיקט נייע קליידער," האט דער פירשט געענטפערט. „ווען איך וואלט איהם ניט געשיקט קיין נייע קליידער, איז מעגליך אז איינער פון יענעם לאנד וואלט אויף איהם רחמנות בעקומען און וואלט איהם געגעבען אנדע־רע קליידער, אזעלכע ווי די מענשען פון יענעם לאנד טראגען, און קיינער וואלט ניט מעהר געקענט דערקענען, אז מיין זוהן איז דארט א פרעמדער און קומט פון אן אנדער לאנד. מיט דער צייט וואלט ער זיך דארט איינגעלעבט, ער וואלט געווארען אזוי ווי איינער פון זיי, און וואלט פער־געסען אז ער איז אין גלות. דארום האב איך איהם געשיקט דוקא אזעלכע פרינצליכע קליידער ווי ער פלעגט טראגען דא אין דער היים, אום אלע וואס זעהען איהם זאלען וויסען און געדענקען, אז ער איז ניט פון זייער לאנד און זיי וועלען איהם ווייטער אנטאהן צרות און ניט געבען קיין רוה."

### נמשל

מיר, אידען, זיינען פערטריבען געווארען צווישען פרעמ־דע, און צוליעב אונזערע פרינצליכע קליידער, דאס איז די תורה, דערקענט מען אונז אימער, אז מיר זיינען א פרעמד פאלק. און ווען דער אייבערשטער זעהט אז די תורה ווערט ביי אונז א ביסעל אבגעשוואכט, שיקט ער אונז צו רבנים

און חכמים, וואס גיבען צו חומרות, מאכען סיגים, און פער־שטארקען די תורה, כדי מיר זאלען אימער בלייבען ביי אונזער אידישקייט און מען זאל אונז דערקענען צווישען די גוים.

## 127
## האנדעלשאפט איז ניט פריינדשאפט

א גרויסער סוחר האט פערלארען זיין געלד און איז געווארען ארים, אבער צווישען סוחרים האט ער נאך גע־גאלטען פאר א רייכען מאן. זיין קרעדיט איז נאך געווען גוט און עס האבען זיך נאך געפונען פאבריקאנטען, וואס האבען איהם געגעבען סחורה אויף בארג. איינמאל איז צו איהם געקומען צו פאהרען א פאבריקאנט, וועמען דער פערארימטער סוחר איז שולדיג געווען א סך געלד. גע־קומען איז ער גראדע אויף שבת. עס פערשטעהט זיך, אז דער סוחר האט איהם זעהר פיין אויפגענומען, געגרייט פאר איהם א שעהנעם טיש מיט אלע גוטע זאכען. א גאנצען שבת, ווי געוועהנליך, האט דער פאבריקאנט גארניט גע־רעדט וועגען געשעפט. ער האט דעם חוב גארניט אפילו דערמאנט. ער האט פערבראכט מיט דעם סוחר און מיט זיין הויז־געזינד זעהר פרעהליך. ער האט זיי דערצעהלט שעהנע מעשות און גלייכווערטלעך, און אלע האבען זיך אמור־זירט עכט שבת'דיג. אבער דער סוחר האט זיך בעת מעשה געטראכט אין הארצען: „היינט איז ער גוט און איז אזוי פריינדליך; אבער מארגען, אז ער וועט ביי מיר א בעט טאהן דעם חוב, וואס איהם קומט, און איך וועל זאגען אז איך האב ניט, אי וועט ער זיך בייזערען! אי וועט ער מאכען גוואלדען!“ און כאטש דער סוחר האט זיך פאר זיין גאסט

ארויסגעוויזען פרעהליך, האט ער איין הארצען זיך אלץ גע־
שראקען פאר דעם ווי דער גאסט וועט מארגען מאהנען וואס
איהם קומט.

נ מ ש ל

ראש השנה בלאזט מען שופר און מען דערמאנט אונז,
אידען, אז דער יום הדין איז געקומען און מיר דארפען אב־
געבען דין וחשבון פאר אלע אונזערע מעשים; אבער אז
ראש השנה פאלט אום שבת, בלאזט מען ניט קיין שופר און
מען דערמאנט אונז ניט אן דעם יום הדין. אידען עסען און
טרינקען און זיינען זיך משמח מיט'ן ליעבען גאסט שבת,
און פון יום הדין איז גאר קיין רייד ניט. אבער פון דעסט־
וועגען דארפען מיר האבען איין זינען „זכרון תרועה", עס
הייסט גערענקען אז מען וועט אונז ניט שענקען און מען
וועט ביי אונז פאדערען דין וחשבון.

## 128

## געוואלט אויספיהרען ביסלעכווייז

א פאטער איז געקומען אהיים פון א ווייטער רייזע
און ער האט מיטגעבראכט פאר זיין קליינעם זוהן א מתנה,
א שעהנע שפיעלצייג. אבער איידער דער פאטער האט צייט
געהאט איבערצוגעבען די מתנה, האט ער זיך דערוואוסט אז
זיין איינגעל האט שטארק מעיז פנים געווען געגען זיין מור־
טער און אויך געגען זיין מלמד. האט דער פאטער בע־
האלטען די מתנה און האט זי אפילו ניט געוואלט צייגען
צו זיין זוהן.

דער זוהן האט געוואוסט אז דער פאטער האט איהם
געבראכט א מתנה, אבער ער האט געשוויגען. ער האט אב־
געווארט א פאר טעג ביז דעם פאטערס כעס איז א ביסעל

אבגעגאנגען, און נאכדעם האט ער צו איהם געזאגט: „איך ווייס, טאטע, אז איך בין ניט ווערטה דיין מתנה, אבער פון דעסטוועגען צייג מיר דאס, לאמיך דאס אנקוקען.“

דער פאטער האט דאס איהם ניט געקענט אבזאגען. דער אינגעל האט בעטראכט די מתנה און געזאגט: „א שעה־נע מתנה! איך זעה אז דו ביזט טאקע א גוטער טאטע.“ און אזוי האט דער אינגעל גערעדט און געבעטען, ביז דער פאטער האט איהם די מתנה אבגעגעבען.

## נ מ ש ל

משה רבנו האט געבעטען אז דער אייבערשטער זאל איהם בלויז לאזען אריינגעהן אין ארץ ישראל און אנקוקען דאס לאנד. זיין כונה איז אבער געווען, אז ווען ער וועט שוין זיין אין ארץ ישראל, וועט ער בעטען אז דער אייבער־שטער זאל איהם דארט לאזען לעבען. דערפאר האט איהם דער אייבערשטער גלייך ענטזאגט זיין ערשטע בקשה, און האט איהם געהייסען אנקוקען דאס לאנד פון דער ווייטען, כדי ער זאל ניט קענען בעטען ווייטער.

## 129

## א כבוד וואס איז אן אום־כבוד

ביי א מלך איז קראנק געווארען זיין איינציגער זוהן. איז געקומען א גרויסער דאקטאר איהם צו היילען. האט דער דאקטאר געזאגט צום מלך: „אום איך זאל קענען קור־רירען דיין קינד, איז נויטיג אז דו זאלסט ניט אריינקומען אין זיין צימער, ווייל דו ביזט דאך א פאטער און דו וועסט ניט קענען צוזעהן וואס איך וועל איהם מוזען טאהן. אויך דיינע דיענער זאלסטו דערווייטערען פון איהם, ווייל זיי

זיינען אלע גוטע, ארענטליכע מענשען און האבען ליעב דיין קינד; איז נויטיג אז זיי זאלען דא אויך ניט זיין. וואס מיר איז יא נויטיג, איז אז דו זאלסט מיר קריגען א שטארקען מענשען, א גבור, מיט אן אייזערנע הארץ, א רשע זאל ער זיין, אהן רחמנות, אט אזא וועט מיר זעהר גוט צונוץ קומען צו העלפען מיר אין דער קוראציע."

האט דער מלך געהייסען זוכען אזא מענשען אין זיין גאנצען לאנד, און מען האט אזא מאן, א בויאן, א באנדיט, געפונען. דער מלך האט דעם שלעכטען מענשען אנגאזשירט און איהם אריינגענומען אין זיין פאלאץ.

פלעגט דער בויאן, אין זיין פרייער צייט, ארומגעהן איבער'ן שטאדט און זיך בעריהמען פאר אלעמען: "איהר זעהט? איהר האלט פון מיר גארניט, איהר רופט מיך בויאן, באנדיט, אבער דער מלך האט מיר ארויסגעוויזען גרויס כבוד און האט מיך אריינגענומען אין זיין פאלאץ!"

האבען מענשען איהם געענטפערט: "אט די אורזאכע, פארוואס און צו וואס ער האט דיך אריינגענומען, צייגט אז ניט פאר דיין גוטסקייט אדער פיינקייט, נאר פאר דיין שלעכטקייט און פערדארבענהייט האט ער דיך אריינגענומען."

### נ מ ש ל

**אמאל איז כבוד אן אום־כבוד.**

## 130
## פערכאַפּט דעם וועג

אַ רייכער מאַן האָט, קומענדיג פון אַ ווייטער רייזע, געבראַכט פאַר זיין זוהן אַ טייערען אַנצוג קליידער. שבת האָט דער זוהן אָנגעטאָהן דעם אַנצוג און איז אַרויס אין גאַס שפּאַציערען. עס פערשטעהט זיך, אַז ער איז געוועזן זעהר שטאָלץ אויף זיינע נייע קליידער און ער האָט זיך בעריהמט מיט זיי פאַר זיינע חברים. און אַזוי ווי דער אינגעל איז געגאַנגען אין גאַס, איז ער אַריינגעפאַלען אין אַ בלאָטע און האָט זיך אויסגעשמירט זיינע קליידער.

אַ אינגעל, אַ ניט־פערגינער, האָט אויסגערופען: „איך געה דערצעהלען דיין טאַטען — אַי וועסטו כאַפּען שמיץ!“ און דער שלעכטער אינגעל האָט זיך געלאָזט לויפען אָבזאָגען זיין מסירה. וואָס טוהט דער גוטער אינגעל? ער לאָזט זיך לויפען, יאָגט יענעם אַריבער, לויפט אַריין אין הויז צו זיין פאָטער, און מיט אַ געוויין זאָגט ער: „זעה, טאַטע, וואָס פאַר אַן אונגליק מיר האָט געטראָפען! איך בין אַריינגע־פאַלען אין אַ בלאָטע און האָב איינגעשמירט דיין טייערע מתנה.“ ווען דער פאָטער האָט געהערט זיין קינדס געוויין און געזעהן דעם צער אויף זיין פּנים, האָט ער געזאָגט: „וויין ניט, מיין קינד. עס טרעפט אַמאָל אַ סיבה, דו ביזט ניט שולדיג. איך וועל דיינע קליידער מאַכען ריין.“

### נמשל

איידער דער שטן זאָל אַריינברייגען אויף אונז אַ מסירה, אַז מיר האָבען פערפלעקט דעם אייבערשטענ׳ס טייערע מתנה,

די נשמה, וואָס ער האָט אונז געגעבן, איז בעסער מיר זאָלן זיך איילן מודה זיין אויף אונזערע זינד.

## 131
## צוגעאײלט דעם מחותן

איינער, א גרויסער עושר, האָט געטאָהן א שידוך פאַר זיין טאָכטער מיט א רב'ס א זוהן פון א ווייטער שטאָדט. פון דעם רב האָט ער קיין זאַך ניט געפּאָדערט אויסער א פּאָר אוירינגלעך פאַר דער כלה. און דער רב האָט צוגעזאָגט צו שיקען די מתנה אין דער צייט. עטליכע טעג נאָך די תנאים האָט דער רב בעקומען א בריעף פון דעם רייכען מחותן, אַז ער זאָל שנעל אריינשיקען די כלה־מתנות, אזוי ווי ער האָט צוגעזאָגט. האָט זיך דער רב געוואונדערט, ווארום דער מחותן איילט איהם אזוי. עס איז אוועק נאָך א וואָך און דער רב בעקומט א צווייטען בריעף, אַז ער זאָל וואָס שנע־לער ארויסשיקען די מתנה. דער רב האָט עס אַלץ ניט גע־קענט פערשטעהן וואָס דער מחותן איילט זיך אזוי און ער האָט איהם ניט געענטפערט. קומט איהם אין א צעהן טעג ארום א דריטער בריעף, און דיזער בריעף איז שוין געווען מיט א התראה, דאָס אויב ער שיקט ניט גלייך אריין די פאָר אוירינגלעך, בעקומט ער צוריקגעשיקט די תנאים און דער שידוך איז אוים שידוך.

ווען דער רב האָט בעקומען אזא שטרענגען בריעף, האָט דאָס איהם זעהר שטאַרק וועה געטאָהן און מיט א פערביטערט הארץ האָט ער זיך גענומען צו שאַפען דאָס געלד פאַר די מתנות. ער האָט אויספערקויפט זיינע ספרים, וועלכע זיינען געווען פון אַלטע דרוקען, זעהר טייערע אַנ־טיקען, און א ביסעל פון די זילבער, וואָס ער האָט געהאַט,

און פאר דעם געלד האט ער געקויפט א פּאר פיינע אוירינג־לעד און אוועקגעשיקט צו דער כלה.

א צייט שפּעטער, ווען עס איז געקומען די צייט פון דער חתונה, איז דער רב מיט זיין פאמיליע געפאהרען אין דעם מחותנ׳ס שטאדט, וואו די חתונה האט געדארפט פאר־קומען. דער רייכער מחותן האט דעם רב אויפגענומען מיט גרוים כבוד און מיט גרוים שמחה. ער האט איהם פשוט אויף די הענד געטראגען. אבער ער האט בעמערקט, אז דער רב זעהט אוים אומעטיג און דערשלאגען. האט דער אבי הכלה איהם געפרעגט: „איהר זעהט עפּעס אוים ווי פער־זארגט, אדער אין כעס. זאגט מיר, וואס איז געשעהן?“ האט דער רב געענטפערט: „איך וועל אייך זאגען דעם אמת. איך האב אויף אייך א הארץ וואס איהר האט מיך אזוי אונטערגעאיילט מיט די מתנה. צוליעב דעם האב איך גע־מוזט פערקויפען מיינע טייערע ספרים און די ביסעל זילבער.“

„וואס האט איהר אזוינס אנגעווארען מיט דעם וואס איך האב אייך אונטערגעאיילט? סאי־ווי וואלט איהר דאך די זאכען געמוזט פערקויפען. טא וואס איז דער אונטער־שיעד פריהער אדער שפּעטער?“ אזוי האט גע׳טענה׳ט דער אבי הכלה.

„ניין,“ האט דער רב געענטפערט, „ווען איהר וואלט מיך ניט אונטערגעאיילט, האב איך געהאט אן אנדער וועג ווי צו מאכען דאס געלד וואס איך האב געדארפט אויף די אוירינגלעך. איך האב זיך גערעכענט אזוי: דער וועג פון מיין שטעדטעל ביז אייער שטאדט איז א לאנגער; האב איך געהאט בדעה ארויסצופאהרען עטליכע וואכען פריהער פאר דער חתונה און זיך אבשטעלען אין איין שטעדטעל און אין אן אנדערער. איך קען זאגען פאר׳ן עולם; איך קען אויך מאכען א שעהנעם הספד. האב איך זיך גערעכענט, דא וועל איך זאגען א ביסעל מוסר פאר׳ן עולם, דא וועט זיך מיר מאכען א שעהנער נפטר, וואס מען דארף איהם מספּיד זיין.

איך וועל מאכען דעם עולם צו וויינען און וועל דערפאר קריגען עטליכע רובעל, און איך וועל מיר מאכען גענוג אויף כלה־מתנות.״

„אט זעהט איהר,״ האט דער רייכער מחותן געענטפערט, „איך האב זיך אויך געהאט אנגעשטויסען, אז איהר האט אזא פלאן, זיך אבשטעלען אין שטעדטלעך, מאכען דעם עולם צו וויינען און צו קלאגען, און נאכדעם זאלען בעלי־בתים ארומגעהן און קלייבען נדבות פאר אייך. און דאס פאסט זיך ניט זעהר פאר מיין משפחה. איך האב געוואלט אז איהר זאלט קומען צו דער חתונה אויף א פרעהליכען וועג און ניט אויף א קלאגעדיגען. אט דערפאר האב איך אייך אונטערגעאיילט.״

נ מ ש ל

אידען וואונדערען זיך וואס דער גלות ציהט זיך אזוי לאנג. זיי פאלט גאר ניט איין, אז צוערשט דארפען זיי תשובה טאהן. זיי טראכטען זיך: תשובה טאהן קען מען דאך אויך שפעטער. אז משיח וועט קומען, וועט מען קענען אריינגעהן אין א שוהל, זיך אבקלאפען אין הארצען אז „על חטא״ און זיך אויסוויינען. אבער דער אייבערשטער האלט אב די גאולה און זאגט: „עס פאסט ניט פאר מיין כבוד, אז איהר זאלט קומען אין מיין לאנד, צו דער חתונה, מיט פערוויינטע אויגען. נאר „כי בשמחה תצאו.״

# 132
# אָהן חסרונות איז אויך אַ מעלה

א איד אַן עושר האָט חתונה געמאַכט זיין טאָכטער מיט אַ געראַטענעם יונגען מאַן פון אַ פיינער משפחה. אָבער נאָך דער חתונה האָט זיך אַרויסגעוויזען אַז דער עפּעל איז געפאַלען זעהר ווייט פון בוים. דער איידים איז געווען אַ קאָרטען־שפּיעלער, אַ טרינקער און אַ כל־בו׳ניק. ער פלעגט זיצען טעג און נאַכט אין די שענקען און הוליען מיט פערדאָרבענע חברה־לייט. דער פאָטער האָט זיך שטאַרק גענומען צום האַרצען, זעהענדיג אין וואָס פאַר אַן אומגליק זיין טאָכטער איז אַריינגעפאַלען, און די טאָכטער פלעגט כסדר זיצען און וויינען. לסוף האָט דער שווער אַרויסגעטריבען דעם איידים פון הויז און איהם געצוואונגען אַז ער זאָל געבען גט.

נאָכדעם האָט דער פאָטער געטאָהן אַן אַנדער שידוך פאַר זיין טאָכטער. דער צווייטער מאַן איז ניט געווען קיין יחסן און ניט קיין געראַטענער. ער איז געווען אַ פּראָסטער מענשעל, גאָר אָהן שום מעלות; אָבער דערפאַר האָט ער קיין חסרונות אויך ניט געהאַט. קיינמאָל האָט מען פון איהם ניט געזעהן אָדער געהערט עפּעס שלעכטעס. די טאָכטער האָט איהר מאַן זעהר ליעב בעקומען. און יעדען מאָל אַז ער פלעגט אַרויסגעהן פון הויז, ווען ער פלעגט אפילו געהן אין שוהל דאַוונען, פלעגט זי איהם אָנזאָגען אַז ער זאָל זיך ניט זאַמען, ערגעץ ניט געהן, און קומען גלייך אַהיים. זי האָט אַלץ מורא געהאַט טאָמער וועט ער געהן אין שענק, אַזוי ווי איהר ערשטער מאַן. אויסער דעם, פלעגט זי אימער ביי איהם נאָכפרעגען, יעדען מאָל ווען ער איז געקומען צו־

ריק, וואו ער איז געווען. זי האט ביי איהם געפאדערט חשבון פאר יעדע מינוט.

דער מאן האט דאס ניט געוואלט לײדען און ער האט איינמאל זיך בעקלאגט פאר זיין שווער: „אייער טאכטער גיט מיר א מינוט קיין רוה ניט. זי גלויבט מיר ניט פון דאנען אהער." האט איהם דער שווער אזוי ערקלערט: „גלויב מיר, אז מיין טאכטער ליעבט דיך זעהר, נאר אז איי־נער בריהט זיך אב מיט הייסען, בלאזט ער שוין אויף לעב־ליכען. זי האט אזוי פיעל צרות געליטען דורך איהר ער־שטען מאן, אז זי שרעקט זיך רק, טאמער וועסטו ווערען אזוי ווי ער."

„וועה איז מיר!" האט דער איידים געקלאגט. „צו וואס האב איך זיך געדראפט איינקויפען אין אזא צרה א ווייב, וואס האט געליטען פון א שלעכטען מאן? בעסער וואלט געווען אז איך וואלט גענומען א מיידעל וואס וויים פון קיין שלעכטס ניט, וואלט איך געלעבט רוהיג."

האט דער שווער געענטפערט: „ווען דו וואלסט גע־נומען א מיידעל וואס האט קיינמאל ניט געהאט קיין צרות פון אן אנדער מאן, וואלט זי דיך ניט געליעבט, ווייל דו ביזט א פראסטער מענשעל, גאר אהן מעלות, און דיין גאנצע מעלה איז, וואס דו האסט ניט קיין חסרונות. נאר אזא טאכטער ווי מיינע, וואס האט שוין געזעהן די חסרונות פון אן אנדער מאן, קען ליעב האבען אזא מענשען ווי דו, וואס זיין גאנצע מעלה איז וואס ער האט ניט קיין חסרונות."

נ מ ש ל

ווען דער אייבערשטער וואלט אונז געבען א נייע לאנד, אויף וועלכער קיין אנדער אומה האט נאך ניט געוואוינט, וואלט די לאנד געפאדערט פון אונז א סך זאכען. אבער אז דער אייבערשטער האט אונז געגעבען א לאנד, אויף וועל־כער עס האבען פריהער געוואוינט שכורים, רויבער און

רוצחים, האָט זיך דאָס לאַנד געפּרעהט מיט אונז בלויז פּאָר וואָס מיר זיינען געווען פריי פון יענע חסרונות.

# 133
# זינדיגט און רעדט צו אַנדערע צו זינדיגען

א קרעמער האָט געהאַט ביי זיך אין הויז אַ שכן און דער שכן איז איהם געווען אַ גרויסער שונא. ניט גענוג וואָס דער שכן פלעגט קיינמאָל אַליין ניט קויפען ביי דעם קרעמער, פלעגט ער פון איהם אָבריידען אַנדערע קונדען. איינמאָל קומט אַ מאַן עפּעס קויפען ביים קרעמער, כאַפּט איהם איבער דער שכן אויפ'ן וועג און זאָגט צו איהם: „קויף ביי איהם ניט. זיין סחורה טויג אויף אַלע קלאָגען. איך אַליין קויף אויך ביי איהם גאָרנישט.“

עטליכע מאָל האָט דער שכן אַזוי אָבגערעדט דעם מאַן פון קויפען. דער קרעמער האָט געוואוסט דערפון און האָט געשוויגען. נאָר איינמאָל האָט זיך געמאַכט, אַז די מענשען פון הויז האָבען גערעדט וועגען דעם מאַן, וועלכער איז עט־ליכע מאָל געקומען קויפען סחורה ביים קרעמער און האָט ניט געקויפט. האָט דער שכן זיך אָבגערופען: „וועגען אַזאַ מענשען איז אָסור כדאַי צו ריידען. ער איז אַ נידעריגער מענש, אַן אויסוואורף, אַ גאָרנישט שבגאָרנישט.“

ווען דער קרעמער האָט פון דעם געהערט, האָט ער מיט כעס אויסגערופען צום שכן: „ארויס פון מיין הויז, דו רשע מרושע! איך וויל דיך דאָ ניט האָבען. אוועק, און קיינמאָל זאָלסטו זיך ניט וואַגען אריבערצוטרעטען מיין שוועל!“

„וואָס איז מיט דיר?“ האָט דער שכן געפרעגט. „אמת,

איך גיב דיר ניט צו לייזען, אבער וואס עפעס האסטו זיך יעצט דערמאנט וועגען דעם?"

"וואס דו גיסט מיר ניט צו לייזען, ארט מיך ניט," האט דער בעל־הבית געענטפערט. "איך האב זיך געטראכט, מיין סחורה געפעלט דיר ניט, און דערפאר געפעלט דיר צו קויפען ביי אנדערע. און ווען דו האסט אבגערעדט אז אנ־דערען פון צו קויפען ביי מיר, האב איך זיך געטראכט, אז ווייל דו ביזט יענעם א גוטער פריינד, ווילסטו איהם פער־היטען פון שלעכטע סחורה, פון זיין טובה וועגען. אבער יעצט, אז איך האב געהערט ווי דו בעליידיגסט יענעם און דו רעדסט אויף איהם כל־יבו, פערשטעה איך דאך אז דו ביזט איהם ניט קיין פריינד, נאר א שונא, טא וואס פאר אן אור־זאכע האסטו געהאט איהם אבצורייידען, אז ער זאל מיר ניט געבען צו לייזען? דאס צייגט דאך אז דו האסט קיין אנדער כוונה געהאט ווי מיר צו טאהן שלעכטעס."

## נמשל

ווען דער רשע וויל אליין ניט פאלגען גאט'ס געבאט, קען מען איהם אפשר מצדיק זיין, אז איהם געפעלט ניט די תורה און עס געפעלען איהם בעסער אנדערע תורות. אויב ער רעדט אב זיינעם א גלייבען פון צו פאלגען די תורה, קען מען איהם אפשר אויך מצדיק זיין, אז ער מיינט צו טאהן א טובה אן אייגענעם מענשען, א פריינד. אבער אז דער רשע רעדט צו א פרומען, עהרליכען אידען צו זינד, דאס קען שוין דער אייבערשטער ניט מוחל זיין, ווייל דער איי־בערשטער ווייס אז דער רשע איז דעם צדיק דער ערגסטער שונא.

## 134
# דער פערטריבענער זוהן

אַ אינגעל האָט זיך אַמאָל פערזינדיגט געגען זיין פאָטער, האָט איהם דער פאָטער אַרויסגעטריבען. דער אינגעל פלעגט דעם גאַנצען טאָג זיצען אין בית־המדרש און פלעגט געהן עסען אויף פרעמדע טישען. דער פאָטער פלעגט קומען צום שמש פון בית־מדרש און ביי איהם יעדען מאָל פרעגען: „וואָס טוהט היינט מיין זוהן? האָט ער געלערנט זיין בלאַט גמרא? האָט ער געדאַווענט? האָט ער געזאָגט אַ ביסעל תהלים?" און ווען דער זוהן האָט זיך דערוואוסט ווי זיין פאָטער פרעגט זיך נאָך אויף איהם, איז ער צו איהם געגאַנגען אַהיים און האָט פאַר איהם גענומען וויינען און מענה'ן: „טאַטע ליעבער! יעדען טאָג פרעגסטו זיך נאָך, אויב איך האָב געדאַווענט, אויב איך האָב געלערנט תורה. פאַרוואָס פרעגסטו זיך ניט נאָך אויב איך האָב געגעסען, אויב איך האָב געהאַט וואו צו שלאָפען, אויב איך האָב גאַנצע שיך? ווילסטו מיר זיין אַ טאַטע, טאַ נעהם מיך אַריין צוריק אין דיין הויז, און דאַן וועסטו זעהן ווי איך וועל דאַווענען און לערנען."

### נמשל

אַזוי טענה'ן די אידען צו זייער פאָטער אין הימעל. דו קימערסט זיך אַזוי שטאַרק וועגען דעם אויב מיר היטען אָב דיין תורה און מצוות. ווילסטו אונז זיין אַ ריכטיגער טאַטע, זעה אַז מיר זאָלען האָבען גענוג פרנסה, אָדער נעהם אונז צוריק אַריין אין דיין לאַנד, און דו וועסט זעהן ווי מיר וועלען זיין גוט און פרום.

## 135
# דער דאָרפסמאַן און זיין אוצר

א ישוב'ניק, וועלכער האָט געוואוינט אין דאָרף, האָט געהאַט אַ סך זילבערנע און גאָלדענע כלים, און ווייל ער האָט מורא געהאַט צו האַלטען די זאַכען ביי זיך אין דאָרף, האָט ער זיי אוועקגעפיהרט צו זיינעם אַ גוטען פריינד אין שטאָדט צו בעהאַלטען. אין שטאָדט, האָט ער זיך געטראַכט, איז געוויס זיכערער.

אָבער פון גנבים קען מען זיך אין ערגעץ ניט אויסהיטען. גנבים האָבען דערשמעקט אַז אין יענעמס הויז ליגט בעהאַלטען אַ סך גאָלד און זילבער, האָבען זיי זיך אַהין אריינגעגנב'עט אום האַלבע נאַכט און האָבען אַלעס אוועקגענומען. אויף מאָרגען גאַנץ פריה איז געקומען אַ שליח פון שטאָדט צום ישוב'ניק און האָט איהם אָנגעזאָגט, אַז זיין גאַנצען אוצר האָבען גנבים צוגענומען. דער ישוב'ניק האָט גלייך צוזאַמענגערופען זיינע ארבייטער, האָט זיי אַרויפגעזעצט אויף פערד, און אַליין האָט ער זיך אויך אַרויפגעזעצט אויף אַ פערד און האָט אַ קאָמאַנדעווע געטאָהן: „קומט, ברידער, מיר וועלען כאַפּען די גנבים!"

„אומזיסט אייער טרחה," האָט דער שליח, וואָס איז געקומען פון שטאָדט, געזאָגט. „די גנבים זיינען שוין ווייט אוועק. עס איז אַ פערפאַלענע זאַך."

„ניין," האָט דער ישוב'ניק געענטפערט, „ווען עס וואָלט געווען אַ פערפאַלענע זאַך, וואָלט מען דיך ניט געשיקט אַזוי פריה בעגינען מיר אָנצוזאָגען וועגען דער גנבה. אָט דאָס וואָס מיין פריינד האָט זיך געאיילט מיר וואָס שנעלער אָנ־

צוזאָגען אַז מיינע זאַכען זיינען גע'גנב'עט געוואָרען, איז אַ סימן אַז ער רעכענט אַז מען קען נאָך די גנבים כאַפּען."

נמשל

אין די ערגסטע אומשטענדען דאַרף אַ מענש זיך ניט פערלירען. ווען אַ נביא פּלעגט קומען אָנזאָגען אַז ס'איז נגזר געוואָרען דאָס אַז אונגליק מוז געשעהן, האָט עס געמיינט אַז ווען מען וועט תשובה טאָהן וועט די גזירה פון הימעל בטל ווערען.

## 136
## די בעלאַגערטע שטאָדט

אַ שטאָדט האָט געמאַכט אַ בונט געגען מלך און האָט מעהר ניט געוואָלט פאָלגען זיינע געזעצען און איהם צאָהלען שטייער. דער מלך איז געקומען מיט אַ גרויסער אַרמיי און האָט בעלאַגערט די שטאָדט פון אַלע זייטען, אַזוי אַז קיינער זאָל ניט קענען אַרויס, אָדער אַריין, כדי אַז די שטאָדט-לייט וועלען אָנהויבען צו הונגערען און קיין שפּייז וועלען זיי ניט קענען אַריינקריגען, וועלען זיי זיך מוזען אונטערגעבען.

עס איז אַוועק אַ צייט און די שטאָדט-לייט האָבען אָנגעהויבען צו פיהלען דעם הונגער, און עסען איז ניט געווען וואָס. האָבען זיי אָנגעהויבען צו ריידען פון אונטערגעבען זיך צום מלך. אָבער עס זיינען נאָך געווען מענשען עקשנים, וואָס האָבען זיך איינגעשפּאַרט אַז זיי וועלען זיך ניט אונטערגעבען. זיי וועלען נאָך וואַרטען, האָבען זיי געזאָגט. ענדליך האָבען די עקשנים אויך דערפיהלט דעם שרעקליכען הונגער און זיי זיינען שוין אויך מרוצה געוואָרען זיך אונטערצוגעבען.

אָבער ווען עס איז געקומען צו שיקען שלוחים צום

מלך, זיינען אלע שוין געווען אזוי אבגעשוואכט פון הונגער, אז זיי האבען זיך ניט געקענט ריהרען פון ארט, און זיי זיינען געבליבען אהן כחות.

דער מלך איז דערווייל געווארען זעהר אונגעדולדיג וואס די שטאדט-לייט זיינען אזעלכע פערביסענע עקשנים, האט ער געהייסען אונטערצינדען די שטאדט פון אלע זייטען, און מען זאל פערברענען די הייזער מיט די מענשען צוזאמען.

ווען די שטאדט-לייט האבען זיך דערוואוסט וואס דער מלך וויל טאהן, האבען זיי צוזאמענגענומען זייערע לעצטע כחות און זיך געשטעלט אויף די פיס און גענומען שרייען מיט קולות: „אדוננו המלך! אויף נאמנות, מיר האבען שוין לאנג חרטה בעקומען אויף דעם וואס מיר האבען זיך גע־בונטעוועט געגען דיר. מיר ווילען זיך שוין אונטערגעבען; אבער מיר זיינען אזוי אויסגעהונגערט, אז מיר האבען גאר קיין כחות ניט צו געהן צו דיר. דארום, פאטער קעניג! דו ביזט דאך אזוי גוט צו אלע דיינע קנעכט, טא שיק אונז דיינע רייטוועגען און קארעטען, מיר זאלען קענען קומען צו דיר און דיך איבערבעטען, אז דו זאלסט אונז מוחל זיין און אונז ווידער אנערקענען פאר דיינע טרייע קינדער."

## נ מ ש ל

מיט אונז, אידען, איז אויך אזוי. דער אייבערשטער ווארט ביז מיר וועלען תשובה טאהן און דאן וועט ער אונז שיקען משיח'ן. אבער מיר זיינען אזוי אבגעשוואכט פון גלות און פערזונקען אין טיעפען זומפ, דאס מיר האבען קיין כח ניט תשובה צו טאהן. דארום בעטען מיר, אז דער איי־בערשטער זאל אונז פריהער שיקען זיין משיח און אונז ברענגען צו איהם, און דאן וועלען מיר קענען אויסדריקען אונזער חרטה און תשובה טאהן.

## 137
# דער קלוגער משרת

אין א שטאָדט זיינען געווען צוויי רייכע מענשען און זיי האָבען איינער דעם אַנדערען שטאַרק פיינד געהאַט. איינער דעם אַנדערען האָט פשוט דעם לעבען ניט פערגונען. איינמאָל האָט איין רייכער מאַן געשלאָגען דעם משרת פון דעם אַנדער רייכען מאַן. דער משרת האָט איהם געוואָלט אָנשרעקען, האָט ער געזאָגט: „ווייסטו, אַז איך אַרבייט ביי יענעם און יענעם? ער וועט זיך שוין מיט דיר אָברעכענען פאַר מיר." אָבער ווי נאָר דער עושר האָט דערהערט אַז דער געשלאָגענער איז זיין שונא'ס משרת, האָט ער איהם נאָך מעהר געשלאָגען.

דער משרת איז אַוועק צוריק אין דער הויז פון זיין בעל־הבית און האָט אַ וואָרט ניט געזאָגט. ער האָט זיך אַוועק־געזעצט און געשוויגען. זיין בעל־הבית האָט בעמערקט, אַז דער משרת איז זעהר אומעטיג, האָט ער איהם געפרעגט: „וואָס איז געשעהן?" האָט דער משרת געענטפערט: „גאָר־נישט."

„טאָ ווארום זעהסטו אויס אַזוי דערשלאָגען?" האָט דער בעל־הבית געפרעגט. „זאָג מיר דאָך, ווער האָט דיר געמאַכט די וואונדען, וואָס דו האָסט אויפ'ן פנים?"

„און אַז איך וועל דיר זאָגען, וואָס קענסטו מיר העל־פען?" האָט דער משרת גענומען העצען. „די וואונדען האָט מיר געמאַכט יענער און יענער גביר. נו, וואָס קענסטו איהם טאָהן?"

„ער האָט דיך געשלאָגען?" האָט דער בעל־הבית בייז אויסגערופען. „מסתמא האָט ער ניט געוואוסט אַז דו ביזט

מיין משרת, זאנסט וואָלט ער דאָך ניט געוואַגט דיך אַזוי צו שלאָגען."

„איך האָב אויך אַזוי געמיינט," האָט דער משרת גע־זאָגט. „איך האָב געמיינט, אַז ער שלאָגט מיך ווייל ער קען מיך ניט. האָב איך איהם געזאָגט ווער מיין בעל־הבית איז. און וואָס מיינסטו איז געשעהן? פריהער האָט ער מיר גע־געבען קליינע קלעפּ, אָבער אַז ער האָט דערהערט דיין נאָמען, האָט ער מיר געגעבען גרויסע קלעפּ."

ווען דער בעל־הבית האָט דאָס דערהערט, האָט זיך זיין בעס אָנגעצונדען און ער האָט יענעם עושר פערקלאָגט אין געריכט, ניט ווייל איהם האָט געאַרט די קלעפּ וואָס זיין משרת האָט בעקומען, נאָר זיין אייגענער כבוד, וואָס האָט דערביי געליטען.

נ מ ש ל

עס טרעפט אַמאָל אַז איינער הויבט אָן אויסצודער־צעהלען זיין יחוס, מאַכט ער זיך נאָך ערגער.

## 138

## ניט איבעראַל גילט גרויסקייט

געווען אַמאָל אַ גרויס געלעהרטער מאַן, אַ למדן, אַ מופלג און אַ בקי אין אַלע שבע חכמות, און דערצו איז ער געווען אַ גרויסער מנגן מיט אַ וואונדערבארע שטימע. אויך האָט ער געקענט שפּיעלען אויף אַ פיעדעל ווי דער בעסטער קינסטלער אין דער וועלט. צו אַלע זיינע מעלות איז ער גע־ווען אַ חכם און אַ בעל עצה. נאָר אַזוי ווי די דאָקטוירים האָבען איהם געהייסען ענדערען דעם קלימאַט און זיך בעז־זעצען אין אַ ווארימען געגענד, איז ער אַרויסגעפאָהרען מיט

זיין פרוי און מיט זיין גאנצער הויז געזינד און זיך בעזעצט אין א קליין שטעדטעל, וואס איז געווען בעוואוינט פון פראסטע מענשען. ווי דער שטייגער איז, ווען עס קומט אן א נייער מענש, פרעגט מען איהם ערשטענס, „מה שמך?" ווי הייסט איהר. און נאכדעם פרעגט מען, „מיט וואס בעשעפטיגט איהר זיך?" האט דער נייער מענש געענטפערט: „איך בין א רופא און קען גוט שטעלען באנקעס."

האט איהם זיין פרוי געפרעגט: „איך פערשטעה ניט, מיין מאן, דו ביזט אזא למדן און אזא קענער אין שפראכען, אין מוזיק, און אין אלע שבע חכמות, האסטו דוקא אויסגעקליבען זיך אנצונעבען מיט אזא קליינליכע פראפעסיע, וואס איז פאר אזא מענשען ווי דו גאר קיין כבוד ניט?"

„פערשטעהסטו מיך אזוי, מיין פרוי," האט דער מאן געענטפערט. „די איינוואוינער פון דיעזער שטעדטעל זייגען קליינע מענשעלעך מיט קליינע השגות. אז איך וועל זיי זאגען מיינע גרויסע מעלות וועלען זיי גאר ניט פערשטעהן ווי דאס צו שעצען. זיי וועלען אויף מיר קוקען ווי אויף אן איבעריגען מענשען, וואס קען גאר קיין נוצען ניט ברענגען אויף דער וועלט, אבער א רופא וואס קען שטעלען באנקעס איז ביי זיי, לויט זייער השגה, א וויכטיגער מענש, און זיי וועלען האבען גרויס דרך ארץ פאר מיר.

## נמשל

צו פערשטעהן א גרויסען מענשען מוז מען אליין האבען אין זיך כאטש א ביסעל גרויסקייט.

## 139
# אַ קבצן ניט קיין בטוח

אַ פאַבריקאַנט איז געקומען אין אַ שטאָדט מאַהנען געלד ביי די סוחרים וואָס זיינען איהם געווען שולדיג פאַר סחורה. ביי די וואָס זיינען איהם געווען שולדיג גרעסערע סומען האָט ער שטאַרקער געמאַהנט, ביי די קלענערע בעלי חובות האָט ער שוין ניט אַזוי שטאַרק געמאַהנט. נאָר איינער איז דאָרט געווען אַ גאַנץ קליינער סוחר, האָט ער ביי איהם גאָרניט געמאַהנט. האָט זיך יענער סוחר בעריהמט פאַר אַלעמען: „איהר זעהט? מיין קרעדיט איז זעהר גוט. ביי מיר האָט ער גאָרניט געמאַהנט!“

האָבען די אַנדערע סוחרים איהם געענטפערט: „ניט ווייל דו ביזט אַזאַ גרויסער בטוח, ניט ווייל דיין קרעדיט איז אַזוי גוט, מאַהנט ער ביי דיר ניט, נאָר ווייל ער ווייס, אַז דו ביזט אַן אָרימאַן, אַ קבצן, און עס איז ניטאָ וואָס ביי דיר צו נעהמען, דערפאַר לאָזט ער דיך צורוה.“

### נמשל

ווען משה רבינו איז בעשטראָפט געוואָרען אַזוי שווער פאַר אַ קליינע זינד, הייגט ווי פיעל שטראָף קומט שוין אונז קלייניגקע מענשעלעך, וואָס מיר זינדיגען אויף שריט און טריט? איז דער תירוץ, אַז מיר זיינען אַזוי קליין און נישט־ווירדיג, אַזוי ווי יענער אָרימער סוחר, וואָס ביי איהם איז ניט געווען וואָס צו מאַהנען.

## 140
## בעסער ווענינער און גוט

א גרויסער עושר וואָס האָט געהאַט א טאָכטער, האָט פאַר איהר געטאָהן א שידוך מיט דעם זוהן פון אן ארימען יחסן. דער פאָטער פון דעם חתן האָט אויף זיך גענומען צו נייהען פאַר'ן חתן דריי אנצוגען קליידער. האָט דער מחותן צו איהם געזאָגט: „פאַר מיר דאַרפט איהר זיך ניט שעהמען. איך ווייס דאָך, אז איהר זייט אן אָרימאַן און איהר האָט ניט די מיטלען צו מאַכען פאַר אייער זוהן דריי אנצוגען וואָס זאָלען אלע זיין גוט. און אויב איהר וועט איהם טאַקע מאַכען דריי אנצוגען, וועט איהר זיי מסתמא מוזען מאַכען פון וואָלוועלע סחורה, וואָס ווערט גיך צוריסען. איז טאַקע בעסער, אז איהר זאָלט איהם מאַכען בלויז איין אנצוג, איינעם און א רעכטען."

### נמשל

א איד דאַרף זיך ניט אונטערנעהמען צו טאָהן מעהר ווי די תורה הייסט איהם, און אז ער לערנט זאָל ער בעסער לערנען ווענינער און מיט מעהר כונה.

## 141
# אוים יחסן

ביי א פאָטער זיינען געוועזן צוויי זיהן. איינער איז געװען א צולאָזענער, וואָס פלעגט אימער ארומגעהן מיט שלעכטע חברים און הוליען און שיכור׳ן. און דער אַנדערער האָט זיך דערוויטערט פון שלעכטע חברה, און האָט ניט געשיכור׳ט און ניט געטאָהן קיין שלעכטס. איז דער צווייטער געוועזן זעהר בעליעבט ביים פאָטער, בלויז דערפאר, ווייל ער האָט ניט געטאָהן קיין שלעכטס, כאָטש גוטעס האָט ער אויך ניט געטאָהן. אבער בלויז דערפאר וואָס ער האָט קיין שלעכטס ניט געטאָהן איז ער געוועזן ביים פאָטער זעהר טייער.

שפּעטער האָט דער שלעכטער זוהן זיך דערוויטערט פון זיין חברה און האָט אויפגעהערט צו שיכור׳ן און צו שפּיעלען אין קאָרטען. דאן האָט דער פאָטער געזאָגט צו דעם אַנדערער זוהן: „יעצט, אויב דו ווילסט, אז איך זאָל דיך ליעב האָבען אַזוי ווי פריהער איז ניט גענוג, אַז דו זאָלסט ניט טאָהן שלעכטס, דען אַזוי איז דאָך יעצט דיין ברודער אויך, ער טהוט אויך מעהר קיין שלעכטס ניט. וואָס איך פערלאַנג פון דיר יעצט איז, אַז דו זאָלסט אנהויבען צו טאָהן עפּעס גוטעס.

### נמשל

דאָס איז א משל געגען שבת. עס איז ניט גענוג וואָס א איד טוהט נישט אום שבת קיין ארבייט, ער מוז אין דיעזען טאָג טאָהן עפּעס גוטעס.

## 142
# דער עיקר האָט געפעהלט

צוויי גוטע פריינד, ראובן און שמעון, האָבען זיך געטראָפען אין גאַס. זעהט שמעון אז ראובן איז זעהר אומעטיג. פרעגט שמעון: „וואָס איז מיט דיר? ווארום זעהסטו אויס אזוי דערשלאָגען?" ענטפערט ראובן: „איך האָב גרויסער פון מיין זוהן וואָס ער איז נעבעך זעהר קראַנק." זאָגט שמעון: „וואָס רעדסטו? אָט ערשט האָב איך איהם געזעהן אין גאַס, א פרישען, א געזונטען!" האָט ראובן געענטפערט: „יא, ער געהט ארום און זעהט אויס גוט, אָבער ער איז דאָך קראַנק. ער עסט ניט, האָט קיינמאָל קיין אַפעטיט ניט. איך גיב איהם די בעסטע שפייזען, אָבער ער וויל זיי אין מויל ניט נעהמען."

„איך וועל דיר צייגען, אז ביי מיר וועט ער יא עסען," האָט שמעון געזאָגט.

שמעון איז אַוועק, האָט אויפגעזוכט דעם אינגעל און האָט איהם איינגעלאַדען צו זיך אהיים. דאָרט האָט ער פאר איהם אַוועקגעשטעלט א טעלער זופּ און פלייש און איהם געגעבען עסען.

„איך וויל ניט עסען," האָט דער אינגעל געזאָגט.

„אז דו וועסט מיר אויפעסען די פלייש מיט די זופּ אין גאַנצען וועל איך דיר געבען צוויי גילדען!" האָט שמעון אָנגעבאָטען.

דער אינגעל האָט חשק געהאַט צו דאָס געלד, האָט ער זיך אָנגעטאָהן א כח און האָט לוידיג געמאַכט דעם טעלער.

שמעון איז גלייך אַוועקגעלאָפען צו זיין פריינד ראובן און האָט איהם מיט גרויס שמחה דערצעהלט:

„זעהסטו, איך האָב דיר געזאָגט, אַז ביי מיר וועט ער עסען! און ער האָט טאַקע געגעסען. אַ טעלער זופּ און אַ גרויס שטיק פליש האָט ער ביי מיר אויפגעגעסען — זאָל איהם וואויל בעקומען!"

„דערצעהל מיר ווי אַזוי דו האָסט איהם געמאַכט צו עסען," האָט דער פאָטער געבעטען. „אפשר וויים איך טאַקע ניט ווי זיך צו פיהרען מיט איהם."

האָט שמעון דערצעהלט ווי ער האָט דעם אינגעל אונ־טערגעקויפט מיט צוויי גילדען.

„דו נאַרישער מענש!" האָט ראובן אויסגערופען. „אָט דאָס וואָס דו דערצעהלסט איז שוין אַ בעוויז, אַז דער אינ־געל איז קראַנק און האָט קיין אַפּעטיט. ווען ער וואָלט גע־האָט אַפּעטיט וואָלט ער געגעסען, וויל עס הונגערט איהם, אָבער ניט צוליעב געלד."

נ מ ש ל

אַזוי איז דער אונטערשיעד צווישען מענשען וואָס טוהען גוטעס צוליעב דעם, וויל זיי האָבען אַ גוטע האַרץ און ווי־לען טאָהן גוטעס, און מענשען וואָס גיבען צדקה כדי מען זאָל זיי אָבגעבען כבוד אויף דער וועלט, אָדער עולם הבא אויף יענער וועלט.

## 143

## אַ שידוך, אָבער ניט קיין גלייכער

אַ פּראָסטען מענשעל האָט אָבגעגליקט און ער איז גע־וואָרען אַ גרויסער עושר. און אַז ער איז געוואָרען זעהר רייך האָט זיך איהם געוואָלט איינקויפען אין יחוס און חתונה מאַ־כען זיין טאָכטער מיט דעם זוהן פון דעם שטאָדטיגען רב. האָט ער געשיקט נאָך אַ שדכן און האָט צו איהם געזאָגט:

„געהט צום רב, גיט א רייד מיט איהם, און אז איהר וועט דעם שידוך אויספיהרען וועט איהר קריגען פיינע שדכנות געלד.“

דער שדכן איז אוועק צום רב און האט איהם פארגעשלאגען דעם שידוך פאר זיין זוהן. פון אנפאנג האט דער רב ניט געוואלט הערען און זעהן, ווייל דער אבי הכלה איז געוועזען א גאנץ פראסטער מענשעל און פון נידעריגען שטאנד, און ניט דעם רב און ניט אפילו אזוי א שעהנעם בעל הבית איז אנגעשטאנען צו ריידען מיט איהם, אבער דעם שדכן מיט זיין גלאטען צונג האט זיך דאך איינגעגעבען דעם רב איבערצוריידען ביז עס איז געווארען א שידוך.

נאך דער חתונה האט דער רייכער מחותן געזעהן, אז דער רב רעדט צו איהם ניט און וויל צו איהם ניט ריידען. האט ער זיך שטארק געוואונדערט: ווי קומט עס, אז מחותנים זאלען גאר זיין ווי פרעמדע, אזוי ווי זיי קענען גאר ניט איינע די אנדערע און זאלען גאר ניט ריידען איינער צום אנדערען?

זיינע מענשען געקומען צום רב און האבען איהם אבגעטראגען ווי זיין מחותן בעקלאגט זיך אויף איהם. האט דער רב געהייסען, אז מען זאל איהם אזוי ענטפערען: „ער מיינט, אז ווייל איך בין איינגעגאנגען, אז מיין זוהן זאל נעהמען זיין טאכטער איז דאס שוין א גלייכער שידוך, און עס וואונדערט איהם פאר וואס איך פערברייננג ניט מיט איהם, פאר וואס איך רייד ניט צו איהם. אבער טאקע דער פאקט וואס איך רייד ניט מיט איהם איז א בעוויז, אז דער שידוך איז ניט קיין גלייכער, דען וועגען וואס קען איך ריידען מיט אזא עם הארץ? איז דאך א קשיא, ווארום איך בין אויף דעם איינגעגאנגען? נו, בלייבט א קשיא!“

### נ מ ש ל

דער אייבערשטער האט זיך פערבונדען מיט א נידריגער בריאה, א מענש, און האט איהם געגעבען א תורה. דער

מענש לעזט די תורה און געפינט דאָרט זאַכען, וואָס ער בעגרייפט ניט מיט זיין אָרימען שכל, און ער האָט טענות צום רבונו של עולם ווארום ער מאַכט איהם ניט קלאָר די אַלע שווערע זאַכען און די סודות פון דער תורה. דער מענש מיינט, אז ווי באלד דער אייבערשטער האָט זיך מיט איהם פערבונדען איז ער שוין א גלייכער מחותן, און אַלעס דאַרף איהם זיין קלאָר. אָבער דער אייבערשטער ענטפערט: „זאת חקת התורה", אַזוי איז דער דין און דו האָסט ניט וואָס צו פרעגען. איך האָב מיט דיר ניט וואָס צו ריידען. א מחותן ביזטו אפשר, אָבער מיין גלייכען ביזטו ניט."

## 144
## דעם מלך'ס מתנות

א גרויסער מלך פלעגט יעדען חודש, יעדען יום טוב, און ביי יעדער שמחה אין זיין פאַמיליע געבען שעהנע מתנות צו אַלע זיינע קנעכט און דיענער ווי אויך צו זיינע מיניםטאָרען און ראטגעבער. דער מלך האָט ביי זיך געהאַט דאָקטוירים, גרויסע ספעציאַליסטען, וועלכע האָבען קורירט איהם און זיין פאַמיליע יעדען מאָל ווען איינער פון זיי איז קראַנק געוואָרען, און די דאָקטוירים פלעגט דער מלך קיין מתנות ניט געבען. נאָר אַמאָל, אז איינער פון די דאָקטוירים איז געוועזן אין עפּעס א צרה, אָדער ער איז געוועזן שטאַרק גערדיקט אין געלד, פלעגט איהם דער מלך אויסהעלפען.

האָבען די דאָקטוירים זיך צוזאַמענגענומען און געקומען צום מלך מיט א טענה:

„זאָג אונז, האר קעניג, מיט וואָס זיינען מיר ערגער פון אַלע דיינע מענשען? זיי גיסטו מתנות יעדען חודש און יעדען יום טוב און צו יעדער שמחה, אָבער אונז לאָזטו אוים."

„איך וועל אייך דאָס ערקלערען," האָט דער מלך גע־ענטפערט. „יענע מענשען זיינען אימער מיט מיר, זיי בע־דיענען מיך די גאַנצע צייט כסדר, רעגעלמעסיג, גיב איך זיי מתנות אויך רעגעלמעסיג. אָבער איהר בעדיענט מיך נאָר אין אַן אונגליק, ווען עס מאַכט זיך אַ קראַנקהייט אין מיין פאַמיליע, עס הייסט נאָר צופעליג, דאַרום גיב איך אייך איי־ער לוין אויך צופעליג, ווען עס מאַכט זיך אַ פאַל ווען איהר זייט אין אַן אונגליק, אָדער אין אַ נויט."

## נ מ ש ל

דאָס איז אַ משל וועגען די אידען, וואָס געהען אין שוהל יעדען טאָג, דיענען דעם רבונו של עולם אין אַלע צייטען, און יענע אידען וואָס קומען אין שוהל נאָר אום ימים נוראים, אָדער ווען עס קומט עפּעס אַ צרה אויף זיי. מיט די ערשטע איז דער אייבערשטער אין אַלע צייטען, אָבער מיט די אַנ־דערע נאָר ווען זיי דריקט אַ גרויסע נויט.

## 145

## צוויי מינים גוטע פריינד

אַ סוחר האָט געהאַט צוויי גוטע און טרייע פריינד. איי־נער איז געווען אַ רייכער און דער אַנדערער אַן אָרימאַן. דער רייכער פלעגט צו איהם קומען יעדען טאָג אין געשעפט און איהם געבען צו לייזען. דער אָרימאַן האָט דאָס ניט געקענט טאָהן, פלעגט ער צייגען זיין פריינדשאַפט אויף אַן אַנדער אופן. ער פלעגט אַרומגעהן איבער'ן שטאָדט און ברענגען אַנדערע מענשען וואָס זאָלען קויפען ביי דעם סוחר. און אויף אַזאַ אופן פלעגט דער אָרימאַן אַריינברענגען דעם סוחר מעהר לייזונג ווי זיין רייכער פריינד.

### נ מ ש ל

דער איד וואס האט געלערנט און איז א למדן, גיט אליין צו לייזען, עס הייסט ער לערנט אליין, אבער דער איד וואס האט ניט געלערנט, אבער ער האט ליעב די תורה, שטיצט ער תלמידי חכמים און תלמוד תורה אנשטאלטען, און ער טהוט אויף פיעל מעהר ווי דער וואס לערנט אליין.

## 146
## דער כתב און די קארעטע

עס איז בעקאנט אז אין די אמאליגע צייטען האבען די שפאנישע אידען ניט געליטען די דייטשע אידען אין זייער מדינה. איינמאל האט זיך געמאכט, אז א גרויסע אידישע קהלה אין שפאניען האט פערלארען איהר רב. האט מען גע־נומען זוכען אן אנדערען, וואס זאל זיך פאסען צו פערנעה־מען דעם אמט. האט איינער פארגעשלאגען, אזוי ווי אין דייטשלאנד געפינט זיך איינער א גרויסער גאון און גרויסער חכם, זאל מען איהם אראבברייננגען. זיינען די שטאדט־לייט געווען צוטיילט, די האבען דעם דייטשען רב געוואלט און די אנדערע זיינען געווען דאגעגען. איבערהויפט האט מען מורא געהאט פאר דעם וואס דער דייטשער רב האט געהאט א סך קינדער, זיהן און טעכטער, און אז זיי וועלען זיך אויסמישען מיט שפאנישע קינדער, וועלען זיי פערדייטשען דעם שפאני־שען אידענטהום. אבער אזוי ווי נאך לאנגען זוכען האט מען קיין בעסערען רב ניט געקענט געפינען, האט מען זיך געאייניגט אויף דעם דייטשען רב, אבער בתנאי, אז קומען זאל ער נאר מיט זיין פרוי און מיט זייערע גאנץ קליינע קינדער, די וועלכע דארפען נאך האבען זייער מאמען. די

גרעסערע מוזען פערבלייבען אין דייטשלאנד. און אזוי ווי מען האט זיך געשעהמט דיזען פונקט איינצושרייבען אין דעם רבנות כתב, האט מען אבגעמאכט, אז מען זאל נאך דעם רב שיקען א גאנץ קליינע קארעטע, און ער זאל אליין פערשטעהן אז ער דארף זיין גאנצע פאמיליע ניט מיטנעהמען.

די שלוחים זיינען געקומען אין דייטשלאנד און איבער־געגעבען דעם כתב רבנות צום רב. ער האט דעם כתב אי־בערגעלעזען. די קאנדיציעס זיינען איהם געפעלען געווארען, אבער אז ער האט א קוק געטאהן אויף דער קליינער קארעטע וואס מען האט געשיקט נאך איהם, האט ער געזאגט:

„די קליינע קארעטע וואס איהר האט נאך מיר געשיקט שטימט ניט מיט דעם שעהנעם כתב רבנות, וואס איהר האט מיר געבראכט. איך פערשטעה, אז איהר נעהמט מיך פאר א רב ניט ווייל איהר ווילט מיך, נאר ווייל איהר דארפט מיך. און טאקע דערפאר וויל איך ניט פאהרען צו אייך.“

אז די שלוחים זיינען צוריקגעקומען אין זייער שטאדט מיט דעם רב'ס תשובה, האבען די שטאדט־לייט איינגעזעהן, אז זיי האבען געטאהן ניט ריכטיג און זיי האבען געשיקט צום רב עטליכע גרויסע קארעטעס אום צו ברייננען זיין גאנצע הויז געזינד.

## נ מ ש ל

עס זיינען דא מענשען וואס אויף שבחים זיינען זיי ניט קארג, אבער אז עס קומט עפעס צו טאהן, ווערען זיי קאלט. און מיט אזעלכע דארף מען וויסען ווי צו האנדלען. דער כתב און די קארעטע מוזען זיין פון דער זעלבער מאס.

## 147
## אַז אַך און וועה צו דעם כבוד!...

אַ מיניסטער וואָס איז געווען זעהר געאַכטעט אין דעם מלך'ס הויף און איז געווען אַ גאַנצער בן בית ביים מלך, איז איינמאָל קראַנק געוואָרען און האָט זיך געמוזט לייגען אין בעט. איז דער מלך געקומען איהם מבקר חולה זיין.

האָט איינער פון דעם מיניסטער'ס פריינד צו איהם געזאָגט: „דו דאַרפסט זיך פרעהען, וואָס דער מלך האָט דיר געטאָהן אַזאַ כבוד און איז געקומען דיך צו בעזוכען."

„דו נאַר איינער!" האָט דער קראַנקער מיניסטער אויסגערופען. „ווארום זאָל איך זיך פרעהען? בעסער וואָלט געווען, אַז איך וואָלט זיין געזונד און וואָלט געקומען צום מלך, ניט איך זאָל קראַנק זיין און דער מלך זאָל קומען צו מיר!"

### נ מ ש ל

אמת, דער אייבערשטער איז מיט אונז אפילו יעצט אויך, ווען מיר זיינען אין גלות. אָבער פיעל בעסער וואָלט געווען, אַז מיר וואָלטען געווען פרייע מענשען און איהם זעהן ביי איהם, אין זיין פּאַלאַסט, אין בית המקדש!

## 148
## ווען מחותנים קריגען זיך

אויף א חתונה, גראדע פאר דער חופה, האבען די מחותנים פון חתן'ס צד און די מחותנים פון כלה'ס צד גע־נומען זיך קריגען, זידלען און שרייען איינער אויפ'ן אנ־דערען. זייערע קולות האבען צוזאמענגעבראכט אלע געסט וועלכע האבען זיך צוגעהערט צו די קריעג. האט איינער פון די געסט געזאגט צו די מחותנים: „צו וואס שרייט איהר איינער אויפ'ן אנדערען און צו וואס קריעגט איהר זיך? באלד וועט מען שטעלען די חופה און נאכדעם וועט איהר דאך כאפען א טענצעל צוזאמען. טא צו וואס קריעגט איהר זיך, אז איהר וועט באלד טאנצען צוזאמען?"

### נמשל

אזוי טענה'ן די אידען צום רבונו של עולם: דו ביזט אויף אונז בייז, דו שטראפסט אונז זעהר שווער, מאכסט אונז צו שאנד פאר פרעמדע אין די אויגען, אבער מיר וויי־סען דאך, אז באלד וועסטו אונז צוריק ברענגען אין אונזער לאנד און וועסט אונז ווידער זיין א פאטער, טא צו וואס שטראפסטו אונז אזוי?

# 149
# טעות סוחר

איינער, א גביר, האט געפיהרט גרויסע געשעפטען איבער ווייטע לענדער. איינמאל איז ער מיט זיין סחורה געפאהרען אויפ'ן ים און די שיף איז געווען אנגעלאדען מיט זיינע פעק און קאסטענס. דער סוחר האט אויך מיטגעפיהרט א טלית־זאק מיט תפילין און אויך עטליכע ספרים, אין וועלכע ער זאל קענען אריינקוקען, אדער לערנען א שיעור.

אין מיטען וועג האט אויסגעבראכען א גרויסער שטורם. די שיף מיט די פאסאזשירען איז געווען אין גרויס סכנה. און אז די שיף האט שוין געהאלטען אין זינקען, האט דער קאפיטאן געזאגט צום סוחר:

„איהר מוזט וואס שנעלער לייכטער מאכען די שיף. איהר האט דא צופיעל זאכען. ווארפט אריין אין ים וויפיעל איהר קענט! אז ניט זינקען מיר אלע!"

דער סוחר האט זיך שטארק דערשראקען. האט ער גענומען זיין טלית־זעקעל מיט זיינע ספרים און האט זיי געוואלט אריינווארפען אין ים. אבער זיין משרת האט איהם אבגעהאלטען און געזאגט:

„וואס טוהט איהר, מיין האר, עס איז דאך א זינד פאר גאט! אט דיזע הייליגע זאכען, וואס איהר ווילט ווארפען אין ים, זיינען דאך אזעלכע וואס האלטען אונז אויף ביים לעבען. בעסער ווארפט אריין עטליכע פון אייערע שווערע קאסטענס סחורה, און דאס וועט א סך לייכטער מאכען די שיף."

נמשל

א סך מענשען, ווען עס קומט אויף זיי א שווערע, שטורמדיגע צייט, הויבען זיי אן זיך לייכטער צו מאכען מיט דאס וואס זיי שפארען אב פון צדקה. דאס איז אבער ניט ריכטיג. צדקה האלט אונז אויף ביים לעבען. שפארען זאל א מענש אין זיינע שווערע הוצאות, וואס ער פערשווענדעט אויף פערגניגענס און לוקסוס פאר זיך און פאר זיין פרוי. דאס וועט איהם פיעל לייכטער מאכען זיין לאגע.

## 150

# א קנאפער בטוח

איינער, א שעהנער בעל־הבית, פלעגט נעהמען ביי א קרעמער סחורה אויף בארג, און דער קרעמער פלעגט איהם אימער געבען סחורה אוןווארטען ביז יענער פלעגט איהם בעצאהלען. איינמאל איז דער בעל־הבית צו איהם געקומען קויפען א בגד פאר זיין משרת. „דעם מאל מוזט איהר צאהלען מזומן," האט דער קרעמער געזאגט. „ווארום?" האט דער בעל־הבית געפרעגט. „איהר בארגט דאך מיר אימער."

„פערשמעהט איהר מיך אזוי," האט דער קרעמער ער־קלערט, „איך האב קיין מורא ניט אייך צו בארגען זאכען וואס איהר דארפט פאר אייך אליין און פאר אייער פאמי־ליע. אבער א זאך וואס איהר דארפט האבען פאר אייער משרת האב איך שוין מורא צו געבען אהן געלד. וואס טוה איך אז אייער משרת ענטלויפט פון אייך? איהר וועט דאן שוין נאכדעם ניט האבען קיין חשק צו צאהלען פאר זיין בגד. דערפאר קען איך אייך דיזען מאל ניט טרויען."

### נ מ ש ל

דאס איז א משל געגען די ליעבע. די קערפערליכע ליעבע, די ליעבע פון איין גוף צו דעם אנדער גוף, קען מען ניט טרויען, ווייל אזוינס קען נאר פארקומען צווישען א נידריגע קלאסע מענשען: אבער די ליעבע, מיט וועלכער יעקב אבינו האט געליעבט די מוטער רחל, איז געווען א ריינע. ער האט זי ניט געליעבט ווי א משרת ליעבט א דיענסט, נאר פאר איהר ריינע נשמה און גוטע זאכען, און אזא ליעבע קען מען טרויען.

## 151
## געבליבען ביים קאפיטאל

ביי א גרויסען גביר זיינען געווען צוויי זיהן. איינער איז געווען א פלייסיגער, א געראטענער; דער אנדערער איז געווען א ביסעל פויל און האט קיין חשק ניט געהאט צו לערנען. אזוי לאנג ווי דיביידע זיהן זיינען געווען יונגע קינדער, ביים פאטערס טיש, האט ער צווישען זיי קיין אונטערשיעד ניט געמאכט און האט זיי געמאכט די זעלבע קליידער, און געגעבען און אויף אלע הצטרכות גלייך. ווען זיי זיינען אבער עלטער געווארען און האבען געדארפט ארויסגעהן אויף אייגענע קעסט, האט ער ביידען געגעבען גלייכע סומען געלד, כדי זיי זאלען זיך מאכען געשעפטען און ווערען בעלי־בתים פאר זיך. אז זיי האבען שוין אבער בעדארפט חתונה האבען און נאכדעם בויען הייזער, און שפעטער אויסגעבען קינדער, איז דעם וועמען דער פאטער האט ליעבער געהאט, פלעגט ער איהם געבען אויף די אלע נייע הוצאות, און דעם אנדערען פלעגט ער מעהר ניט געבען.

איינמאל האט זיך געמאכט, אז דיביידע ברידער האבן געדארפט לייהען געלד אין באנק אום צו פערגרעסערען זייערע געשעפטען. האט מען דעם ערשטען געליהען גלייך ווי ער האט געבעטען, און דעם אנדערען האט מען אבגעזאגט. פרעגט דער אנדערער: „מיט וואס איז מיין ברודער ביי אייך מעהר בטוח ווי איך?“ האט מען איהם געענטפערט: „די מעשה איז אזוי. איהר האט ביידע גרויסע הוצאות, נאר מיר ווייסען אז ווען דיין ברודער מאכט א גרויסע הוצאה גיט איהם דיין פאטער אנדערע געלד, אבער אז דו מאכסט א גרעסערע הוצאה גיט דיר דיין פאטער קיין הילף ניט און דו מוזט ציהען פון דיין קאפיטאל. ביי דיין ברודער שטעהט דער קאפיטאל אזוי ווי געווען, אבער ביי דיר ווערט ער קלענער.“

## נמשל

פאר מתן תורה זיינען מיר געווען ביים אייבערשטען ווי קינדער ביי זייער פאטערס טיש. ער האט מיט אונז געטאהן חסדים, כאטש מיר האבען גארנישט פערדיענט. שפעטער האט ער אונז געגעבען קאפיטאל (די תורה), אז מיר זאלען אליין פערדיענען (לערנען די תורה, טאהן מצות).

# 152

# וויסענשאפט איז בעסער פון גאָלד

אמאל איז געווען א גרויסער גביר, וואס האט געהאט א סך געשעפטען, גיטער און הייזער. ווען ער איז גע־ווארען אלט, האט ער זיך געטראכט, אז עס איז זעהר נויטיג דאס ער זאל איינעם פון זיינע זיהן אויסלערנען אלע זיינע געשעפטען, ער זאל וויסען וואו איין און וואו אויס, און

ער זאָל זיין בעל־הבית איבער זיין פערמעגעו און פיהרעו אַלעם מיט פערשטאַנד.

האט דער גביר צוזאַמענגערופעו אַלע זיינע זיהן און האט צו זיי געזאָגט:

„ווער פון אייך וויל, אַז איך זאָל איהם איבערגעבעו די פערוואַלטונג איבער אַלע מיינע געשעפטעו און גיטער, אַז ער זאָל אַלעם פיהרעו אין אָרדנונג, און די אַנדערע ברידער זאָלעו פון איהם קריגעו זייער חלק הכנסה יעדעו יאהר?“

האט קיינער פון די זיהן ניט געוואָלט אננעהמעו אויף זיך די אַרבייט. יעדער איינער האט זיך געטראַכט: לאָמיך בעסער זיין פון די וואס לעבעו פון אַלעם גרייטעו, איידער צו זיין פערדרעהט מיט׳ן געשעפט און טראַגעו אויף זיך די גאַנצע זאָרג.

אבער איינער האט זיך געפונעו וואס איז געוועו קליגער פון די אַנדערע און האט געזאָגט צום פאַטער:

„איך נעהם זיך אונטער צו פיהרעו די געשעפטעו און געבעו מיינע ברידער זייערע חלקים פון דער הכנסה, אבער בתנאי אַז דו זאָלסט מיך לערנעו ווי די געשעפטעו צו פיהרעו.“

שפּעטער, אַז דער קלוגער זוהן האט זיך געטראָפעו מיט אַ פריינד, האט איהם דער פריינד געפרעגט:

„ווי קומסטו צו אַזאַ נאַרישקייט? צו וואס האסטו אויף זיך אנגענומעו אַזאַ גרויסעו יאָך צו פיהרעו אַזוי פיעל עסקים?“

האט איהם דער קלוגער זוהן אַזוי געענטפערט:

„מיין פאַטער האט זיך אונטערגענומעו מיך אויסצו־לערנעו אַלע זיינע געשעפטעו, און דאס איז ביי מיר פיעל טייערער ווי זיין גאַנצע גאָלד און זילבער. געלד איז ניט קיין אייביגע זאַך. עס קען דאך אַמאָל טרעפעו, אַז מיין פאַטערס פערמעגעו זאָל פערלאָרעו געהן, וועלעו מיינע ברי־דער, וואס זיינעו געוואוינט צו לעבעו אויף אַלעם גרייטעו,

אהן ארבייט, אהן מיה, ניט האבען פון וואס צו לעבען. אבער איך וועל דורך דעם, וואס מיין פאטער וועט מיך אויסלערנען, וויסען ווי צו מאכען נייע פערמעגענס."

נ מ ש ל

וויסענשאפט איז דער גרעסטער אוצר — פיעל טייערער פון גאלד.

## 153
## דער דאָרפישער למדן

אין א דארף איז געזעסען אן ארענדאר, וואס זיין האנדעל איז געווען מיט פויערים. דער ארענדאר איז געווען בעוואוסט פאר א גאנצען קענער. דהיינו, ער האט געקענט לעזען אין לוח דעם „חזון הרוחות", וואס צייגט אן די פערשיעדענע וועטערען פון דעם גאנצען יאהר, ווען עס וועט זיין שניי, ווען רעגען, ווען היץ און ווען א טריקעניש. די פויערים און די אידישע ישוב'ניקעס ארום פלעגען צו איהם קומען מיט אזעלכע פראגען ווי: ווען קומט אוים דער גרויסער יריד? ווען פאלט אוים דער ערשטער שניי? ווען וועט דער וועג ווערען גוט? און נאך אזעלכע פראגען. דער ארענדאר פלעגט ארייגקוקען אין לוח, פערקנייטשען דעם שטערען, אזוי ווי איינער טראכט איבער א הארבע זאך, און נאכדעם פלעגט ער געבען א תשובה, און דער פרעגער פלעגט אוועק א צופריעדענער.

איינמאל זאגט דער ארענדאר צו זיין פרוי: „דו ווייסט וואס איך האב זיך ארומגעזעהן? איך בין דאך א גרויסער למדן!" פרעגט די פרוי: „ווי אזוי האסטו זיך דאס דערוואוסט?" האט ער געענטפערט: „דו זעהסט דאך ווי אלע

קומען צו מיר פרעגן וואס זיי ווייסען ניט, און א סך מאל האט מיר געטראפען אז איך געה אין גאס און מענשען שפארען זיך איבער עפעס א פראגע, און נאכדעם אז זיי דערזעהן מיך זאגען זיי ׳לאמיר פרעגען דעם ארענדאר. ער ווייסט דאך אלעס׳. איז נאך ביי דיר א פראגע אז איך בין א גרויסער למדן?״

די פרוי האט זיך שטארק געפרעהט וואס איהר מאן איז א גרויסער למדן, און זי האט גענומען פיהלען שטאלץ ביי זיך.

א צייט שפעטער איז דער ארענדאר געפאהרען אין שטאדט אויף ימים נוראים. האט ער דארט געזעהן אין שוהל ווי עס זיצען אידען לומדים און ריידען תורה. טראכט ער זיך, איך בין דאך אויך א למדן, לאמיך צוגעהן און זיי צייגען אז איך קען אויך די שווארצע פינטעלער. געהט ער צו און הערט זיך איין. הערט ער און הערט, אבער ער פערשטעהט ניט קיין ווארט. ער מאטערט זיך כאטש עפעס צו כאפען, אבער ער פערשטעהט ניט איין ווארט פון צעהן. געהט ער צוריק צו זיין ארט ביים פאליש און שווייגט. נאכדעם אז ער איז צוריק געקומען אין דארף, זאגט ער צו זיין פרוי: „הער זיך איין וואס איך וועל דיר דערצעהלען. איך בין געווען אין שטאדט, האב איך דארט אויסגעפונען, אז איך האב זיך א ביסעל אבגענארט. דא, אין דארף, צווישען פויערים, בין איך טאקע א גרויסער למדן, אבער דארט אין שטאדט זיינען דא אמת׳ע לומדים, און וואס זאל איך דיר זאגען? געגען די שטאדטיגע בין איך אליין א פויער . . .״

## נ מ ש ל

ישעיה הנביא האט זיך געהאלטען פאר א גרויסען מאן און א נביא, אזוי לאנג ווי ער האט געקענט בלויז מענשען. אבער ווען ער האט מיט דער קראפט פון זיין נבואה דער-

זעהן דעם כסא הכבוד מיט די מלאכים, האט ער אויסגע־
רופען אויף זיך: „אנכי איש טמא שפתים ובתוך עם טמא
שפתים אני יושב". עס מיינט: איך בין א מענש מיט
אן אונריינעם מויל און צווישען א פאלק פון אונריינע מוי־
לער געפין איך זיך.

## 154
## דער בעל הבית איז איהם געפעלען

א משרת האט געהאט חשק אנצוקומען צו א געוויסען בעל־הבית אין הויז, צו דיענען ביי איהם. דער בעל־הבית איז ניט געווען זעהר רייך, און אין דער זעלבער שטאדט זיינען געווען זעהר רייכע מענשען, וואס האבען געוואלט האבען דעם משרת, אבער דער משרת האט אלץ געווארט ביז יענער בעל־הבית וועט זיין איםשטאנד איהם צו נעהמען. האט מען איהם געפרעגט: „מיט וואס געפעלט דיר יענער מיטעלער בעל־הבית בעסער ווי אלע גבירים, וואס ווילען דיך נעהמען?" האט דער משרת אזוי ערקלערט: „ביים מיטעלען בעל־הבית האב איך געזעהן איין מעלה, וואס ביי די גרויסע גבירים זעהט מען דאס ניט. איינמאל האט מיך מיין געוועזענער בעל־הבית, פאר וועמען איך האב פריהער געארבייט, געשיקט צו יענעם בעל־הבית נעהמען עפעס סחורה. אז איך בין אריינגעקומען איז די גאנצע פאמיליע געזעסען ביים טיש און בעגעסען, און זייער משרת איז אויך געזעסען ביי דעם זעלבען טיש. און אז איך האב געזאגט נאך וואס איך בין געקומען, האט זיך דער משרת אויפגעהויבען און איז אריין אין קליים מיר דאס צו ברייגנען. האב איך געזעהן ווי די גאנצע פאמיליע האט אויפגעהערט עסען און געווארט ביז דער משרת וועט צוריק קומען צום טיש."

נמשל

**אז איידעלע בענעהמונג איז טייערער פון געלד.**

## 155

## ודע מה שתשוב לשכור

א רייכער מאן איז געגאנגען מיט זיין זוהן אין גאס. ביידע זיינען געווען יום־טוב'דיג אנגעטאהן אין זייערע שעהנסטע מלבושים. איז זיי אנקעגען אנגעקומען א שכור, וועלכער האט זיך קוים געהאלטען אויף די פיס, און אנכאפענדיג דעם רייכען מאן פאר די פאלעס, האט ער גענומען שרייען: „דאס איז דאך מיין ראק! דו האסט עס ביי מיר גע'גנב'עט!" האט דער רייכער מאן איהם געענטפערט גאנץ פריינדליך און מיט א וויכער שטימע: „וואס פאלט דיר איין, מיין פריינד, אזא געדאנק, אז איך האב דעם ראק ביי דיר גע'גנב'עט? דאס האט מיר דיין פרוי געליהען בלויז אויף איין טאג און מארגען קעהר איך אום דעם ראק צו דיר מיט א שעהנעם דאנק."

ווען דער שכור האט דאס געהערט, איז ער וויכער געווארען און האט זיך אבגעטראגען. „אבער, פאטער!" האט דער זוהן זיך אבגערופען, „ווארום האסטו איהם געזאגט אז דער ראק איז טאקע זיינער?"

„מיין זוהן!" האט דער פאטער ערקלערט, „וואס איז דא צו טענה'ן מיט א שכור? אז איך וואלט איהם געזאגט ניין, וואלט ער נאך העכער געשריען און זיך אפשר אויך געווארפען שלאגען, אבער אז איך האב איהם אבגעלייגט אויף מארגען, ביז איך זיכער אז ביז מארגען וועט ער זיך אויסניכטערען און פערגעסען."

נ מ ש ל

א פריעדליכער ענטפער איז אימער דער בעסטער.

## 156
## דער צופיעסטעטער בן יחיד

א מלך האט געהאט א זוהן, א בן יחיד, איז ער געווען זעהר שוואך. דער מלך האט פאר איהם געהאלטען בעזונ־דערע דאקטוירים וואס האבען אויפגעפאסט אויף זיין געזונט און אויך דיענער וואס פלעגען דעם קראנקען בן מלך בעדיע־נען. די דאקטוירים זיינען געווען די בעסטע און די גע־לעהרטסטע אין לאנד. די דיענער זיינען געווען די פיינסטע און די עהרליכסטע, — אלע שעהן און שטארק געוואקסען, אזוי ווי העלדען, און דערצו געלערנט אין אלע געזעצען פון דער הויף־עטיקעטע, אזוי ווי עס פאסט זיך פאר דיענער פון א פרינץ, א יורש עצר.

די דאקטוירים פלעגען פערשרייבען וואס דער פרינץ מעג עסען און וואס ער טאר ניט עסען, און די דיענער פלע־גען אויפפאסען, אז דער בן מלך זאל עסען נאר דאס, וואס די דאקטוירים האבען איהם פערשריבען און איהם אבהיטען, אז ער זאל ניט עסען דאס וואס עס איז איהם פערבאטען.

די גאנצע צייט האט דער בן מלך געפאלגט די דאקטוי־רים און די דיענער, אבער פלוצלונג איז ער געווארען ווילד און האט גענומען טאהן אלעס פערקעהרט ווי זיי האבען גע־וואלט. ער האט אנגעהויבען צו עסען און צו טרינקען אלעס וואס איז איהם געווען פערבאטען. די דאקטוירים און די דיענער האבען איהם געווארענט און גע'מוסר'ט, אבער דער בן מלך האט זיי ניט געוואלט הערען. און דער סוף איז געווען

אז דער בן מלך איז געוואָרען זעהר קראנק. זיין גאַנצער קערפּער איז בעדעקט געוואָרען מיט וואונדען, דען די פּער־באַטענע עסענס האָבען אויף איהם געווירקט ווי א גיפט.

ווען דער מלך האָט זיך פון דעם דערוואוסט, האָט ער איינגעזעהן, אז מיט זיינע אייגענע דאָקטוירים און דיענער וועט ער גאָר ניט אויספיהרען, ווייל זיי קענען דעם בן מלך און קענען דעם מלך, און דארום האָבען זיי אויף איהם רחמנות און קענען ניט זיין מיט איהם צו שטרענג. האָט דער מלך גענומען זיין בן יחיד און האָט איהם אוועקגעשיקט ווייט, ווייט, אין דער פרעמדע, צו א דאָקטאר וואָס איז געווען א שטרענגער און א שלעכטער, א קאַלטער גזלן, און האָט דעם מלך ניט געקענט. צו איהם האָט ער אוועקגעשיקט זיין טייער קינד, דער דאָקטאר זאָל איהם קורירען און שניידען זיין לייב, אום אבצורייניגען זיין קערפּער פון שלעכטע בלו־טען און פון ווילד־פלייש, וואָס איז אָנגעוואַקסען אויף איהם.

## נ מ ש ל

מיר אידען זיינען דער בן יחיד. אונזער פאָטער, דער מלך פון דער גאַנצער וועלט, האָט געזעהן, אז מיר פאָלגען ניט זיינע דאָקטוירים און דיענער די כהנים, לויים און לעהרער, האָט ער אונז פערשיקט אין גלות צו די גויים, וואָס קענען איהם ניט, אז זיי זאָלען אונז קורירען מיט א שטאַרקע האנד.

## 157
## צופיעל איז אומגעזונד

אַן אָרימאַן איז איינמאָל געקומען צו זיין רייכען שכן און האָט ביי איהם געבעטען לייהען אַ זילבערנע לעפעל. דער רייכער שכן האָט איהם געליהען. אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט דער אָרימאַן אָבגעבראַכט דעם לעפעל מיט נאָך אַ קליי־נעם לעפעלע דערצו.

„וואָס איז דאָס?" האָט דער נגיד געפרעגט, „איך האָב דיר דאָך געליהען בלויז איין לעפעל."

„אייער לעפעל," האָט דער אָרימאַן געענטפערט, „האָט ביי מיר אין הויז זיך געלעפעלט, עס הייסט עס איז געגאַנגען צו קינד און האָט געבוירען אַ קליין לעפעלע, האָב איך אייך אָבגעבראַכט ביידען, די מאַמען מיט דער טאָכטער, ווייל ביי־דע געהערען צו אייך."

דער נגיד איז געווען צופריעדען, און האָט אָבגעדאַנקט דעם אָרימען שכן פאַר זיין עהרליכקייט.

אין אַ וואָך אַרום קומט ווידער דער אָרימאַן און בעט, אַז דער נגיד זאָל איהם לייהען אַ זילבערנעם בעכער. דער נגיד האָט קיין וואָרט ניט איבערגערעדט און האָט איהם געגעבען אַ גרויסען זילבערנעם בעכער. עס זיינען אַריבער אַ דריי אָדער פיער טעג און דער אָרימאַן האָט צוריקגע־בראַכט דעם נגיד זיין גרויסען בעכער, מיט נאָך אַ קליינעם בעכערל דערצו.

„אייער גרויסער בעכער האָט ביי מיר אין הויז זיך גע־בעכערט, און געבוירען אַ קליינעם בעכערל," האָט דער אָרי־מאַן ערקלעהרט. „האָב איך אייך אָבגעבראַכט די מאַמען מיט'ן קינד צוזאַמען."

נאכדעם האט דער ארימאן אויפגעהערט צו קומען. איז דער גביר צו איהם אוועק און האט איהם געפרעגט: „פאר וואס האסטו אויפגעהערט צו מיר צו קומען און לייהען זאכען? דארפסט זיך ניט שעהמען. איך וועל דיר לייהען פיעל דו ווילסט. זאג מיר, וואס דארפסטו?"

„איך וויים אליין ניט," האט דער ארימאן געזאגט, „אבער אויב איהר ווילט, לייט מיר אייער גאלדענעם זייגער."

דער נגיד האט גלייך ארויסגענומען פון זיך זיין זייגער וועלכער איז געווען פון גאלד און בעזעצט מיט בריליאנטען און האט עס געגעבען צום ארימאן.

נאכדעם איז דער גביר אוועק אהיים מיט א פרעהליכען הארצען און געווארט אויף זיין שכן, וואס וועט איהם מסתמא אבברענגען זיין טהייערען זייגער, מיט נאך א קליינעם זייגערל צו דעם.

ווארט ער דער גביר און ווארט. עס געהט אוועק א טאג, צוויי, דריי, פיער, — א גאנצע וואך, און דער שכן צייגט זיך ניט. ווערט שוין דער גביר אונגעדולדיג. אזוי לאנג ווארטען האט ער ניט געקענט, איז ער אליין אריבער צום שכן און האט איהם געפרעגט: „נו, וואס הערט זיך מיט מיין זייגער?" דער שכן האט מיט א זיפץ געענטפערט: „עס איז מיר פשוט א הארץ ווייטאג אייך צו זאגען, אייער זייגער איז נעבעך געשטארבען."

„וואס הייסט געשטארבען?" האט דער נגיד אויסגערופען שטארק דערשראקען. „ווי קען א זייגער שטארבען?"

„און ווי קען א לעפעל זיך לעפלען?" האט דער ארימאן צוריק געפרעגט א קשיא. „און ווי קען א בעכער זיך בעכערען? אויב א לעפעל אדער א בעכער קענען געבוירען קינדער, קען דאך א זייגער שטארבען!" . . .

## נ מ ש ל

דער אייבערשטער האט געזאגט צו די אידען „לא

תוסיפו״: איהר זאָלט ניט צוגעבען זאכען מעהר ווי עס איז געשריעבען אין דער תורה. דען ווען איינער לייגט צו א מצוה, וואס געפינט זיך ניט אין דער תורה, און ער זאגט, אז דאס איז א קינד פון א מצוה, וואס שטעהט יא אין דער תורה, קען זיך אמאָל מאכען א שווערע מצוה וואס איז מן התורה און ער וועט עס ניט וועלען טאָהן. ער וועט זאגען, אז די מצוה איז שוין געשטאָרבען . . .

## 158

# דער אָרימאַן האָט זיך אויסגעפוצט

א פּאַטער וואס האט געהאט עטליכע זיהן, ווייט פון זיין שטאָדט, האט זיי איינגעלאדען צו קומען אויף דער חתונה פון זיין מיזשיניק. אלע זיהן האָבען גלייך געענט־פערט, אז זיי וועלען קומען מיט זייערע ווייבער. נאָר איינער פון זיי, וועלכער איז געווען א גרויסער אָרימאַן, האָט גע־שריבען צום פּאַטער: „איך נעהם אָן דיין איינלאדונג, אָבער דו מוזט מיר אויסשרייבען וואס פאר א שעהנע בגדים איך זאָל מיטנעהמען צו טראָגען אויף דער חתונה, און וואס פאר א קליידער מיין פרוי זאָל מיטנעהמען.״ דער פּאַטער האָט געמיינט, אז דער זוהן איז דער רייכסטער פון אלע זיינע זיהן, האָט ער איהם אויסגעשריבען א צעטעל פון די קליידער וואס ער זאָל מיטנעהמען, — און אלעס זעהר פיינע זאכען.

ויהי היום, ווען עס איז געקומען דער טאָג פון דער חתונה, זיינען אראָבגעקומען אלע זיהן. די רייכערע זיינען געקומען אנגעטאָהן גאַנץ שעהן, אָבער ניט איבעריגס רייך. אָבער דער אָרימאַן איז געקומען אין אן אַטלאַסענעם ראָק, זיידענע זאָקען, און א צילינדער כדרך הגבירים. זיין פרוי איז אויך געקומען זעהר רייך געקליידעט, ווי א גרעפין. די

אנדערע ברידער און דער פאָטער האָבען איהם אָנגענומען פאר א גרויסען גביר און האָבען איהם ארויסגעצייגט גרויס כבוד, אָבער שפּעטער האָבען זיי זיך דערוואוסט, אז ער איז אַן אָרימאַן, א קבצן . . .

„איך פערשטעה נים," האָט דער פאָטער איהם גע־פרעגט, „אַז דו ביזט אַן אָרימאַן, טאָ צו וואָס האָסטו ביי מיר געדאַרפט פרעגען וואָס פאַר א קליידער דו זאָלסט ברענגען צו דער חתונה? האָסט דאָך געקענט קומען אין וואָס דו האָסט."

„וואָס ווייסטו, טאַטע," האָט דער זוהן געענטפערט, „איך בין אַזוי אָרים, אַז איך פערמאָג נים א פּאָר גאַנצע שיך, און מיין ראָק איז פול מיט לעכער און מיינע הויזען זיי־נען אין גאַנצען לאָטעס. סאַי ווי איז מיר אויסגעקומען צו לייהען ביי פרעמדע קליידער פאַר מיר און מיין פרוי, האָב איך זיך גערעכענט, אַז אויב יאָ קומען אין געליהענע קליי־דער, זאָל שוין זיין עפּעס רעכטס!"

## נמשל

דאָס איז א משל נעגען דעם מענשען און די מלאכים. די מלאכים האָבען א בעשטימטען חלק גוטעס וואָס דער איי־בערשטער האָט זיי געגעבען און זיי ציהען זייער עקזיסטענץ פון דעם וואָס זיי פערמאָגען. אָבער דער מענש האָט אליין גאָרנישט. ער לעבט נאָר מיט די חסדים וואָס דער איי־בערשטער שענקט איהם. און ווי באַלד ער דאַרף לעבען פון חסדים, ווייס דער מענש, אַז צו דעם אייבערשטענס גוטסקייט איז גאָר קיין שיעור ניטאָ, און ער בעט אַלץ מעהר ברכות פון דעם אייבערשטען.

## 159
# די צוויי יונגע ווייבלעך

אין א שטעדטעל זיינען געווען צוויי כלה מיידלעך, וואס האבען זיך געגרייט צו דער חתונה. איינע איז געווען ביי איהרע עלטערען וועלכע זיינען געווען זעהר רייך און די אנדערע איז געווען א יתומה, וואס האט זיך ערצויגען ביי ארימע משפחה־לייט. די וואס האט געהאט א רייכען פאַטער האט מען געמאכט א ריכטיגע גארדעראָבע. צוערשט האט מען איהר גענעהט קליידער וואס זי זאל קענען טראָגען אום דער וואָכען. נאכדעם האט מען איהר גענעהט קליידער פאר שבת און יום טוב. און צולעצט האט מען איהר גענעהט די חתונה קליידער.

די ארימע קרובים פון דער יתומה האבען גענומען קלעדען וואס מען נעהט צוערשט פאר זייער קרובה, האבען זיי איינגעזעהן, אז זיי האבען ניט גענוג מיטלען צו נעהען אלעס וואס א כלה דארף האבען, האבען זיי בעשלאָסען צו נעהען פאר איהר בלויז דאס נעטהיגסטע, און נויטיגסטע איז דאך געווים חתונה קליידער.

נאך זייער חתונה, אז די יונגע ווייבלעך פלעגען קומען אין מארק איינקויפען, פלעגט די רייכע יונגע ווייבעל קומען אנגעטאָהן אין וואָכען קליידער און די ארימע פלעגט קומען אין חתונה קליידער. און זייטיגע מענשען וואס האבען די צוויי יונגע ווייבלעך ניט געקענט, האבען געמיינט אז די רייכע איז ארים און די ארימע איז רייך. זיי איז גאר ניט איינגעפאלען, אז מעהר ווי די חתונה קליידער האט ניט יענע ווייבעל.

נ מ ש ל

א סך מענשען ווערען געשאַצט לויט זייערע קליידער, אָבער דאָס זיינען ניט מעהר ווי אָרימע לייט אין חתונה קליידער.

## 160
## פון צוויי איז ער געבליבען איינער

איינער האָט געדאַרפט לייהען געלד ביי א רייכען מאַן, און אַזוי ווי ער איז געווען אַן אָרימאַן, האָט ער געבראַכט אַן ערב, א גוט־זאָגער, וועלכער זאָל זיך אונטערשרייבען אויפ'ן וועקסעל. אָבער דער רייכער מאַן האָט געדענקט, אַז איין ערב איז ניט גענוג און ער האָט געהייסען ברייננגען נאָך איינעם. דער אָרימאַן האָט געבראַכט נאָך אַן ערב און די ביידע ערבים האָבען זיך אונטערגעשריעבען אויפ'ן וועקסעל.

א קורצע צייט שפּעטער האָט אויסגעבראָכען א פייער אין דער הויז פון איין ערב. דער אַנדער ערב איז אַרומגע־לאָפען א פערצווייפעלטער, געמאַכט געוואַלדען און געבראָ־כען מיט די הענד. „וואָס שרייסטו? וואָס ליאַרמסטו?“ האָבען איהם מענשען געפרעגט. „יענעמס הויז איז דאָך אין דעם אַנדער עק שטאָדט, גאַנץ ווייט פון דיין הויז!“ האָט ער געענטפערט: „וואָס ווייסט איהר? ער און איך האָבען זיך ביידע אונטערגעשריבען אויף איין וועקסעל און יעצט, אַז ער ברענט אָב און ווערט אַן אָרימאַן, בלייב איך דער איינציגער ערב און וועל מוזען בעצאָהלען דעם וועקסעל.“

נ מ ש ל

ווען דער אייבערשטער האָט געגעבען די תורה צו די

אידען, האָט ער זיי געפרעגט: „ווער וועט ערב זיין, אַז איהר וועט די תורה היטען?" האָבען די אידען געענטפערט: „די צדיקים, די זקנים, פון אונזער דור און אונזערע קינדער וועלען ערב זיין פאַר אונז." אַזוי לאַנג ווי די גרויסע צדיקים, די זקנים האָבען געלעבט, האָבען מיר קיין דאגה ניט געהאַט פאַר אונזערע קינדער, אָבער יעצט, אַז די גרויסע צדיקים זיינען ניטאָ מעהר, פאַלט די גאַנצע ערבות אויף אונזערע קינדער.

## 161
# אַ לעכערדיגער זאַך

איינער, אַ אָרימאַן, האָט געהאַט אַ רייכען ברודער, וועלכער האָט געוואוינט גאַנץ ווייט פון איהם. דער רייכער פלעגט יעדען יאָהר שיקען דעם אָרימאַן אַ געוויסע סומע געלד, און דאָס איז פאַר דעם אָרימען ברודער געווען אַ גרויסע הילף. נאָכדעם איז אוועק אַ צייט און דער רייכער ברודער האָט אויפגעהערט צו שיקען שטיצע, און דער אָרימער ברודער האָט געלעבט אין גרויס דחקות, און איז נאָך געוואָרען אַ בעל חוב.

נאָכדעם ווי עס זיינען אריבער אַ צוויי־דריי יאָהר און דער אָרימער ברודער האָט פון דעם רייכען גאָרנישט געהערט, איז דער רייכער ברודער געקומען אין זיין שטאָדט צו זיין אויפ'ן יריד. נאָר קודם כל איז דער רייכער ברודער אריינגעקומען צו דעם אָרימען און האָט צו איהם געזאָגט:

„הער צו מיין, מיין ברודער! מאַך מיר אויס אַ חשבון ווי פיעל געלד דו דאַרפסט האָבען, וועל איך דיר גלייך געבען."

דער אָרימאַן האָט אויסגערעכענט פיעל ער איז שולדיג

אין די קראמען, פיעל ער איז שולדיג דירה געלד, פיעל ער איז שולדיג מענשען ביי וועמען ער האט געליהען מזומן געלד, און פאר איין וועג אויך צוגעשריבען פיעל ער דארף האבען חתונה צו מאכען זיין טאכטער. דער רייכער ברודער האט א קוק געטאהן אויפ'ן חשבון, האט גלייך אויסגעצעהלט דעם גאנצען סך הכל, און נאכדעם האט ער געזאגט:

„זעה, ברודערל, איך האב דיר בעזארגט מיט אלעס וואס דו דארפסט איידער איך האב דא אנגעפאנגען מיין געשעפט, וויל מארגען פאנגט זיך אן דער יריד און איך וועל זיין זעהר פערנומען מיט מסחר. דערפאר בעט איך דיך, אז אין דער גאנצער צייט פון דעם יריד זאלסטו מיך לאזען צורוה, און זאלסט ניט קומען מיר דולען דעם קאפ מיט דיינע עסקים."

אן ארימאן איז דאך ווי א לעבערדיגער זאק, און אזוי גלייך ווי דער ארימער ברודער האט בעקומען דאס געלד, אזוי שנעל איז דא ביי איהם צורונען פון די הענד, און ער איז ווי־דער געבליבען אהן א גראשען געלד ביי דער נשמה. דער רייכער ברודער האט טאקע אויף מארגען געעפענט זיין געװעלב אויפ'ן יריד, און האט אנגעהויבען צו מאכען גוטע געשעפטען.

דעם ארימאנס פרוי איז ארויס בעטראכטען דעם יריד און זי האט דארט געזעהן איהר רייכען שוואגערס געוועלב, אין וועלכען עס זיינען געווען אויסגעשטעלט פערשיעדענע קליידער שטאפען פון וואל, זיידענס און סאמעט. מענשען זיינען געשטאנען און האבען געקויפט סחורה, דער אויף צו מאכען זיך נייע קליידער, און דער אויף צו פעררכטען אלטע בגדים. און יעדער איינער האט געצאהלט מזומן געלד. איז די ארימע פרוי אוועק אהיים און האט צו איהר מאן געזאגט: „דיין ברודער מאכט דארט גאלדענע געשעפטען. אפשר וואלסטו צוגעגאנגען און איהם דערצעהלט, אז די ביסעל געלד וואס ער האט אונז געגעבען איז שוין ביי אונז אוועק און

אז מיר האבען שוין ווידער ניט פון וואס צו לעבען. ער מוז דיר ווידער העלפען. ניש־קשה, ער מעג געבען מעהר."

„אבער ווי קען איך געהן ביי איהם ווידער בעטען געלד?" האט דער מאן גע'טענה'ט. „איך האב דאך איהם גע־געבען מיין ווארט, אז איך וועל איהם מעהר ניט טשעפען, — היינט ווי קען איך גאר ווייזען די אויגען פאר איהם?"

„דו פאלג מיך און טוה אזוי," האט די ווייב געזאגט. „דו געה אין מארק און שטעל זיך אוועק ביי זיין געוועלב מיט די אנדערע קונים, און מאך זיך אזוי ווי דו וואלסט וועלען קויפען א שטיקעל רעשטעל צו פעררירכטען א בגד, און אז דו וועסט איהם פרעגען א מקח, וועסטו פאר איין וועג איהם זאגען, אז דו האסט קיין געלד ניט, וועט ער דיר געבען."

דער מאן האט זיך געלאזט איינרעדען. ער איז אוועק צו זיין ברודערס געוועלב און האט זיך אוועקגעשטעלט מא־פען די רעשטלעך, וואס זיינען דארט געווען אויסגעלייגט. דער רייכער ברודער האט פערשטאנען זיין מיין און ער האט צו איהם געזאגט: „וואס זוכסטו? א רעשטעל צו פעררירכ־טען דיינע זיידענע מלבושים? ברענג דיינע זיידענע מלבושים אהער, וועל איך דיר צופאסען א ריכטיגען שטיקעל שטאף. אבער איך ווייס דאך, אז דו ביזט אן ארימאן און קיין זיידענע קליידער האסטו ניט, טא וואס זוכסטו, דו קבצן איינער?"

## נ מ ש ל

דאס איז וואס מענשען זאגען א שפאסיגען ווערטעל, „א לעבערדיגען זאק קען מען קיינמאל ניט אנפילען." אבער וועה איז דעם זאק וואס איז נעבעך פול מיט לעבער. ביי איהם איז דאס גאר קיין שפאס ניט.

# 162
# לחם עוני

אן ארימאן איז איינמאל דערהויבען געווארען און איז געווארען אן עושר. האט ער זיך געפרעגט וואס דער אייבערשטער האט איהם צוגעשיקט הצלחה, אבער ער האט מורא געהאט דאס אז ער וועט זיך צוגעוואוינען צו א לעבען פון לוקסוס וועלען איהם זיינע פערגעניגענס מעהר ניט איינגעהן. פלעגט ער נאך יעדען מאהלצייט נעהמען אן אלט שטיקעל טרוקען ברויט, דאס טונקען אין זאלץ און עסען און פערטרינקען מיט וואסער. און דאס פלעגט איהם דערמאנען אן די צייטען ווען טרוקען ברויט מיט זאלץ און וואסער איז געווען זיין שטענדיגער מאהלצייט.

שפעטער האט זיך דער רעדעל איבערגעדרעהט, ער איז געווארען אן ארימאן און האט געמוזט ארומגעהן איבער די הייזער. איינמאל האט איהם א רייכער מאן געלאדען צו עסען ביי איהם. נאכדעם ווי דער ארימאן האט אבגעגעסען א שעהנעם און זאטען מאהלצייט, האט ער געבעטען ביים בעל הבית, אז ער זאל איהם געבען אן אלט שטיקעל ברויט צום פערבייסען. האט זיך דער בעל הבית געוואונדערט און געפרעגט: „צו וואס דארפסטו יעצט עסען אלטע ברויט?"
האט דער ארימאן איהם דערצעהלט די גאנצע געשיכטע און ווי ער איז זיך נאך יעצט נוהג צו עסען אן אלט שטיקעל ברויט נאך א גוטען מאהלצייט. האט דער בעל הבית געזאגט: „מילא, אז דו ביזט געווען רייך האט עס געהאט עפעס א זין, אבער יעצט צו וואס טהוסטו עס?"

„איך וועל אייך ערקלערען," האט דער ארימאן געענטפערט, „יעצט בין איך אפילו אן ארימאן, אבער ביי מיר איז

נאָך פערבליבען עפּעס פון מיינע עשירות, און דאָס איז א וועקסעל אויף פינף טויזענד רענדלעך, וואָס דער טערמין צו צאָהלען איז נאָך נים געקומען. און ווען דער טערמין וועט קומען און איך וועל קריגען וואָס מיר קומט, איז דאָ נאָך א האָפנונג, אז איך וועל ווידער ווערען רייך, וויל איך נים פערגעסען מיין אלטען מנהג."

נ מ ש ל

דאָס איז אויך א משל געגען דעם לחם עוני, וואָס מיר האָבען געגעסען אין ארץ ישראל צום אנדענקען פון אונזער שקלאַפעריי אין מצרים, און כאָטש מיר זיינען יעצט ווידער אין גלות, היטען מיר נאָך אלץ דעם אַנדענקען, ווייל ווען עס וועט קומען דער „טערמין" פון אונזער גאולה, וועלען מיר ווידער זיין אין ארץ ישראל און מיר דאַרפען דערוויייל נים פערגעסען דעם אנדענקען פון „לחם עוני".

## 163

## „הא לחמא" און „כהא לחמא"

אז אַרימער פּאַקענטרעגער פלעגט זיך אַרומשלעפּען מיט זיין זאַק און מיט זיין רענצעל פון שטאָדט צו שטאָדט. ער פלעגט פערקויפען ציצית, מזוזות, סדורים'לעך און דאָס גלייכען. איינמאָל איז ער אַנגעקומען אין א גרויסער שטאָדט און דאָרט האָט ער געלייזט א סך געלד. ער האָט דאָרט פערדיענט אַזוי פיעל געלד דאָס ער איז געוואָרען א סוחר און וואָס וויימער האָט ער געהאָט אַלץ מעהר הצלחה, ביז ער איז געוואָרען א גרויסער גביר.

ער האָט דערנאָך איינגעפיהרט, אז יעדען יאָהר זאָל ער אין דעם טאָג וואָס ער איז אַנגעקומען אין דער גרויסער שטאָדט מאַכען א יום טוב, צום אַנדענקען פון דער הצלחה

וואס דער טאג האט איהם געבראכט. און יענעם טאג פלעגט ער רופען „פאקענטרעגער יום טוב". ווייל ער איז אהין געקומען אלס אן ארימער פאקענטרעגער, און אין דעם יום טוב פלעגט ער אויף זיינע פלייצעס טראגען דעם אלטען זאק מיט'ן רענצעל, און דער פאקענטרעגער יום טוב איז ביי איהם געווען טייערער פון אלע ימים טובים, און זיינע קינדער פלעגען אין דעם טאג קריגען נייע מלבושים און שעהנע מתנות.

אבער דער מזל איז דאך ווי א ראד וואס דרעהט זיך. האט שפעטער זיך געמאכט אז דער נייער גביר האט פערלארען זיין גאנצען פערמעגען און איז געווארען אן ארימאן. איז ער געזעסען פערטראכט, פערזארגט, און געזוכט פלענער ווי אזוי ער זאל קענען מפרנס זיין זיין פרוי און קינדער. האט זיין פרוי צו איהם געזאגט: „וואס ביזטו אזוי פערזארגט? דאנקען דעם אייבערשטען ביזט נאך א געזונטער מענש און דו האסט נאך דיין זאק מיט דיין רענצעל. וואס האבען דיר געגעבען פרנסה איידער דו ביזט געווארען א גביר. ארימקייט איז קיין שאנד. נעהם און געה ארוים איבער'ן שטאדט מיט דיינע אלטע ארטיקלען."

דער מאן האט זיך צוגעהערט. ער האט איינגעזעהן אז זיין פרוי האט רעכט. האט ער ארויפגענומען אויף זיך דעם זאק מיט'ן רענצעל און איז געווען גרייט אנצופאנגען זיין אלטען מסחר.

זיינע קינדער האבען דערזעהן אז דער טאטע נעהמט אויף זיך דעם זאק מיט'ן רענצעל, האבען זיי געמיינט אז דאס פראוועט ער זיין „פאקענטרעגער יום־טוב". האבען זיי אנגעהויבען צו פרעגען: „וואו זיינען אונזערע מתנות? וואו זיינען אונזערע נייע מלבושים?"

„קינדערלעך, יעצט זיינען אנדערע צייטען," האט זיי דער פאטער ערקלערט. „אמאל פלעג איך זיך פערשטעלען פאר אן ארימען פאקענטרעגער, אבער איך בין געווען רייך

און איך האָב אייך געקענט געבען מתנות. היינט טראָג איך דעם זאַק מיט'ן רענצעל ווייל איך בין אַ ריכטיגער פּאַקען־טרעגער און אַ ריכטיגער אָרימאַן."

נ מ ש ל

דאָס איז אַ משל געגען די צוויי נוסחות „כהא לחמא" און „הא לחמא", וואָס מיר האָבען אין דער הגדה. אַמאָל, אַז מיר זיינען געווען אין ארץ ישראל, און אונז איז געווען זעהר גוט, האָבען מיר בעטראַכט דעם לחם עוני בלויז אַלס אַן אָנדענקען פון די נסים, וואָס אונז זיינען געשעהן אין מצרים, און דארום האָבען מיר געזאָגט „כהא", וואָס דאָס מיינט אַז מיר עסען לחם עוני בלויז אַלס ביישפּיעל. אָבער יעצט, ווען מיר זיינען אין גלות און מיר זיינען ווידער פערשקלאַפט, פּאַסט זיך שוין זאָגען „הא", עס הייסט אַז דיזער ברויט, וואָס מיר עסען יעצט, איז דערזעלבער וואָס אונזערע עלטערען האָבען געגעסען אין מצרים.

## 164

## אַ הונגעריגער פרעגט ניט

אמאָל איז געווען אַ רייכער מאַן, אַ גרויסער מיוחס, און ער האָט געהאַט אַז איין־איינציגע טאָכטער, וועמען ער האָט געוואָלט זעהן גליקליך. האָט זיך געמאַכט אַ זעהר געראָטענער בחור, אַ שעהנער, אַ וואויל־לערנער, נאָר זיינע עלטערען זיינען געווען זעהר אָרים. אָבער דעם גביר איז דער אָרימער בחור שטאַרק געפעלען געוואָרען און ער האָט בעשלאָסען איהם צו נעהמען פאַר אַן איידים.

צו דער חתונה האָט דער גביר אויסמעבלירט זיין הויז אויפ'ן רייכסטען שטייגער. זיין טאָכטער האָט ער אויסגע־

פוצט ווי א פרינצעסין, און ער מיט זיין פרוי האבען זיך אויך זעהר רייך אנגעטאהן. א מאהלצייט האט ער געמאכט כיד המלך און די שעהנסטע און רייכסטע בעלי־בתים זיינען געווען געלאדען צום טיש.

אבער דער חתן האט זיך גאנץ ווייניג געקימערט וועגען דעם פוץ און לוקסוס אין הויז און די שעהנע קליידער. ער האט זיינע אויגען געהאלטען אין טעלער. ער האט קיינמאל אין זיין לעבען ניט גענעסען אזעלכע געשמאקע אכילות, און ער האט געפאקט אין זיך ווי נאר ער האט געקענט.

נאך דער חתונה, א צייט שפעטער, האט דער חתן אנ־געהויבען ארומצופרעגען זיין שווער וועגען זיין יחוס, וועגען זיין משפחה, און אויך ווי גרוים איז זיין קאפיטאל. ער האט געוואלט וויסען, אויב ער האט זיך ניט אבגענארט מיט'ן שידוך. דער שווער איז אין כעס געווארען און האט אויסגעשריען: „ווארום האסטו די זאכען ניט געפרעגט פריה־ער, פאר דער חתונה?"

„דאן בין איך געווען הונגעריג," האט דער איידים גע־ענטפערט, „און מעהר ווי די אכילה איז מיר דאן ניט גע־לעגען אין זינען."

## נמשל

דערפאר זאגען מענשען א ווערטעל „א הונגעריגער פרעגט ניט".

## 165
# שמיץ אנשטאט צוקערקעס

א קליינער אינגעל האט איינמאל איז דער פריה, ווען ער האט געדארפט געהן איז חדר, זיך גענומען שטארק פיעס־צען. וואס נאר זיין מוטער האט איהם געגעבען צו עסען איז איהם אלץ ניט געפעלען געווען. דער פאטער האט דאס צוגעזעהן, האט ער דעם אינגעל געפרעגט: „זאג מיר, וואס ווילסטו?"

„איך וויל ניסלער," האט דער אינגעל געזאגט.
„נא דיר ניסלער און געה איז חדר."
„איך וויל ראזשינקעס."
„נא דיר ראזשינקעס."
„איך וויל אן עפעל."
„נא דיר אן עפעל."
איך וויל צוקערקעס."
„צוקערקעס ווילסטו? שמיץ וועל איך דיר געבען!"

האט דער פאטער בייז אויסגערופען, האט גענומען דעם קאנ־טשיק און האט דעם אינגעל געגעבען א גוטע פארציע שמיץ, ווייל דער פאטער האט איינגעזעהן, אז אלעס וואס דער אינגעל פרעגט איז בלויז אן אויסרייד און זיין כונה איז דאס ער וויל ניט געהן איז חדר.

### נ מ ש ל

די אידען, ווען זיי זיינען געווען איז מדבר, האבען אויפגעהויבען א געוויין און א קלאג, אז זיי ווילען עסען פלייש. דער אייבערשטער האט געוואוסט, אז דאס וואס זיי האבען געבעטען פלייש איז בלויז געווען אן אויסרייד,

ווייל דער מן האט איז זיך געהאט אלע טעמים, אפילו אויך פון פלייש. טא צו וואס האבן זיי געבעטן פלייש? דער אמת איז, אז זיי האבן ניט געוואלט גיין אין ארץ ישראל, ווייל זיי האבן זיך פערבענקט נאך דעם הפקר לעבן, וועל־כען זיי האבן געפיהרט אין מצרים.

## 166
# דער בלינדער

צו א סעודה האט איינער איינגעלאדען א צאהל געסט. די געסט האט מען אויסגעזעצט ארום א לאנגען טיש, יעדען איינעם אויף א פאסענדען ארט, לויט זיין וויכטיגקייט. ווי דער שטייגער איז, דערלאנגט מען די שיסעל צוערשט צום בעל־הבית, און נאכדעם ווי ער נעהמט אראב פון דעם זיין חלק, גיט ער איבער די שיסעל צו דעם נאהנטסטען וואס זיצט נעבען איהם. יענער נעהמט אויך אראב א חלק און גיט דערנאך איבער די שיסעל צו דעם נעקסטען. און עס פערשטעהט זיך, אז יעדער איינער נעהמט אראב דעם בעסטען חלק, איידער ער גיט איבער די שיסעל צו דעם אנדערען . . .

צווישען די געסט איז געווען איינער א בלינדער. און ווען דער וואס איז געזעסען נעבען איהם האט איהם דער־לאנגט די שיסעל, האט ער איהם זעהר געדאנקט. האבען איהם שפעטער א פאר פון זיינע פריינד געזאגט:

„צו וואס האסטו געדאנקט דעם וואס האט דיר גע־געבען די שיסעל? איידער ער האט דאס דיר געגעבען האט ער דאך צוערשט אראבגענומען דעם בעסטען חלק פאר זיך, און דאס וואס ער האט דיר געגעבען איז וואס ער אליין האט שוין ניט געקענט נעהמען פאר זיך. און עס איז ניט געווען זיינע, נאר דעם בעל־הבית, וועלכער האט אונז גע־

לאדען צו דער סעודה. בעסער דאנק דעם בעל־הבית, ווייל מיר האבען געגעסען פון זיינע.״

נ מ ש ל

מענשען זיינען בלינד. זיי דאנקען זייערע בעלי טובות וואס גיבען זיי אוועק דאס וואס זיי קענען אליין ניט פער־נוצען, אבער זיי פערגעסען צו דאנקען דעם, פון וועמעס האנד עס קומט אלעס.

## 167
# א גוטער תלמיד

ראובן איז געוועזן שולדיג שמעון׳ען געלד. ראובן האט אבער קיין חשק ניט געהאט צו בעצאהלען דעם חוב, איז ער געקומען צו לוי׳ן פרעגען אן עצה, ווי פון יענעם פטור צו ווערען און ניט בעצאהלען.

„דו טוה אזוי,״ האט לוי געזאגט צו ראובן. „ווען שמעון וועט קומען צו דיר מאהנען זאלסטו זיך מאכען פאר א משוגע־נעם, זאלסטו שפרינגען איהם אנקעגען, זאלסטו הירזשען ווי א פערד, מיאקען ווי א קאץ, ברומען ווי א בער, און איבער־הויפט זאלסטו פייפען. וואס מעהר דו קענסט פייפען אלץ בעסער. און דו וועסט שוין זעהן ווי שמעון וועט אנטלויפען.״

ראובן איז אוועק אהיים און האט גענומען מאכען פראַ־בע, אזוי ווי עס טוהט א חזן פאר די ימים נוראים, און ווען שמעון איז צו איהם געקומען מאהנען זיין געלד און ער האט געזעהן זיינע משוגענע שטיק, האט ער זיך שטארק דער־שראקען און איז אנטלאפען.

א צייט שפעטער האט ראובן געבאפט א גמילת חסד ביי לוי׳ן. ער האט צוגעזאגט צו בעצאהלען אין א בעשטימ־

טע צייט, און אז ער האָט ניט בעצאָהלט איז לוי געקומען צו איהם מאָהנען.

ווי נאָר לוי איז אריין, האָט ראובן אָנגעהויבען איהם צו שפּרינגען אָנקעגען. ער האָט געברומט ווי אַ לייב, גע־רעוועט ווי אַן אָקס, געהירזשעט ווי אַ פערד, און געפּייפט האָט ער אויף נאָטען. האָט לוי אויפגעהויבען זיין שטעקען און האָט איהם גענומען שלאָגען מכות רצח, שרייענדיג: „דו אַנזעצער איינער! אַט די עצה האָב איך דאָך דיר געגעבען און יעצט ניצסטו דאָס אויס אויף מיר אויך?...“

## נ מ ש ל

דער אייבערשטער האָט דעם מענשען געשענקט אַ טייערע מתנה, „שכחה“, כדי ער זאָל פערגעסען זאַכען וואָס זיינען ניט גוט פאַר איהם צו געדענקען. דען ווען מענשען וואָלטען אימער געדענקט פון זייערע עלטערען, וואָס זיינען געשטאָרבען, אָדער פון זייערע קינדער, וואָס זיינען יונג אַוועק פון דער וועלט, אָדער אַ מאַן וואָלט אימער געדענקט זיין פערשטאָרבענע פרוי און אַ פרוי וואָלט ניט פערגעסען איהר פערשטאָרבענעם מאַן, וואָלט דער מענש כסדר געלעבט אין טרויער און די וועלט וואָלט געוועזען פערפלייצט מיט טרעהרען. אַט דארום האָט דער אייבערשטער געגעבען דעם מענשען אַ טייערען מיטעל, „שכחה“, אַז ער זאָל קענען פער־געסען.

וואָס טוהט אָבער דער מענש? ער נעהמט דעם טיי־ערען מיטעל און ווענדט איהם אָן געגען דעם וואָס האָט איהם דעם מיטעל געגעבען. ער פערגעסט אויף דעם איי־בערשטען!...

## 168
## דער שלעכטער ביישפּיעל

א גנב איז אום האלבע נאכט אריין אין שפּייז־קראם, האט מיטגענומען פון די בעסטע זאכען, וויפיעל ער האט גע־קענט אנשטאפּען אין זיינע קעשענעס, און נאכדעם איז ער אוועק און האט געלאזט די טיהר אפען.

אין דער פריה זיינען פערבייגעגאנגען ווייסע חברה׳־ניקעס און זיי האבען געזעהן א קראם מיט גוטע זאכען און די טיהר איז אפען. האבען זיי זיך אויך אריינגעכאפּט און גענומען וויפיעל זיי האבען געקענט טראגען. הינט און קעץ האבען דערשמעקט אז מען קען דא עפּעס געניסען, זיינען זיי אויך געקומען נעהמען א חלק.

לסוף איז דער ערשטער גנב געכאפּט געווארען און מען האט איהם געבראכט אין געריכט. האט ער געזאגט צום בעל־הבית: „איך וועל דיר בעצאהלען פאר די סחורה וואס איך האב ביי דיר גע׳גנב׳עט און מאך ניט קיין קלאגע געגען מיר."

„דו שלעכטער מענש, איינער!" האט דער קרעמער אויסגערופען. „די סחורה וואס דו אליין האסט גענומען איז א קלייניגקייט געגען דעם גרויסען שאדען וואס דו האסט מיר געמאכט, דורכדעם וואס דו האסט געלאזט די טיהר אפען, און געצייגט א וועג פאר אנדערע מיך צו בע׳גנב׳ענען."

### נמשל

ווען א תלמיד חכם בעגעהט א זינד, איז זיין זינד פיעל גרעסער צוליעב דעם, ווייל ער גיט א ביישפּיעל צו אנדערע אז זיי זאלען אויך זינדיגען אזוי ווי ער. דען זיי זאגען, אז

דער תלמיד חכם טוהט אזוי מעגען מיר דאך אודאי. ער לאזט פאר זיי אן אפענע טיהר.

## 169
## צוויי געסט ביי איין טיש

א אינגעל איז געקומען פון חדר עסען מיטאג ווען אלע זיינען שוין געזעסען ביים טיש. האט ער געוואשען די הענד און זיך אויך געזעצט מיט אלעמען. ביים מאהלצייט זיינען געווען צוויי פרעמדע מענשען, איינער איז געווען רייך גע־קליידעט, קענטיג א גביר, אן עושר, דער אנדערער האט אויף זיך געהאט א צוריסענעם רעקעל און האט אויסגעזעהן צו זיין אן ארימאן וואס געהט ארום איבער די הייזער. האט דער חדר־אינגעל בעמערקט אז דער רייכער עסט מיט גרויס אפעטיט, און ווען מען דערלאנגט איהם א שיסעל נעהמט ער אראב א גרויסען חלק און פאקט אין זיך אהן א שיעור, און דער ארימאן עסט זעהר ווייניג, און ווען מען דערלאנגט איהם די שיסעל נעהמט ער אראב פון דעם א גאנץ קליין ביסעל. דער אינגעל האט זיך ניט געקענט אבוואונדערען, און נאכ'ן מאהלצייט האט ער געפרעגט ביי זיין מוטער: „זאג מיר, מאמע, פארוואס איז דער רייכער גאסט געווען אזוי הונגעריג און דער ארימאן איז אזוי ווי ער האט גאר־ניט געוואלט עסען?"

„פערשטעהסטו מיך אזוי, מיין קינד," האט די מוטער איהם ערקלערט. „דער ארימאן איז נעבעך געווען זעהר הונגעריג, ער האט געהאט א פיעל גרעסערען אפעטיט פון דעם רייכען. נאר דעם רייכען מאן האבען מיר גערופען צום טיש, און מיר האבען איהם געדארפט עטליכע מאל בעטען ביז ער האט איינגעוויליגט צו עסען מיט אונז, האט

ער מיט זיין עסען אונז געוואלט פערשאפען פערגניגען. אבער דער ארימאן האט זיך אליין איינגעבעטען. מיר האבען זיך אויף איהם גאר ניט גערעכנט. ער איז אריינגעקומען אין הויז גראדע ווען מיר האבען געדארפט געהן צום טיש, האט זיך געשטעלט ביים טיהר, געפרעגט אויב מיר קענען איהם געבען עפעס עסען. עס פערשטעהט זיך, אז דער טאטע האט איהם געהייסען זיך זעצען צום טיש. און ווייל דער ארימאן האט געפיהלט אז ער איז אן איינגעבעטענער גאסט, האט ער זיך געשעהמט.“

## נמשל

הכנסת אורחים, געבען א גאסט עסען, איז איינע פון די גרעסטע מצוות, אבער מען דארף דעם גאסט בעטען מיט'ן גאנצען הארצען, איהם צייגען אז ער איז א ווילקאמענער גאסט, אזוי ווי אברהם אבינו האט איינגעלאדען די מלאכים. ער איז זיי געלאפען אנקעגען, האט זיך געבוקט פאר זיי און האט שטארק געבעטען אז זיי זאלען זיך אבשטעלען ביי איהם אויף א מאהלצייט.

## 170
# אן אנזעצער אהן מזל

איינער וואס האט ארומגערייזט איבער'ן לאנד און האט זיך געזוכט לייכטע פרנסות, איז אנגעקומען אין א שטאדט וואו ער האט געזעהן א מערקווירדיגע תפיסה. אין א גע־ראמען צימער איז געזעסען א מאן און האט געגעסען ביי א שעהן געגרייטען טיש. א דיענער האט איהם בעדיענט און געבראכט די טייערסטע עסענס און געטראנקען. אבער נעבען דעם מאן איז אויך געשטאנען א סאלדאט מיט א ביקס

אויף די פלייצעס און געהיט אז ער זאל ניט ענטלויפען. אין דרויסען, ביים טיהר, איז געשטאנען נאך א סאלדאט און אבגעהיט דעם ארויסגאנג.

דער וואנדערער האט געפרעגט וואס דאס בעדייט און ווער איז דער מאן וואס מען בעהאנדעלט אזוי שעהן, ווי א גוטען גאסט, און מען היט איהם דאך אזוי ווי א קרימי־נאלניק. האט מען איהם אזוי ערקלערט:

„דער מאן איז געווען א גרויסער סוחר, נאר די לעצטע צייט איז איהם אוועק שלעכט און ער איז געווארען באנקראט. האבען זיינע קרעדיטארען איהם איינגעשפארט אין תפיסה און מען האלט איהם דארט ביז מען וועט איבערקוקען זיינע ביכער און מען וועט אבשאצען דעם פערמעגען וואס ביי איהם איז נאך פערבליבען. און אויב עס וועט זיך ארויסווייזען אז ער האט טאקע ניט מיט וואס צו צאהלען, וועט מען איהם מוזען פריי לאזען. דען וואס קען מען טאהן מיט אן ארי־מאן? די נשמה קען מען דאך ביי איהם ניט צונעהמען.“

דעם וואנדערער איז די געשיכטע שטארק געפעלען גע־ווארען. איז ער אריין אין א רייכער אכסניא, די בעסטע אין שטאדט, און האט זיך געהייסען געבען דעם שעהנסטען צימער. עסען האט ער זיך בעשטעלט אזוי ווי א גרויסער גביר. יעדען טאג געבראטענע קאטשקעס און טייבעלעך און די בעסטע וויינען. אט אזוי האט ער אין דער אכסניא פער־בראכט א גאנצען חודש. די גאנצע צייט האט דער בעל־אכסניא געדולדיג געווארט אויף זיין געלד, ווייל דער גאסט האט געזאגט אז ער האט ליעב צו צאהלען א גרויסע סומע אויף אמאל. נאר צום סוף חודש, אז עס האט זיך שוין אנ־געקליבען א גרויסער חשבון און דער בעל־אכסניא האט גע־נומען שטארק פאדערען זיין געלד, האט דער גאסט געענט־פערט: „איך האב ביי זיך ניט אפילו קיין מזומנ'עם גראשען. ווילט איהר, קענט איהר מיך אריינזעצען אין תפיסה . . .“

דער בעל־אכסניא האט לאנג ניט געווארט און האט דעם

גאסט געלאזט אריינגעצען אין תפיסה. אבער דאס איז שוין געווען א גאנץ אנדער תפיסה ווי יענע. דעם אומזיסטען פרע־סער האט מען אריינגעזעצט אין א פינסטערען קעלער, וואו עס איז געווען קאלט און נאס, און עסען האט מען איהם גע־געבען טרוקען שווארץ ברויט מיט וואסער. האט דער פרע־סער געפרעגט ביים געפענגנעניס־אויפזעהער: „איך בעט אייך, מיין האר, ערקלערט מיר וואו איז דא דער יושר? יענעם אנזעצער האט איהר אריינגעזעצט אין א גראמען צימער, איהר גיט איהם די פיינסטע עסענס און געטראנקען, און איהר בעדיענט איהם אזוי ווי ער וואלט געווען א גראף, און מיך האט איהר אריינגעזעצט אין א פינסטערען קעלער, און איהר גיט מיר ניט גענוג צום עסען.“

„איך וועל דיר דאס ערקלערען,“ האט דער אויפזעהער געענטפערט. „יענער איז געווען אן ארענטליכער סוחר כל ימיו. ער האט אימער געהאנדעלט עהרליך, באמונה, און האט געצאהלט זיינע קרעדיטארען אימער אין צייט. אז ער האט גענומען סחורה אויף בארג האט ער געוויס געמיינט צו בעצאהלען. ער האט געוואלט צאהלען, אבער צוליעב שלעכטע געשעפטען קען ער ניט בעצאהלען. אבער דו, מנובל איינער, ביזט דאך לכתחילה געקומען אין דער אכסניא זיך אנצופאקען מיט אלע גוטע זאכען און דו האסט געוואוסט אז דו קענסט ניט און דו וועסט ניט בעצאהלען, דארום מוזטו ליידען און אבקומען פאר דיין שווינדעל.“

## נמשל

דאס איז דער אונטערשיעד פון איינעם וואס בעגעהט א פערברעכען גאנץ אונגערן, בשוגג, ביז איינעם וואס זינ־דיגט מיט אבזיכט, במזיד.

## 171
## אַ בעווייז פון אַ בדחן

צוויי ברידער האָבען געוואוינט אין איין שטאָדט. איינער איז געווען רייך, דער אַנדערער — אָרים. פלעגט דער רייכער ברודער אויסהאַלטען דעם אָרימאַן און פלעגט איהם געבען אויף עסען, אויף טרינקען און אויף קליידער. דער גביר פלעגט זיך פּיהרען, אַז נאָכדעם ווי ער פלעגט אויסטראָגען אַ בגד, פלעגט ער איהם אוועקגעבען צו זיין אָרימען ברודער.

איינמאָל, אַז דער רייכער האָט בעגעגענט זיין אָרימען ברודער אין גאַס, האָט ער געזעהן אַז דער בגד, וואָס ער האָט געגעבען דעם אָרימען ברודער ערשט מיט אַ פּאָר טעג צוריק, הייננט אויף איהם ווי אַ זאַק. אַלע קנעפּלעך זיינען געווען אויסגעריסען, די האָרץ איז געווען ביי איהם אָפען און דער בויך האָט זיך אַרויסגעזעהן. „וואָס איז דאָס פאַר אַ גאַנג?" האָט דער רייכער ברודער געפרעגט. „ערשט צוויי טעג אַז איך האָב דיר געגעבען דעם בגד און עס הייננט שוין אויף דיר ווי אַ שמאַטע!"

„אָבער דער בגד איז שוין געווען אַ שמאַטע ווען דו האָסט איהם מיר געגעבען!" האָט דער אָרימאַן געענטפערט.

דער רייכער ברודער האָט זיך בעדענקט אַז ער וועט זיין ברודער אויספּרובירען, אויב ער איז שולדיג אין דעם וואָס ער קען די קליידער ניט טראָגען ווי אַ מענש. האָט ער דעם אָרימען ברודער גענומען אין אַ קליידער־געשעפט. דאָרט האָט ער געקויפט צוויי אַנצוגען פון דעם זעלבען שטאָף. איינעם האָט ער אַליין אָנגעטאָהן און דעם אַנדערען האָט ער געהייסען זיין ברודער אָנטאָהן.

אין עטליכע טעג ארום טרעפט ער ווידער דעם ארימען ברודער אין גאס און ער זעהט אז דער נייער בגד איז שוין אויף איהם אלט געווארען, פערשמירט, פערפלעקט, די קנעפּ־לעך אויסגעטרענט, און עס זעהט זיך ארויס די הארץ. „וואס איז מיט דיר?“ האט דער רייכער ברודער גענומען טענה'ן. „זעה, אט איז מיין אנצוג וואס איך טראג נאך ניי, ריין און גאנץ, און דיינער איז שוין אלט, צוריסען, און אהן קנעפּלעך! ווער איז שולדיג אין דעם, אויב נייט דו אליין, וואס דו קענסט ניט אויפּפּאסען אויף דיינע קליידער?“

„וואס פערשטעהסטו ניט,“ האט דער ארימער ברודער גענטפערט, „אזוי איז שוין דאס געזעץ פון דער נאטור, אז ביי אן ארימאן זאלען זיין די קליידער פערשמירט און פער־פלעקט און אז קיין קנעפּלעך זאלען זיך ביי איהם ניט האלטען.“

דער רייכער ברודער האט דעם תירוץ געגלויבט און האט עס אנגענומען פאר אן אמת. א צייט שפּעטער זיינען ביידע ברידער געווען אויף א חתונה. איז דארט געווען א בדחן, וואס האט זיך פערשטעלט פאר אן ארימאן, א בעטלער, וואס געהט ארום איבער די הייזער. דער בדחן האט גע־טראגען א ראק וואס איז געווען צו לאנג פאר איהם און הויזען וואס זיינען געווען צו קורץ, און א וועסטעל וואס איז געווען זעהר ברייט. אלע האבען שטארק געלאכט פון דעם בדחנ'ס קליידער און פון אלע זיינע תנועות. אבער דער רייכער ברודער האט איהם גאנץ ערנסט אנגעקוקט און גע־זאגט צו זיין ארימען ברודער:

„זעה, ווי קונציג דער בדחן שטעלט פאר אן ארימאן און מאכט נאך זיינע רייד, זיינע תנועות און זיין קליידונג — אלעס אזוי ריכטיג, און דאך קענסטו זעהן אז אין זיינע אלטע קליידער געפינען זיך אלע קנעפּלעך, און ער געהט פערשפּילעט ווי א מענש. דאס צייגט אז ניט דיין ארים־

קיינעם איז שולדיג אין דעם וואס דו ביזט אזוי נאכלעסיג, נאר טאקע ווייל דיין אייגענע נאטור איז אזא."

נמשל

אז א איד וויל לעבען ריין און עהרליך, קען ער דאס טאהן אפילו אין גלות.

## 172
# די בעסטע עצה

איינער האט אמאל גע'גנב'עט א פערד און נאכדעם האט ער חרטה בעקומען אויף דער עבירה. איז ער געקומען צו א רב פרעגען, וואס ער זאל טאהן. ער האט דעם פערד גע'גנב'עט איז פעלד און ער ווייס ניט צו וועמען דער פערד געהערט און צו וועמען ער זאל איהם אומקעהרען. האט דער רב איהם געענטפערט: „וואס קענסטו זיך קיין עצה ניט געבען? לאז ארויס דעם פערד פון דיין שטאל, וועט ער שוין אליין וויסען וואוהין צו געהן."

נמשל

די נשמה קומט פון א הייליגען ארט. דער נאר פער־שלעפט זי איז בלאטע און נאכדעם פרעגט ער עצות ווי די נשמה צוריק צו ברענגען אויף איהר ארט. אלעס וואס ער דארף טאהן איז, זיך צו בעפרייען פון זיינע תאוות און ארויסלאזען די נשמה פון זומפ, וועט די נשמה אליין קומען צו איהר ארט.

## 173
# צונומען די הויז

איינער, א שווינדלער, וואס האט ליעב געהאט צו כאפּען און בארגען, האט זיך אויסגעבויט א הויז פון פרעמדע קלעצער. ער האט גענומען ביי איין האלץ־סוחר א ביסעל קלעצער אויף בארג, א ביסעל ביי אן אנדערען און א דריטען, און אזוי האט ער צוזאמענגעשלעפּט גענוג קלעצער אויף א שעהנעם און גרויסען בנין, און האט קיינעם ניט בעצאהלט פאר דעם בוי־מאטעריאל.

די האלץ־הענדלער פלעגען ארומגעהן די הויז מיט פערקלעמטע הערצער, אבער זיי האבען זיך גארנישט געקענט העלפען. וואס האבען זיי געקענט טאהן? זאל יעדערער ברעכען א הויז צוליעב זיינע עטליכע קלעצער? דאס איז דאך ניט מעגליך. אבער עס איז איינמאל געקומען א צייט, אז דעם שווינדלער האט זיך פערוואלט איבערבויען די הויז אויף אן אנדער פלאץ, און ווי נאר ער האט די הויז פאנאנדערגענומען, זיינען אנגעלאפען די האלץ־הענדלער און יעדער בעזונדער האט זיך צוגענומען דאס זייניגע. יעצט האט שוין דער בעל־הבית ניט געהאט קיין מוטה זיך צו שטעלען אנטקעגען די מענשען, ווייל ער איז געווען שולדיג.

### נ מ ש ל

די הויז מיינט בית ישראל, דאס אידישע פאלק. יעדער איינציגער פון אונז איז פערזונקען אין חובות איבער'ן קאפּ, פאר די זינד וואס מיר האבען בעגאנגען. אבער כל־זמן אידען לעבען אין אחדות און אין שלום און זיי האלטען זיך צוזאמען, האט קיין שטן און קיין בייזעס קיין שליטה ניט איבער

זיי. אבער ווען עס מאכט זיך ביי אידען א קריעג, א שפאל־טונג, און די געביידע ווערט פאנאנדערגענומען, דאן קומען אידישע שונאים און צונעהמען אלעס, טיילען־ווייז.

## 174
## דער ערשטער איז דער לעצטער

איינער א גביר, וואס איז געווארען א גבאי, האט גע־מאכט א סעודה פאר די שטאדט־לייט און ער האט איינגע־לאדען גרויס און קליין, ארים און רייך. ער האט געגעבען דעם שמש א צעטעל מיט די נעמען פון אלע וואס ער האט געוואלט לאדען. און ווי עס פיהרט זיך, האט ער די וויכטי־גערע מענשען געשטעלט צוערשט, כדי מען זאל זיי רופען פריהער, און די געמיינערע מענשען האט ער געשטעלט צו־לעצט, כדי דער שמש זאל זיי רופען שפעטער.

איינער א פראסטער מענשעל, א גרויסער חצוף, וואס האט זיך ניט געקענט דערווארטען ביז דער שמש וועט קומען איהם רופען, האט זיך אויפגעהויבען און איז אליין אוועק צו דער סעודה. ער איז געקומען גאר דער ערשטער און האט זיך אוועקגעזעצט ביים טיש אויף א געהויבענעם ארט. א שעהנער בעל־הבית, וואס איז געקומען שפעטער, האט איהם געפרעגט: „ווי שיקט עס זיך, אז דו ביזט געקומען פריהער? איך האב דאך געזעהן ביים שמש דעם צעטעל מיט אלע נעמען און דיין נאמען איז גאר געווען דער לעצטער . . .“

„וואס פרעגסטו איהם,“ האט אן אנדער שעהנער בעל־הבית געזאגט. „ונעסט זעהן, אז כאטש ער איז געקומען דער ערשטער, וועט ער דאך פערבלייבען דער לעצטער.“

און אזוי איז דאס טאקע געווען. ווען די סארווערס האבען אנגעהויבען צו דערלאנגען דעם עסען, האבען זיי

פריהער געגעבען צו די וויכטיגע מענשען, און איהם, דעם חצוף, האבען זיי געלאזט אויף צולעצט. און ווען אלע געסט זיינען זיך שוין צוגאנגען אהיים, איז ער, דער חצוף, נאך געזעסען ביים טיש, איינער אליין.

נ מ ש ל

כבוד מוז מען פערדיענען. מען קען עס אליין ניט כאפען.

## 175
## דעם אָרימאַנס אַפּעטיט

א נגיד און אן ארימאן האבען געלעבט אין שכנות. דער נגיד האט געזעהן ווי זיין ארימער שכן ארבייט שווער און ביטער, שלעפּט אויף זיך גרויסע פּעק א גאנצען טאג ביז א שטיק אין דער נאכט, און דאך האט דער שכן אויסגעזעהן פרעהליך, מונטער, זיין פּנים איז געווען רויט און זיין קערפּער איז געווען געזונד ווי אייזען. ווערענד ער, דער נגיד, איז געווען דאר און קוואר, און האט ניט געהאט א טראפּען בלוט אין זיינע באקען.

האט דער נגיד איינמאל געפרעגט דעם ארימאן: „זאג מיר, מיין פריינד, וואס אזוינס עסט דו, וואס דו זעהסט אויס אזוי געזונד און שטארק?"

„וואס איך עס?" האט דער ארימאן געענטפערט. „וואס זאל עסען אזא ארימאן, א דלפון, ווי איך? איך עס שווארץ ברויט מיט זאלץ און מיט וואסער, און אמאל, אז דער אייבערשטער העלפט מיר, עס איך אויך א ברעקעל הערינג."

„אט פון אזעלכע מאכלים ווערט מען שטארק?" האט דער נגיר זיך געוואונדערט. „היינט ווי שטארק דארף איך

שוין זיין, וואס איך עס ווייסע חלה און געבראטענע קאטש־קעס און די פיינסטע קאמפאטען? אנו, לאמיר פראבירען דיינע מאכלים."

און דער בייבער מאן האט אנגעהויבען צו עסען גראבע שווארץ ברויט מיט הערינג. אבער נאכדעם ווי ער האט זיך געשפייזט מיט דעם מאכל עטליכע טעג כסדר, איז ער קראנק געווארען און האט זיך געמוזט לייגען אין בעט. האט ער געשיקט נאך זיין ארימען שכן און האט איהם געבעטען, אז ער זאל איהם ערקלעהרען פארוואס ער איז קראנק געווארען פון די עסענס, פון וועלכע דער שכן קלייבט געזונד און כחות.

„איך וועל דאס אייך ערקלעהרען," האט דער ארימאן געענטפערט. „עס איז א גאנץ פשוט'ע זאך. אז איך שטעה אויף אין דער פריה איז ביי מיר אין הויז גארנישט דא וואס צו עסען. איך געה אוועק מיט א ניכטערען מאגען און שלעפ אויף זיך שווערע פעק. ערשט נאך האלבען טאג פערדיען איך אויף א לאבען שווארץ ברויט. און מיין פרוי מיט מיינע קינדער, וועלכע זיינען שוין גוט אויסגעהונגערט, בעפאלען מיך מיט גרויס שמחה ווען איך קום אריין אין הויז מיט ברויט. און דאן עסען מיר אלע מיט גרויס אפעטיט און דער גראבער שווארצער ברויט שמעקט אונז בעסער ווי אלע דיינע טייערע מאכלים. וואס קריכען דיר שוין פון האלז. אט דערפאר זיינען מיר אלע געזונד."

## נמשל

א סך מצוות, וואס דער אייבערשטער האט אונז גע־געבען, זעהען אויס צו זיין אהן א טעם און מען קען זיי ניט ערקלעהרען. אבער די צדיקים, וואס פלייסען זיך און בע־מיהען זיך אין דער תורה, און טראגען אויף זיך דעם יאך פון אידישקייט מיט ליעבע, אט די געפינען יא א געשמאקען טעם אין די מצוות.